YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i44

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 44
November 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 44)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/23

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, 6).
אַ מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועלכע מען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
וואודראָ ווילסאָן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאָירקערס יוניאן

VOL. I. No. 44. NEW YORK, FRIDAY, NOVEMBER 14, 1919. פרייטאג, נאָוועמבער 14. PRICE 3 CENTS

אונזערע ערשטע $35,000 פאַר׳ן שטאָהל סטרייק

ערשטער אינסטאָלמענט פון דעם פערטעל־מיליאן דאלאר געגעבען דורך פרעזידענט שלעזינגער אויף דעם מיטינג לעצטען שבת אין מעדיסאָן סקווער גארדען — אלעס צוזאמען איז אויף דעם מיטינג געשאפען געוואָרען די סומע פון 169 טויזענד דאלאר. — די גרעסטע סומע, וואס איז אמאָל געשאפען געוואָרען אויף אן ארבייטער־מיטינג אום צו העלפען סטרייקער — מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גארדען, אייבערופען פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג אין ניו יארק. — א קבלה אויפ׳ן טשעק פון וויליאם ז. פאסטער.

לעצטען שבת האט שטאטגעפונדען דער גרויסער היסטאָרישער מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גארדען, ערשטענס, אום צו שאפען באלדיגע הילף פאר די שטאָל־סטרייקער, און, צווייטענס, אום באקאנט צו מאכען דעם אמעריקאנער עולם מיט דעם ריכטיגען צושטאנד פון סטרייק, און גענענצואווירקען די גאנצע פארקויפטע קאפיטאליסטישע פרעסע, וועלכע וויל ניט אנדערש איינריידען דעם גלויביגען עולם, אז דער שטאָל־סטרייק איז שוין אזוי גוט ווי געבראָכען.

ביידע ציעלען פון אָט דעם גרויסען מיטינג זיינען דערגרייכט געוואָרען אויפ׳ן בעסטען אופן.

עס איז אמת, אז דער גרויסער מעדיסאָן סקווער גארדען איז ניט געווען אין גאנצען פול. דער מיטינג איז אראנזשירט געוואָרען עטוואס צו שנעל, אזוי דאס ער האט ניט געקענט גוט אדווערטייזט ווערען. א חוץ דעם איז דער גאנצער סקווער געווען ארומגערינגעלט מיט א קייט פון פאליסלייט און דעטעקטיווס, וועלכע האבען ניט אריינגעלאָזען פיעלע מענשען אונטער דעם פאלשען אויסרייד, אז דער גארדען איז שוין איבערפילט, און הונדערטע ארבייטער זיינען צוריקגעגאנגען, כאטש אין האל איז געווען פלאץ פאר נאך עטליכע טויזענד, אבער אָט דאס אלעס האט דאך ווייניג געשאדט דעם מיטינג און אויפ׳ן מיטינג איז געשאפען געוואָרען די גאנץ היבשע סומע פון 169 טויזענד דאלאר, א סומע, וואס וועט ניט דערלאָזען פאר די נעקסטע פאר וואָכען די שטאָל־סטרייקער, איבערהויפט זייערע פרויען און קינדער, צו ליידען הונגער.

די ערשטע באדייטענדע סומע האט ביינעשטייערט אונזער אינטערנעשאנאל דורך איהר פרעזידענט שלעזינגער.

עס איז שוין ביז איצט געזאמעלט געוואָרען אויף דעם חשבון פון דעם פערטעל מיליאָן דאלאר, צו וועלכען די אינטערנעשאנאל האט זיך פארפליכטעט, 35 טויזענד דאלאר, האט שלעזינגער גלייך דערלאנגט דעם טשעק. דאן איז געקומען די אמאלגאמייטעד, וועלכע האט שוין געזאמעלט הונדערט טויזענד דאלאר, און סעקרעטער שלאָסבערג האט געגעבען א טשעק אויף די סומע, און דאן זיינען געקומען אנדערע גרעסערע און קלענערע סומען און זיי אלע האבען גאנץ קלאר געמאכט, אז די ניו יארקער ארבייטער־באוועגונג וועט ניט דערלאָזען, אז דער שטאָל־סטרייק זאל געבראָכען ווערען דורך די הונגער־נויט.

וואס אנבאטרעפט דעם צווייטען פאל, האבען פיטצפעטריק און פאסטער, די צוויי הויפט־פיהרער פון דעם סטרייק, דורך זייערע רעדען, איבערצייגט דעם עולם, אז דער סטרייק, ניט קוקענדיג אויף אלע אכזריות׳דיגע פארפאלגונגען, שטעהט אייזענצייכענט, אז די אהבייט אין די מילען ווערט ניט געמאכט, און אז עס איז ניטא די מינדעסטע אויסזיכט, אז זי זאל געמאכט ווערען; אזוי לאנג ווי דער שטאָל־קעניג גערי וועט ניט נאָכגעבען דאס רעכט פון די ארבייטער זיך צו אָרגאניזירען און אויסוועהלען זייערע אייגענע פארשטעהער.

פאלגענדען בריעף האט וויליאם ז. פאסטער צוגעשיקט אין דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנאל:

טייערער פריינד שלעזינגער:

איינגעשלאָסען וועט איהר געפינען א קבלה פאר די 35 טויזענד דאלאר, וואס אייער אָרגאניזאציאָן האט בייגעטראָגען צום שטאָל־סטרייק־פאָנד. ווי קען איך אייך דאנקען גענוג פאר די גרויסארטיגע שטיצע אייערע צו די שטאָל־ארבייטער אין זייער העלדישען קאמף איינצופיהרען וועניגסטענס עטוואס מענשליכקייט צו פרייהייט אין דער שטאָל־אינדוסטריע? איך בין זיכער, אז יעדער דאלאר, וואס איהר וועט אריינלעגען אין דיעזען קאמף, וועט זיך צוריקקעהרען צו אייער אָרגאניזאציאָן אין אזא אָדער אנאנדער פאָרם כפל כפלים.

דאנקענדיג אייך נאך א מאל, און מיט די בעסטע ווינשע, פארבלייב איך
ברידער אייערער,
וויליאם ז. פאסטער,
סעקרעטאר־טרעזשורער.

די וויסט מאכער יוניאָן לאָקאל 25 וועהלט אוים א נייע עקזעקוטיווע

ווי אונזערע לעזער וויסען שוין, איז לעצטע וואך פארגעקומען א רעפערענדום־וואוט אין דער וויסט און דרעסמאכער יוניאָן לאָקאל 25 פאר א נייער עקזעקוטיווע.

דער עקזעקוטיוו באָארד באשטעהט פון 35 מיטגליעדער. מיר גיבען דאָ איבער די נעמען פון די, וואס זיינען ערוועהלט געוואָרען, און די צאָהל שטימען וואס זיי האבען באקומען:

אננא עפשטיין 1,099; ראָוז דזשענט 1,041; סערעה קאפלאן 1,041; י. לייבאָוויץ 976; ה. וויסגלאס 954; פּאָרלין שטיין 930; ה. גאָלוב 900; ב. ראָטהשטיין 880; אייווא פעקער 793; סערעה גאָלדבערג 399; אייברעהעם לופין 384; ד. טשערנושין 359; מאללי קאַטץ 359; אָלגא בעקמאן 350; פענני בלעכער 329; סיידי ראקאָף 310.

פרעסערס ברענטש: לואיס קאהען 922; י. זילבערבערג 768; מייער לעוו 767.

טאָקערס ברענטש: ה זילבערמאן 948; י. עהרליך 900.

בראָנקסער ברענטש: ל. בעררייט 884; ר. קראוס 830.

איטאליענער ברענטש: ר. אראָניקא 986; ל. גוגליעלמאָ 972; פ. גיאנאָנע 966; א. בארטאָלא 960; פ. ווידזשילאנטע 960; דזש. ראננא 846.

ברוקלין ברענטש: י. ספעקטאָר 853; ס. נאטהאנסאָן 325.

בראָנזווילער ברענטש: מ. אָסטראָווסקי 335.

הארלעמער ברענטש: מ. אָרענשטיין 365.

עס זיינען, אלזא, ערוועהלט געוואָרען 33 מיטגליעדער. עס דארפען ערוועהלט ווערען נאך צוויי, פון בראָנזוויל און פון הארלעם, און דאס וועט באלד געטאָן ווערען.

די וואהלען זיינען פארגעקומען אין אָפּיס פון דער יוניאָן, 16 וועסט 21טע סט. די מיטגליעדער האבען געשטימט דעם 6טען, 7טען און 8טען נאָוועמבער.

פון גאנצען הארצען גראטולירען מיר דער ניי־ערוועהלטער עקזעקוטיווע פון דיעזער גרויסער יוניאָן! די עקזעקוטיווע איז א זעהר פאראנטוואָרטליכע קערפערשאפט. דער גאנצער שיקזאל פון דער יוניאָן ליגט פאקטיש אין איהרע הענד. מיר האָפען, אז די עקזעקוטיווע וועט פארשטעהן איהר פאראנטוואָרטליכקייט און דאס זי וועט אויפ׳ן בעסטען אופן דיענען די אינטערעסען פון דער יוניאָן, וואס די גרויסע מעמבערשיפ האט איהר אנפארטרויט.

אינהאלט־פארצייכניס

גערעכטיגקייט נומער 44.

זייט 2. די לאגע אין דעם מיינער סטרייק — נ. בוכוואלד.
זייט 3. די זאגענאנטע גאראנטי — מ. קאַווינסקי. טרייד און אָרגאניזאציאָנס פראַגען — מאקס גארבער און ס. קרימקאָוויץ.
זייט 4. ווי די וועלט באוועגט זיך — דזשוליעט סטוארט פוינטץ.
זייט 5. א אידישער שפראַך־קאנגרעס — א. גלאנץ. א בריעף פון באסטאָן — י. י. זאריצקי.
זייט 6. ווען מען זאגט משוגע... — ב. י. גאָלדשטיין. עקזעקוטיוו באָארד מיטינג פון לאָקאל 25 — י. שעהנהאלץ. קלאָוקשאפ קאָלעקטיוס פאר׳ן 100 טויזענד דאָלאר פאָנד — פיליפ קאפלאָוויטש.
זייט 7. צווישען די קלאָוקמאכער אין באַלטימאָר — א. ד. גלושקאוו. לעבען און טעטיגקייט אין די אָפיסעס פון דזשאינט באָארד — א סטעף רעפּאָרטער.
זייט 8. א געזעג נאך ליעבע (ראָמאן.) — פאלינא וואלמי.
זייט 9. טרייד יוניאָן באוועגונג פאר די באַפרייאונג פון די פאליטישע אַרעסטירטע.
זייט 10. פון רעדאקטאָר׳ס נאָטיץ ביכעל.
זייט 11. דער קויהלען סטרייק און „אונזערע" קאנגרעס־לייט — ב. מיימאָן. ווען זיינען פרויען אמאַינטערעסאַנטער? (פעליעטאָן) — דער לעבעדיגער.
זייט 12. אין דער טעאַטער וועלט — דער קריטיקער.
זייט 13. סעקרעטער באראָף׳ס רעפּאָרט צום לעצטען פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין באַפאלא.
זייט 14. לייזער דער שמיד (סקיצע) — מ. שמואלזאהן. פאר וואס? — א. ל. וואלפסאָן.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראָזע בעדריק בלינדער. קאלעידאסקאָפּישע צייט־בילדער — דר. ק. לעא.
זייט 16. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19 — אַדווערטייזמענטס.
זייט 20. אינטערנעשאנאל עדיוקיישאַנאל דעפּארטמענט. אַן ערקלערונג פון פרעזידענט [illegible] שלעזינגער.

באָסעס אסאָסיאיישאָן פאָדערט אן אינדזשאָנקשאָן געגען דער טשילדרענס דרעסמאכער יוניאָן לאָקאל 50

לעצטען ספרינג, אין דער צייט פון גרויסען וויסטמאכער סטרייק אין ניו יארק, האט די טשילדרענס דרעסמייקערס יוניאָן לאָקאל 50 אויך געהאט א גענעראל־סטרייק, וועלכער איז באלד געסעטעלט געוואָרען דורך א קאָלעקטיווען אגרימענט. דער אגרימענט איז אבער מיט א פאר מאָנאט שפעטער אָפּגעבראָכען געוואָרען און די יוניאָן האט אנגעפאנגען פיהרען די געשעפטען אינדיווידועל, מיט יעדען מאנופעקטשורער באזונדער.

דער סכסוך ציהט זיך שוין זייט אייניגע מאָנאטען. די יוניאָן בעאמטע פון דעם לאָקאל טענה׳ן, אז די מאנופעקטשורערס אסס׳ן האט דעם אגרימענט געבראָכען. די אסס׳ן טענה׳ט אבער, אז די יוניאָן האט דעם אגרימענט געבראָכען און איצטער האט די אסס׳ן זיך געווענדעט אין קאורט נאך אן „אינדזשאנקשאָן" צו פארווערען דער יוניאָן צו רופען סטרייקס אין די שעפער פון די טשילדרענס דרעס מאנופעקטשורערס.

די הירינג אין קאורט וועט פארקומען היינט, מיטוואך, דעם 12טען, בעת מיר שרייבען די שורות, אין דעם ספעשעל טוירם, פארט 1 פון סופרים קאורט, און עס בלייבט צו זעהן, אויב דער געריכט וועט דער אסס׳ן אזא „אינדזשאנקשאָן" ארויסגעבען געגען דער יוניאָן.

די יוניאָן וועט אין קאורט פארטרעטען עקס קאנגרעסמאן מאיר לאָנדאָן.

ווי איהר זעהט, פאנגט זיך איצט אָן אין דער יוניאָן־וועלט א נייע סדרה פון „אינדזשאנקשאנס".

וויכטיגע באקאנטמאכונג!

די „גערעכטיגקייט" ערשיינט איצט מיט א טאג פריהער ווי געוועהנליך; מיר געהען צום פרעס מיטוואך אנשטאט דאנערשטאג, ווי ביז יעצט.

אלע אונזערע ארטיקעל שרייבער, סעקרעטערע פון די לאָקאלס און קארעספאָנדענטען ווערען דעריבער אויפגעפאָדערט צוצושיקען דעם מאטעריאל פריהער. מאָנטאג איז דער שפעטסטער טאג וואס מיר קענען אריינגעהמען זאכען פאר׳ן ליפעגדען נומער.

רעדאקציע.

לײדיעס טײלארס יוניאן לאקאל 80 פײערט דעם זיעג פון לעצטען סטרײק

די ניו יארקער לײדיס טײלארס און אלטערײשאן שנײדער יוניאן, לאקאל 80, האט לעצטען שבת אבענד געפײערט דעם זיעג פון דעם לעצטען זעהר ערפאלגרײכען סטרײק. דורך דעם לעצטען גענעראל סטרײק פון די לײדיס טײלארס איז דער טרײד װידער פאלשטענדיג יוניאניזירט געװארען און די יוניאן, װי די מיטגליעדער האבען איצט װירקליך אלע אורזאכען צו פײערען דעם זיעג. דער זיעג פון די לײדיס טײלארס איז געפײערט געװארען אין אודיטאריום פון די װאשינגטאן אירװינג הײ־סקול, דורך א שעהנעם קאנצערט און א פאר פאסיגע רעדען.

דער הויפט בעל שמחה פון אװענד איז געװעזען אונזער װײס פרעזידענט סעמיועל לעפקאװיטש. ברודער לעפקאװיטש איז ניט קײן מיטגליעד פון דעם לאקאל, ער איז אבער מיט דער לײדיס טײלארס יוניאן לאקאל 80, זײט די לעצטע פאר יאהר ענג צוזאמענגעבונדען. ער האט געהאלפען די יוניאן צוריק אויפלעבען און ער איז געװען דער פיהרער ניט נור פון דעם לעצטען זעהר ערפאלגרײכען סטרײק נור אויך פון א פאר אנדערע סטרײקס װאס די יוניאן האט דורכגעמאכט אין די לעצטע עטליכע יאהר, ביז דער טרײד איז ענדליך װידער פאלשטענדיג ארגאניזירט געװארען. ער איז דעריבער באעהרט געװארען מיט'ן כבוד צו זײן דער טשערמאן פון דעם אבענד.

אײדער דער קאנצערט האט זיך אנגעפאנגען האט ברודער לעפקאװיטש געהאלטען אן אײנדרוקספולע רעדע. ער האט געגעבען א קורצען איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער לײדיעס טײלארס יוניאן אין ניו יארק, די פארשײדענע שטופען װאס זי איז דורכגעגאנגען, די פיעלע קריזיסען װאס זי האט דורכגעמאכט, אײבער איהרע זיעגען און דורכפאלען, װאס זי האט אין פארלויף פון די לעצטע 7־8 יאהר געהאט, ביז דעם איצטיגען גרויסען זיעג װאס עס איז געװאונען געװארען דורך דעם לעצטען גענעראל סטרײק. ער האט פארענדיגט מיט א װארימען אפיעל צו די מיטגליעדער, צו שטעהן װײטער פעסט מיט דער יוניאן, צו זײן אײניג, געטרײ און איבערגעבען צו זײער ארגאניזאציאן, אין דעם װײטערען קאמף פאר א שעהנערען און בעסערען לעבען.

דער עולם האט די רעדע אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאזם.

עס האט דאן נאכגעפאלגט דער קאנצערט פון קלאסישער מוזיק, אין װעלכען דער באװאוסטער פידעל־שפיעלער, מארים ניטקע האט זיך באזונדערס אויסגעצײכענט.

א גאנץ װארימע באגריסונגס רעדע האט אויך געהאלטען דער סאציאליסטישער דזשארדזש, דזשײקאב פענקין, און עס איז איבריג צו זאגען, אז ער האט באקומען א גרויסע אװאציע.

א קורצע רעדע האט אויך געהאלטען מיסעס פענקין, װעלכע איז געלאפען אויפ'ן סאציאליסטישען טיקעט פאר אלדערמאן, און די אנװעזענדע האבען זיך פארפליכטעט צו העלפען איהר פארענדיגען דעם קאמפײן.

סעקרעטער אב. בארא און די װײס פרעזידענטען פאניא מ. קאהן און עלמער ראזענבערג, װעלכע זײנען אנאנסירט געװארען אלס רעדנער, האבען צוגעשיקט טעלעגראמען, װײל עס איז פאר זײ אונמעגליך געװען צו קומען רעדען, זײענדיג פארנומען בײ אנדערע מיטינגען און קאנפערענצען.

א באזונדער באגײסטערונג האט ארויסגערופען א טעלעגראמע פון די סטרײקענדע לײדיס טײלארס און אלטערײשאן שנײדער פון ניו הײװען, קאנעקטיקוט. לעצטען שבת איז גראדע זײער סטרײק געסעטעלט געװארען מיט א זיעג פאר די ארבײטער, און דיזע סטרײקער האבען צוגעשיקט א באגריסונגס טעלעגראמע צו זײערע ניו יארקער שװעסטער און ברידער, װעלכע האבען אין דעם זעלבען טאג געפײערט דעם זיעג װאס זײ האבען געװאונען מיט עטליכע װאכען פריהער.

אין קורצען, עס איז געװען א שעהנער, גײסטרײכער און גענוסרײכער אװענד.

א סטעף־רעפארטער.

ענינים פון אונזער אינטערנײשאנאל אין דער פרעסע

(שלוס פון זײט 6).

פראגע פון װעלכען מיר נעהמען ארויס דעם פאלגענדען אויסצוג:

„די דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד פון די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס האט בײ איהר לעצטען מיטינג אין באפאלא באשלאסען אנצופאנגען א באװעגונג צוריק אויפצובויען דעם אינטערנאציאנאלען פארבאנד פון די נאדעל ארבײטער פון דער גאנצער װעלט. צו דיזען צװעק װעט דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל ב. שלעזינגער אפפאהרען אין יוראפ, װאו ער װעט זיך שטעלען אין פארבינדונג מיט די שנײדער יוניאנס אין אלע דארטיגע לענדער און װעט זעהן זײ צוזאמענצוברענגען אויף אן אינטערנאציאנאלען קאנגרעס.

אזא פארבאנד האט שוין אײגענטליך עקזיסטירט פאר דער מלחמה. דאמאלס זײנען די אמעריקאנער פרויען שנײדער געװען פארטראטען דורך א פארשטעהער פון דער אינטערנעשאנאל, אבער אזוי װי די שנײדער יוניאנס אין אמעריקא זײנען דאמאלט געװען זעהר שװאך, האבען זײ דארטען קײן גרויסען אײנפלוס ניט געקענט האבען. איצט אבער װען די אמעריקאנער פרויען און מענער שנײדער האבען די שטארקסטע ארגאניזאציאנען פון זײערע פאכען אין דער װעלט איז עס װירקליך זײער פליכט, זײ זאלען װערען די לײטענדע גײסטער און צוריק אויפבויען דעם אינטערנאציאנאל און איהם אנצײגען די װעג אויף װעלכע ער זאל געהן.

די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס פארדיענט א קאמפלימענט פאר דיזער אונטערנעהמונג. עס איז קײן צװײפעל ניט, דאס אלע נאדעל־פאכען פון אלע לענדער װעלען זיך מיט באגײסטערונג אפרופען אויף דעם פארזוך דעם אלטען פארבאנד אויפצולעבען אוך עס װעט בלײבען אויף אײביג א כבוד פאר די אידישע לײדיס גארמענט ארבײטער אין אמעריקא, אז זײ זײנען געװען די ערשטע דיזע װיכטיגע ארבײט אויפצונעהמען".

מיר װעלען זיך ניט אמפערען מיט'ן עדיטאריעל שרײבער פון „פארװערטס" אז אונזער אינטערנעשאנאל קומט א קאמפלימענט פאר װיעדער אנפאנגען אט די גרויסע ארבײט, אויף דאס נײ אויפצובויען דעם אינטערנאציאנאל פון די נאדעל־אינדוסטריע פון דער װעלט.

מאנכע מענשען קאנען מײנען, אז דאס איז נאר ניט אזא װיכטיגע אונטערנעהמונג עס זאל זײן װענען װאס שטארק נתפעל צו װערען. עס איז אבער ניט אזוי. װען עס זאל נאר װירקליך געלינגען אויפצובויען אזא אינטערנאציאנאלען פארבאנד, װאלט ער ברענגען גרויסע נוצען די שנײדער ארבײטער איבער דער גאנצער װעלט. שוין דאס אלײן װאס די שנײדער ארבײטער, מעהר אפשר װי די ארבײטער פון אירגענד װעלכען אנדערען פאך װאנדערען אפט ארום פון אײן לאנד אין צװײטען, מאכט אזא װעלט־פארבאנד העכסט ניצליך.

לעטער קעריערס פון ניו יארק פאר די באפרײאונג פון די פאליטישע פריזאנערס

די לעטער קעריערס יוניאן האט געלאזט װיסען דער ניו יארקער סענטראל פעדערײטעד יוניאן, אז זי האט אינדארסירט די רעזאלוציאן, װאס איז אנגענומען געװארען פון אלע סענטראל באדיס, צו פארלאנגען פון דער פעדעראלער רעגירונג אמנעסטיע פאר אלע פאליטישע פריזאנערס.

די ניו יארקער לעטער קעריערס פארפליכטען זיך צו שטיצען די באװעגונג צו באפרײען די פאליטישע פריזאנערס און װעלען מיטהעלפען, אז די באװעגונג זאל װערען א נאציאנאלע איבער'ן גאנצען לאנד.

די טעג װערט שוין ערעפענט דער אפיס פון דער קערפערשאפט, װעלכע עס איז ארגאניזירט געװארען פאר דיזען צװעק פון אלע צענטראלע קערפערשאפטען פון די יוניאנס פון גרײטער ניו יארק. די קערפערשאפט שטעלט זיך אויך אין פארבינדונג װעגען דעם מיט דער סאציאליסטישער פארטײ, װאו די ארבײט פאר אמנעסטיע פאר די פאליטישע פריזאנערס װעט דורך דעם אננעהמען אן ארגאניזירטען כאראקטער. גרויסע יוניאנס פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אװ לײבאר פארשפרעכען גרויסע סומען געלד פאר דיזען צװעק.

גרויסער מאסס־מיטינג

אין מעדיסאן סקװער גארדען דיעזען שבת אבענד, נאװעמבער 8טען

פאר די שטאהל סטרײקער

אונטער דער אויפזיכט פון אלע גרויסע, צענטראלע קערפערשאפטען פון גרײטער ניו יארק

די סענטראל פעדערײטעד יוניאן.
די אינטערנעשיאנאל לײדיעס גארמענט װארקערס יוניאן.
די אמאלגאמײטעד קלאדינג װארקערס.
די פאראײניגטע אידישע געװערקשאפטען

די יונײטעד קעפ מײקערס יוניאן.
די אינטערנעשיאנאל פאריערס יוניאן.
די װאומענס טרײד יוניאן ליעג
די סאציאליסטישע פארטײ.
די אמעריקאן לײבאר פארטי.

‑רעדנער‑

עדװארד י. האננא, טשערמאן ס. פ. י. — װיליאם פאסטער — ס. הילמאן
פרענק פ. װאלש — דזש. קעננאן — טש. אירװין
דזשאן פיטצפעטריק — ב. שלעזינגער — מאקס פײן

ארבײטער! קומט צו הילף די שטאל סטרײקערס! שטורמט אויף גאנץ ניו יארק נעבען די בלוטיגע אונגערעכטיגקײט װאס װערט בעגאנגען נעגען זײ! קומט צום מיטינג פאררופען פון אײערע צענטראלע ארגאניזאציאנען אין מאסען.

טיקעטס צו בעקומען פרײ אין אלע אפיסעס פון די לאקאלס פון דער אינטערנעשיאנאל אין ניו יארק.

די זאגנאנטע גאראנטיע

פון מ. קאווינסקי.

מיט וואך־ארבייט אין קלאוקס טרייד איז אריינגעקומען אין מאנכע שעפער די זאגנאנטע גאראנטיע, דאס די ארבייטער מוזען קריגען באצאהלט זייערע וויידזשעס פאר א געוויסע צאהל וואכען צי עס איז דא ארבייט צי ניט. אזא גאראנטיע איז אנגענומען געווארען נאר אין איינצעלנע שעפער און דערצו אין יעדען שאפ באזונדער איז די צאהל גאראנטירטע געוועזן פארשידען. איבערהויפט איז דאס איינגעפיהרט געווארען אין די שעפער פון די באסעס, וועלכע זוכען שטענדיג אנצומאכען צרות. יעדער שאפ האט געמאכט זיין פרייז; יעדער שאפ האט אליין אפגעשאצט וויפיעל יעדער ארבייטער איז בארעכטיגט צו קריגען פאר זיין ארבייט, און דער בעל מלאכה קריגענדיג א גאראנטיע האט לייכט געקענט אויסרעכענען דאס 50 דאלער א וואך פאר 20 וואכען, מאכט אויס ניט וועניגער ווי 1000 דאלער, און ער האט געקענט מאכען אזוי זיין לעבען, דאס די 1000 דאלער זאלען איהם קלעקען פאר די 6 מאנאטען ביז'ן צווייטען סיזאן.

נו, איז אבער יעצט ניט קיין נארמאלע צייט. פון זינט דער קאנטראקט איז געשלאסען געווארען ביז צוויי מאנאטען שפעטער זיינען די פרייזען אויף לעבענסמיטלען געשטיגען 25 פראצענט און פון זיינע רעכנונגען איז גארנישט ניט געווארען. פאדערען א העכערונג אין די פרייזען אין מיטען סיזאן וואלט ער געקענט, איז אבער די גאראנטיע א גרויסע שטערונג. אמת, אין געוויסע שעפער האבען די ארבייטער עס דאך געפאדערט. דער הונגער איז שטארקער פון אלע אפמאכונגען, אבער נור אין איניגע. אין די איבריגע איז, אדער מען איז געבליבען איינגעליינט און געשוויגען און אין בעסטען פאל איז מען ארומגעלאפען זוכען, און די זוכעניש ניט אונז קיין געזונד ניט צו.

ווען א באס האט נאך'ן סטרייק גאראנטירט א געוויסע צאהל וואכען פאר'ן יאהר אדער סיזאן אין אונזער טרייד, וואו קיינער ווייס ניט וואס דער סיזאן וועט זאגען, איז דאס ביי איהם געוועזן זיין שטארקסטער ארגומענט פאר ביליגערע פרייזען און עס איז א פאקט דאס אין די שעפער מיט דער גאראנטיע זיינען די פרייזען ניט קיין סך העכער ווי דער סקייל, בעת אין די ניט אנדערע „פרייע" שעפער איז די סקייל לאנג פארגעסען געווארען.

נאר דאס וואלט נאך געווען א האלבע צרה. עס קומען אבער ארויס דערפון ערגערע זאכען: א באס האט גאראנטירט זיינע ארבייטער, לאמיר זאגען, 20 וואכען וויידזשעס פאר דעם סיזאן. אין ברען פון סיזאן האט ער געמאכט א שעהנעם פראפיט, ווייל די דזשאבערס זיינען געווען צופרידען צו צאהלען אירגענד א פרייז, אבי גיב נאר קלאוקס. נאר פלוצלינג האט זיך דער סיזאן אפגעהאקט. צי דערפאר, וואס די פרייזען פאר וואארע זיינען ניט קיין זיכערע, צי ווייל די ריטיילערס האבען געסטרייקט, צי צוליעב אנדערע זאכען, עס איז געווארען סלעק. מען האט אפגעארבייט 16 וואכען. איז אין די שעפער וואו קיין גאראנטיע איז נישטא, האט דער באס אפגעמאכט זיינע פראפיטען, און פארלירען געלד אום צו האבען ארבייט, זאגט ער, לוינט איהם ניט. און איהם ארט וועניג וואס זיינע ארבייטער געהען ארום ליידיג אין אזא שרעקליכען יקרות. נאר דער וואס האט נאך צו צאהלען ווידזשעס זיינע ארבייטער פאר 4 וואכען, ווען דער שאפ איז ניט קיין גרויסער, פון 20 ארבייטער צו 50 דאלער א וואך איז דאך דאס אויך 1000 דאלער א וואך, נעהמען פון פאקעט דירעקט, ווילט זיך ניט. נו, זוכט מען א מיטעל: מען לאזט זיך ארויס זוכען ארבייט, מען נעהמט אן ארדערס, מען קוקט ניט אויף קיינע פראפיטען, בעסער צולעגען א פאר הונדערט דאלער, אלץ איז עס דאך וועניגער ווי 1000, און מען ווערט ביזי. דער שאפ וואס האט ניט קיין גאראנטי מוז אין אזא פאל פארלירען די ארבייט, וועלכע ער האט געקענט האבען און די ארבייט קומט אן די יעניגע וואס מאכען אונטער'ן פרייז. דער רעזולטאט איז, וואס די דזשאבערס אויף וועמען מיר האבען א קליינעם קאנטראל נוצען אויס, אמת, אינדירעקט פאר זייערע פראפיטען. די באסעס קאנקורירען ווידער אויף אונזער רעכנונג, די ארבייט ווערט פארשיעדען באצאהלט אין יעדען שאפ.

אין הונדערטע שעפער איז נישטא קיין שטאף ארבייט, ווען אנדערע זיינען פארלייגט מיט ארבייט. קיין געזונט קומט אונז דערפון ניט צו, ניט לאנג איז אויף דעם גרונד געווען געדרוקט א נאטיץ אין דער וואומענס וועיר, דאס קלאוק מאכער לאזען ארונטער פון זייערע סיזאן פרייזעס. און חברה באסטאן זיינען ניט פויל אנצופאקנען צו רעדען מיט זייערע ארבייטער, זיי זאלען ארונטערלאזען פון די פרייזען און אז די ארבייטער ענטזאגען זיך פון אזא פארשלאג, איז דער באס זיכער, דאס נאר זיין שאפ איז פול מיט באלשעוויקעס. און עס ווערט אן אנגעצויגענע שטימונג.

איך ווייס פון אפרייטארס, וועלכע האבען געקראגען 65 און 70 דאלער א וואך, און אזוי ווי זייער שאפ איז ניט קיין גאראנטירטער, איז נישטא קיין ארבייט איז מען אוועק זוכען, וואו עס איז יא דא ארבייט מיט א גאראנטיע, און מען איז צופרידען צו ארבייטען פאר 45 און 50 דאלער א וואך, די שטימונג איז ניט קיין געהויבענע, עס מוז עפעס געטאן ווערען דערצו, און עס איז נאר דא איין וועג: אדער די זאגנאנטע גאראנטיע זאל פארבאטען ווערען אין אונזער טרייד, די יוניאן איז שטארק גענוג צו געפינען מיטלען, דאס אונזערע באסעס זאלען מוזען אויספאלגען דעם אגרימענט אדער די גאראנטיע זאל איינגעפיהרט ווערען אין גאנצען טרייד און נאר דאן וועט די קאנקורענץ ניט פארקומען אויף אונזער רעכנונג.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

באקלאגט דעם שיקזאל פון קלאוקמאכער

ווערטהער הערר רעדאקטאר!

אלס מעמבער פון לאקאל 23 וואלט איך געוואלט פרעגען אין באצוג דער קלאוק מאכער אינדוסטריע, מיט וואס האט זיך אונזער טרייד אזוי פארזינדיגט וואס ער איז ערגער ווי אלע אנדערע טריידס? גיט א רעכען אויס, פון אלע טריידס אין אמעריקא איז קלאוקס די ערגסטע. באונדערס פאר די וואס ארבייטען אין די סוטס הייזער, וואו דער סיזאן גיט א ברען אכט אדער צעהן וואכען און, דאן נעה לעב מיט דעם נאכהער 6 מאנאט ביי היינטיגען יקרות. איך זעה, אז וואס אמאל מיר סטרייקען, אלץ מעהר פארלירען מיר. נעמט דעם לעצטען סטרייק וואס מיר האבען געהאט. מיר האבען געסטרייקט פאר וואך־ארבייט מיט א מינימום סקייל און מיר האבען דאס געוואונען. איך וויל אייך זאגען, ווערטהער הערר, דאס איך גלויב אין וואך־ארבייט ניט גראדע פון יעצט. איך בין אימער געווען פאר וואך־ארבייט אום דער סיזאן זאל פארלענגערט ווערען. ליידער מוזען מיר זאגען, אז דער טרייד איז ניט פארלענגערט געווארען, נאר פארקירצט געווארען. די בעלי בתים זיינען קליגער פון אונז. ווען מיר האבען געארבייט פון שטיק האט מען אונז געטרייט געבען יעדען טאג אנדערע פעפער צו שמעקען. דעם בעלי הבית האט וועניג וואס געקימערט אפילו ווען ער האט אונז געגעבען אלע שטונדע נייע סטיילס, ווייל דאס איז געווען אויף אונזער חשבון, דארום האבען אונזערע ווערטהע לידערס געדענקט, אז די סיזאנס וועלען זיך ווירקליך פארלענגערען, ווייל, ערשטענס וועט זיך דער ארבייטער ניט דארפען יאגען און אויך די סטיילס וועלען זיין דיזעלבע, און אפשר נאך שווערערע, ווייל מען נעמט דאך היינט אונגעהייערע פרייזען און אויף פאר אווערטיים וועט געצאהלט ווערען אנדערטהאלבען מאל אזוי פיעל.

וואס זעהען מיר יעצט? דער בעל־הבית האט דערזעהן אז דער ארבייטער ארבייט אויף זיין צייט, האט ער ארויסגעווארפען אלע סטיילס און ער מאכט איין סטייל: דאן זיינען אונזערע ארבייטער אביסעלע צו גוט הארציג: דער בעל הבית דארף „מאכען א לעבען", יאגט מען זיך איינער איבער'ן צווייטען. ביידע זאכען צוזאמען, דער ארבייטער יאגט זיך אביסעל, קיין סטיילס מאכט מען ניט, ווערט די ארבייט פריהער פארטיג ווי ווען מען האט געארבייט פון שטיק. שטעלט זיך א פראגע: ווער פראפיטירט פון וואך־ארבייט? דער ארבייטער געוויס ניט. איך בין זיכער ווען אונזערע ווערטהע לידערס זיינען געגאנגען קאנפערירען מיט די בעלי הבתים וועגען א מינימום סקייל, האבען זיי אודאי געמוזט רעכנען אז וואך־ארבייט וועט פארלענגערען די סיזאנס. דארום איז גענוג 42 דאלער א וואך, אבער ווי באלד אז דער סיזאן איז ניט לענגער, נאר קירצער, דארף דער מינימום סקייל זיין פיעל מעהר ווי 42 דאלער א וואך. איך וויל אייך אנמערקען ווערטהער הערר רעדאקטאר, אז איך נעהם 60 דאלער א וואך, ניט קיין 42. וואס איז אבער די יוז, אז איך דארף פון 10 וואכען ארבייט לעבען 6 מאנאטען! דאס מיינט שוין ניט 60 דאלער א וואך, נאר 28 דאלער א וואך. קען מען מען דען ביי יעצטיגער צייט מאכען א לעבען מיט 28 און אפילו 30 דאלער א וואך אין דער צייט ווען רענט האט געשטיגען צוויי מאל אזוי פיעל, און די לעבענס-מיטעל זיינען געשטיגען דריי מאל אזוי פיעל?

ווארום קריגען אנדערע ארבייטער פון אנדערע טריידס באצאהלט פאר זייער ארבייט דאס זיי זאלען קענען א לעבען מאכען אלע 52 וואכען אין יאהר פאר זייערע פאמיליעס ? נעמט די אמאלגאמייטער, די ארבייטען 52 וואכען אין יאהר, זייערע פארדינסטען זיינען פון 50 ביז 70 דאלער א וואך. נעמט די פאריערס, נעמט די בעקערס, אלע מאכען א לעבען פון זייער טרייד, נאר קלאוק מאכער, ספעציעל די סקוירט מאכער, זיי מוזען הונגערען, פאר זיי איז נאר קיין הילף נישטא.

קלאוק מאכער האבען א נאמען דאס זיי פארדינען א סך, דעם אמת ווייסען מיר אליין, איך וועל צוגעבען אז ניט אלע ליידען פון דער טרייד, צעהן פראצענט ארבייטען א גאנץ יאהר, אבער ניינציג פראצענט ליידען פון דער טרייד. אזא אינטעליגענטע טרייד ווי קלאוקס, א באס שעהמט זיך ניט נעמען פאר א סוט 150 דאלער און דער ארבייטער ליידעט הונגער. עס איז ווירקליך א פארדרוס. מיין מיינונג איז, אזוי ווי עס געהט יעצט צום בעסערען סיזאן, זאלען די סקוירט מאכער, ספעציעל די וואס ארבייטען אין די סוטס הייזער, ניט זיין נעגארט. עס וועט געבען א ברען אפ צעהן וואכען אדער וועניגער און איהר וועט דארפען ווייטער הונגערען. פאר די ארבייטער וואס ארבייטען אין די סוטס הייזער פאר זיי עקזיסטירט ניט דער מינימום סקייל 42 דאלער א וואך, נאר 62. ווען די מינימום וועט זיין אפילו 62 וועט דאס אויך הייסען 31 דאלער א וואך, ווייל די אנדערע דריי מאנאט טריקענען אייך אוים די קעפ אומצוגעהן ליידיג. דאס וועט אייך אפילו טעמעני צוגעבען אז מיט 10 וואכען ארבייט און קליינע פארדינסטען, קען מען קיין לעבען ניט מאכען. איך האף, אז איהר וועט זיך ניט לאזען נארען דעם סיזאן.

ווערטהער רעדאקטאר, איהר וועט מיר ענטשולדיגען פאר מיין שלעכט שרייבען און פאר מיין צופיעל שרייבען. איך האף אז איהר וועט דרוקען מיין בריעף פאר די לעזער. איך דאנק אייך פון טיפסטען הארצען.

מאקס גארבער,

לעדזשער נומער 2752.

ווידער די שבת־פראגע

ווערטהער רעדאקטאר!

אך, מיט וואס פאר א שמחה, מיט וואס פאר א פרייד, נאך אזוי פיעל יאהרען פלאגעניש מיט די שטיק ארבייט, מיט די דינגעניש, האבען מיר זיך געזעצט ארבייטען ברידערליך, פון 8 פריה ביז 5 נאכמיטאג און פאר א זיכערען געהאלט. די, וואס האבען געארבייט שבת, האבען געארבייט שבת, און מיר, אידעלעך, האבען געארבייט זונטאג א האלבען טאג, דאס איז געווען נאר, ליידער, איין זונטאג, דעם צווייטען זונטאג קומען ארויף א פאר לצים און פרעגען זיך עפעס אוים און אין מיטען די וואך רופט מען דעם בעל הבית צו א טרייעל פאר דעם פארברעכען, וואס מיר האבען געארבייט אין דעם הייליגען זונטאג, און ער האט באצאהלט 25 דאלער. נו, געוועהנליך, האט ער שוין נישט געלאזט ארבייטען ווייטער זונטאג. נו, זיינען מיר דאך עפעס ברידער, האט מען באשלאסען צו ארבייטען אלע טאג א שטונדע מעהר, דאס הייסט, אנשטאט ביז 5, האט מען געארבייט ביז 6 און אלע זיינען געווען איבערגליקליך צו ארבייטען 5 טאג אין וואך: טאקי משיח'ס צייטען, און די וואס פלעגען אימער ארבייטען שבת, האבען נאך אנגעקוואלען. איך וויל אייך נאך באמערקען, אז איבער'ן גאנצען סיזאן האבען מיר נישט געארבייט קיין אווערטיים, בלויז 4 אווערטיימס. אבער איצט, איצט איז א חורבן. די יוניאן זאגט, אז מען טאר נישט ארבייטען ביז 6, נאר ביז 5, און אויך 6 טאג אין וואך, אי די אידען — די אידען זאלען געהן קיין ארץ ישראל. כשייטש, מיר זיינען דאך פאמיליען־לייטע, פרוי און קינדער צו ערנעהרען, דער יקרות ברענט, די רענט איז בראנד־פייער און אין אלגעמיין זיינען מיר דאך אלע ברידער, סיי אין די יוניאן, סיי אין נאציאן. וועל, דאס אלעס איז קיין תירוץ ניט. איהר ווילט ניט פארלירען די 4 שטונדען, זאגען זיי, ארבייט מען שבת.

סטייטש, וואס ארט עס אייך, טענה'ן מיר, אז מיר ווילען ארבייטען אלע טאג א שטונדע מעהר און ארבייטען 5 טאג א וואך, דאס הייסט דאך אלץ 44 שטונדען?

ניין, זאגען זיי, עס איז דא א סך וואס היטען נישט אפ די יוניאן רולס, זיי ארבייטען שבת און זונטאג.

דאריבער איז וואס? איהר הערט אן איינפאל. אז אין ניו יארק איז דא א פאר הונדערט גנבים בעדארף מען אלע מענשען אין ניו יארק איינזעצען אין פריזאן! ווען עס איז דא עטליכע בעל מלאכות וואס טרעטען איבער דעם געזעץ, באדארפען די הונדערטער פאמיליעס ליידען. אין אלגעמיין די אידען וואס ארבייטען נישט שבת, פאר זיי איז דאך נישטא וואס מורא צו האבען, נאר די גענאסען, די פון אייער חדר, זיי קענען זיך פארגינען צו ארבייטען 7 טאג אין וואך, — אבער וואס זיינען די אידען שולדיג מיט זייערע פאמיליעס אויף די יעצטיגע ביטערע צייט?

יעצט זאל מען זעהען, וואס דער פאליאק זאגט צום אידען אין יוראפ: דו, זשיד, דו מוזט ארבייטען שבת, ווען נישט שמד זיך, אז נישט האק איך דיר ארויס די צייהן. דאס זאגט א גוי וואס ער איז נישט פון מיין נאציאן, ער זאגט מיר איך זאל ארויס פון יוראפ און געהן נאך פאלעסטינא ווען איך וויל זיין א איד. אבער דא רעדט צו מיר מיין יוניאן ברודער און פון מיין נאציאן א ברודער, אז איך וויל נישט ארבייטען שבת זאל איך פארלירען די 4 שטונדען אדער געהן קיין ארץ ישראל. טא וואס איז דער דיפערענץ צווישען פאליאק און יוניאן אין דער הינזיכט ?

מיט גרוים דרך ארץ,

סאלאמאן קרימקאוויץ.

פון דער קאאפעראטיווער פעדעראציע.

א. סטאלינסקי, דער עקזעקוטיוו סעקרעטער פון דער אידישער קאאפעראטיווער פעדעראציע, מאכט איצטער א לעקטשור טור איבער מאססאטשוסעטס, קאנעטיקוט און ניו יארק סטייטס. ער וועט באזוכען יעדע אידישע קאאפעראטיווע געזעלשאפט פון דיזע דריי סטייטס, כדי בנוגע צו מאכען די קאאפעראציעס מיט אלע באשלוסען און נייע פלענער פון דער לעצטער קאאפעראטיווער קאנווענשאן, ווי אויך אום צו באשאפען א מעגליכקייט, אז די „קאאפעראטיווע וועלט" זאל קענען ערשיינען יעדען מאנאט. די טעג וועט די עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער פעדעראציע ארויסשיקען א ספעציעלע צושריפט צו אלע קאאפעראטיוון פון די דערמאנטע סטייטס, וואו עס וועט ווערען מיטגעטיילט די באשטימטע טעג ווען א. סטאלינסקי וועט זיך אפשטעלען אין יעדען שטאדט.

די עקזעקוטיוו קאמיטע וועט אויך די טעג ארויסלאזען עטליכע נייע ליפלעטס אין אידיש איבער קאאפעראציע.

די עקזעקוטיווע איז איצט באשעפטיגט מיט אויסארבייטען פלענער פאר א גרויסען קאאפעראטיווען קאמפיין. די איינצעלהייטען וועלען פארעפענטליכט ווערען שפעטער.

אין ניו יארק, בראנקס, בראנזוויל, נוארק און פעטערסאן וועלען אין גיכען פאראנשטאלטעט ווערען גרויסע מאסמיטינגען, כדי צו באקענען דעם ברייטען עולם מיט דער ארבייט און נייע פלענער פון די אידישע קאאפעראטיווען אין אמעריקא.

עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער אידישער קאאפעראטיווער פעדעראציע.

די לאַגע אין דעם מיינער סטרייק

פון נ. בוכוואַלד.

די מיינערס פאַרלירען אין קאָורט.

די מיינערס האָבען זייער קאַמפּף פאַרלאָרען — אין קאָורט. דזשאַדזש אַנדערסאָן האָט באַוויליגט דעם אינדזשאַנקשאַן, וואָס די רעגירונג האָט געפאָדערט און האָט באַפעהלען, אַז ניט שפּעטער ווי לעצטען דינסטאַג זאָלען די פיהרער פון די מיינערס צוריקרופען דעם סטרייק.

כאָטש מען האָט ערוואַרטעט, אַז דער ריכטער, וואָס האָט אַרויסגעגעבען דעם ציימווייליגען אינדזשאַנקשאַן, וועט אויך באַוויליגען אַז דער אינדזשאַנקשאַן זאָל ווערען אַ שטענדיגער, איז אָבער דער פאַרהער אין געריכט געווען אַן איבעראַשונג. דזשאַדזש אַנדערסאָן האָט די לאַיערס פון די מיינערס ניט געלאָזט אַ וואָרט אַרויסרעדען, ערקלערענדיג אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען דעם רעכט פון אַרבייטער צו סטרייקען, נאָר וועגען פאָלגען דאָס געזעץ. לויט דעם „לעוועך אַקט" איז עס אַ פאַרברעכען פאַר צוויי אָדער מעהר פּערזאָנען צו שטערען די פּראָדוקציע פון ברען־מאַטעריאַלען אַזוי לאַנג ווי די מלחמה געהט אָן. און אַזוי ווי די מלחמה האָט זיך אָפיציעל נאָך ניט געענדיגט, זיינען די פיהרער פון די מיינערס באַגאַנגען אַ פאַרברעכען מיט דעם, וואָס זיי האָבען גערופען דעם סטרייק.

דער דאָזיגער צאַרסקער אורטייל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען לעצטען שבת, און מאָנטאָג האָבען זיך די פיהרער פון די מיינערס פאַרזאַמעלט אין אינדיאַנאַפּאָליס אום צו באַשפּרעכען די לאַגע.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אונטער פאַרמאַכטע טירען, און מען ווייסט דעריבער ניט ווי די בעאַמטע פון די מיינערס האָבען זיך באַציהען צום געריכט־באַפעהל. קענטיג, אַז דאָרט איז פאָרגעקומען אַ שטרייט צווישען צוויי פראַקציעס, וועלכע האָבען פאַרטראַטען צוויי אַנטגעגענגעזעצטע שטאַנדפּונקטען. די וואָס האָבען געפאָדערט, אַז דער באַפעהל פון דער רעגירונג זאָל נאָכגעגעבען ווערען האָבען ענדליך געזיגט. דער סטרייק וועט, אַלזאָ, אָפיציעל צוריקגערופען ווערען.

אָבער דאָס מיינט נאָך ניט, אַז דער סטרייק איז פאַראיבער. מען דאַרף געדענקען, אַז די מיינערס זיינען, ווי איין מאַן, אַרויס אין סטרייק שוין נאָכדעם ווי דער ציימווייליגער אינדזשאַנקשאַן איז אַרויסגעגעבען געוואָרען. די ערשטע וואָך פון סטרייק איז דורכגעגאַנגען רוהיג. די מיינערס האָבען זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגען דעם אינדזשאַנקשאַן און זיינען זיך געזעסען אין דערהיים. זייער מאָטאָ איז געווען: „איהר קענט ניט גראָבען קיין קוילען מיט אַן אינדזשאַנקשאַן". מען קען דעריבער ערוואַרטען, אַז אויך דער אָרדער פון געריכט, אַז דער סטרייק זאָל צוריקגערופען ווערען וועט אויף די סטרייקערס קיין גרויסע ווירקונג ניט האָבען. זיי פאַרשטעהען גאַנץ גוט, אַז די פיהרער האָבען געמוזט צוריקרופען דעם סטרייק, אַז זיי האָבען אויסגעקליבען דעם לעגאַלען וועג כדי צו ראַטעווען די מיינערס יוניאָן. די איינצעלנע מיינערס זיינען אָבער ניט פאַרפליכטעט נאָכצוקומען דעם געצוואונגענעם באַשלוס פון די פיהרער, און דער וואָס איז באַקאַנט מיט די מיינערס און ווייסט זייער קלאַסענבאַוואוסטזיין און זייער ענטשלאָסענהייט צו געווינען זייערע פאָדערונגען, וועט אויף אַ מינוט ניט צווייפלען, אַז זיי וועלען זיך ניט צוריקקערען צו דער אַרבייט, סיידען זייערע פאָדערונגען וועלען נאָכגעגעבען ווערען.

עס איז אויך מעגליך, אַז אַנדערע צווייגען פון דער אַרבייטער באַוועגונג וועלען זיך אָפּרופען אויף דעם אַרויסרוף, וואָס די רעגירונג האָט אַזוי חוצפה'דיג אַ שמיץ געטאָן אין פּנים פון דער אַרבייטער באַוועגונג. אויב עס וועט געפונען ווערען פאַר נויטיג צו שטעלען זיך געגען דער רעגירונג, וועלען זיך די פיהרער פון די אַמעריקאַנער אַרבייטער ניט אָפּשטעלען דערפאַר. אין אַ רעדע אויף אַ באַנקעט, אַראַנזשירט לכבוד דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער קאָנפערענץ, האָט גאָמפּערס געזאָגט:

„וואָס מאַכט עס אויס אויב איך אָדער איהר וועט אַריינגעזעצט ווערען אין פּריזאָן דערפאַר, וואָס מיר האָבען געזוכט צו פאַרטיידיגען די פּרינציפּען פון פרייהייט, גערעכטיגקייט און דעמאָקראַטיע? עס איז בעסער אַז מען זאָל אונז רעספּעקטירען און אַז מיר זאָלען דעם קומענדען דור איבערלאָזען בירושה דעם פּרינציפּ פון פרייהייט, איידער מיר זאָלען לעבען אַ שענדליכען לעבען. צו קענען שטאַרבען איז אַ גרויסע זאַך, עס איז אָבער בעסער צו וויסען ווי צו לעבען פאַר אונזערע מיטמענשען".

די שטעלונג פון דער א. פ. אָוו ל.

די שטעלונג פון דער אַמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר צו דעם מיינערס סטרייק איז אין פילע הינזיכטען אַן אונערוואַרטעטע. כאָטש די מיינערס זיינען אַ טייל פון דער א. פ. אָוו ל., און כאָטש גאָמפּערס, דער פּרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל. האָט דעם אינדזשאַנקשאַן געגען די מיינערס פאַרדאַמט אין שטאַרקע ווערטער, האָט מען ניט ערוואַרטעט, אַז נאָכדעם ווי די רעגירונג האָט געוואונען די קייס אין איהר אייגענעם געריכט און עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ באַפעהל, אַז די פיהרער פון די מיינערס זאָלען צוריקרופען דעם סטרייק ניט שפּעטער ווי דינסטאַג, זאָל זיך דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער א. פ. אָוו ל. אָפען שטעלען געגען דער רעגירונג און אינדאָרסירען דעם סטרייק.

אין דעם סטייטמענט, וואָס דער עקזעקוטיוו קאָונסיל האָט אַרויסגעגעבען, ווערען אָנגעגעבען די גרינדע, פאַרוואָס דער סטרייק איז גערופען געוואָרען און וואָרום דער אינדזשאַנקשאַן איז אַן אויטאָקראַטישער אַקט, וואָס מוז באַקעמפט ווערען ניט פון די אַרבייטער אַליין, נאָר פון אַלע פרייהייטס־ליעבענדע בירגער.

מיר גיבען דאָ איבער די וויכטיגסטע שטעלען פון דעם גאַנץ לאַנגען סטייטמענט:

„דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער אַמעריקען פעדערישאָן אָוו לייבאָר איז מיט דער מיינונג, אַז די בעאַמטע פון די „יונייטעד מיין וואָרקערס אָוו אַמעריקא" האָבען געטאָן אַלעס וואָס זיי האָבען געקענט צו פאַרמיידען דעם גרויסען אינדוסטריעלען צוזאַמענשטויס. פון אַלע גרויסע אינדוסטריען אין אונזער לאַנד איז די קוילען אינדוסטריע די געפעהרליכסטע. די מענשען וואָס לאָזען זיך אַרונטער אונטער דער ערד צו גראָבען קוילען אום צו באַפרידיגען די אינדוסטריעלע באַדערפנישען פון אונזער פאָלק, זיינען באַשעפטיגט אין דער שווערסטער און געפעהרליכסטער אַרבייט וואָס איז נאָר דאָ.

מען האָט קיינמאָל ניט גענומען גענוג אין אַנבעטראַכט די אומשטענדען, אונטער וועלכע די קוילען־מיינערס אַרבייטען. אין קיין אַנדער באַשעפטיגונג איז דער איינצעלנער אַרבייטער אַזוי אָפּגעזונדערט, און אין קיין אַנדער באַשעפטיגונג איז ניטאָ אַזאַ מאַנגעל אין מיטלען פון פאַרווייַלונג און פאַרקעהר. די לאַגע פון דעם מיינער און זיין פאַמיליע איז אַזאַ, דאָס ניט נאָר קען ער ניט געניסען פון זון־ליכט און פרישער לופט — ער איז ביז אַ גרויסען גראַד געריבט פון דער מעגליכקייט זיך צוזאַמענצוטרעפען און קומען אין נאָהענטער באַריהרונג מיט מענשען אויסער זיין באַזונדערען קלאַס, וואָס זיינען אַליין באַשעפטיגט אין דער געפעהרליכער אומגעזונטער אַרבייט פון גראָבען קוילען.

דער מיינער, מעהר ווי אַלע אַנדערע אַרבייטער, ליידעט פון געצוואונגענער אַרבייטסלאָזיגקייט. פאַרלעסליכע סטאַטיסטיק באַווייזט, אַז די מיינערס אַרבייטען דורכשניטליך ווייניגער ווי 200 טעג אַ יאָהר. די ווייַדזשעס פון די מיינערס, צוטיילט איבער דעם גאַנצען יאָהר, זיינען פיעל פאַרקלענערט אַלס אַ רעזולטאַט פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט, וואָס עקזיסטירט אין דער אינדוסטריע.

דער יקרות איז פיעל ערנסטער און שווערער אין די אָפּגעזונדערטע מיין־קעמפּס איידער אין די אינדוסטריעלע צענטערס. אין די מיין־געגענדען האָבען די מיינערס ניט די געלעגענהייט צו קויפען זאַכען אַזוי ביליג ווי אין אַנדערע געגענדען.

אויף זייער קאָנווענשאָן לעצטען סעפּטעמבער אין קליוולאַנד האָבען די „יונייטעד מיין וואָרקערס" אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע דעקלאַראַציע, וואָס פאָדערט בעסערע אַרבייטס־באַדינגונגען פאַר די מיינערס.

זיי האָבען אינסטרואירט זייערע בעאַמטע צו זוכען דורך פאַרהאַנדלונגען צו באַקומען די אַרבייטס־באַדינגונגען, וואָס זיינען פון דער קאָנווענשאָן איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

אויף דער קאָנווענשאָן זיינען געוועזען נאָהענט צו 2,200 דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאַרטראָטען אַ האַלבען מיליאָן אָרגאַניזירטע מיינערס. זיי האָבען פּאָזיטיוו און אויסדריקליך אינסטרואירט זייערע בעאַמטע, דאָס אין פאַל עס וועט ניט געשלאָסען ווערען קיין אַגרימענט בעפאָר דעם ערשטען נאָוועמבער, 1919, זאָל די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון דער קאָנווענשאָן, און וועלכע פאָדערט אויף צו אַ סטרייק דעם ערשטען נאָוועמבער, 1919, מיטגעטיילט ווערען צו דער מיטגלידערשאַפט. די בעאַמטע, וועלכע זיינען ערוועהלט געוואָרען פון דער מיטגלידערשאַפט, האָבען קיין אַנדער אויסוועג, ווי אויספיהרען די אינסטרוקציעס פון דער קאָנווענשאָן, ניט געהאַט, סיידען רעזיגנירען, און דאָס וואָלט געמיינט אַ צושטאַנד פון כאַאָס.

מיר לאָזען אויס די טייל פון דעם סטייטמענט, וואו עס ווערט דערצעהלט ווי די קאָנפערענצען מיט די קוילען־מאַגנאַטען זיינען אָנגעגאַנגען און ווי די רעגירונג האָט אַרויסגעקראָגען צוערשט דעם ציימווייליגען אינדזשאַנקשאַן און דערנאָך דעם געריכט־באַפעהל צוריקצוציהען דעם סטרייק. וועגען די לעצטע שריט פון דער רעגירונג זאָגט דער סטייטמענט דאָס פאָלגענדע:

„אי דער אינדזשאַנקשאַן אי דער באַפעהל צוריקצורופען דעם סטרייק, איז באַגרינדעט אויף דעם „לעווער אַקט", אַ געזעץ, וואָס דער קאָנגרעס האָט דורכגעפיהרט אום צו פאַרהיטען ספּעקולאַציע און פּראָפיטירונג מיט שפּייז און ברען־מאַטעריאַלען. בעת דער קאָנגרעס האָט דורכגעפיהרט דעם דאָזיגען געזעץ און ווען דער פּרעזידענט האָט איהם אונטערשריבען, האָט ניט דער קאָנגרעס און ניט דער פּרעזידענט געדענקט, אַז דער „לעווער אַקט" וועט אָנגעווענדעט ווערען געגען אַרבייטער אין פאַל פון סטרייקס אָדער לאָק־אויטס.

דער שפּייז־אַדמיניסטראַטאָר, מר. הואָווער, האָט דאָס אויסדריקליך ערקלערט. די מיטגלידער פון דער קאָמיטע, וואָס האָט פאַרהאַנדעלט דעם ביל, האָבען אָפּיציעל ערקלערט אַז דאָס איז ניט דער אַבזיכט פון דעם ביל, און דער דאַמאָלסדיגער אַטוירני־דזשענעראַל, מר. גרעגאָרי, האָט פאַרזיכערט, אַז די רעגירונג וועט ניט אָנווענדען דעם געזעץ געגען די אַרבייטער'ס פאַרזוכען צו פאַרבעסערען זייערע אַרבייטס־באַדינגונגען. פון די העכסטע אויטאָריטעטען פון דער רעגירונג זיינען געמאַכט געוואָרען פאַרזיכערונגען, אַז דער געזעץ וועט געגען די אַרבייטער ניט אָנגעווענדעט ווערען.

ווען פּרעזידענט ווילסאָן האָט באַגריסט די קאָנווענשאָן פון דער א. פ. אָוו ל. אין באָפאַלאָ, נאָוועמבער 1917, האָט ער צווישען אַנדערעס געזאָגט:

„אין דער צייט ווען מיר קעמפּפען פאַר פרייהייט מוזען מיר, צווישען אַנדערע זאַכען זעהן, אַז די אַרבייטער זאָלען זיין פריי, און דאָס מיינט פילע אינטערעסאַנטע זאַכען. דאָס מיינט ניט נאָר אַז מיר מוזען טאָן דאָס וואָס מיר האָבען ערקלערט אַלס אונזער צוועק צו טאָן — צו זעהן, אַז אַרבייטס־באַדינגונגען זאָלען ניט פאַרערגערט ווערען דורך דער מלחמה, נאָר אויך, אַז מיר וועלען זעהן, דאָס די מיטלען, דורך וועלכע אַרבייטס־באַדינגונגען ווערען פאַרבעסערט, זאָלען ניט פאַרצאַמט אָדער געשטערט ווערען. דאָס מוזען מיר טאָן".

די אויטאָקראַטישע האַנדלונג פון אונזער רעגירונג אין דער אַנגעלעגענהייט איז פשוט ערשטוינענד פאַר דעם מענשליכען מוח. אַז אַ רעגירונג פון אַ פריי לאַנד זאָל אַרויסגעבען אַן אינדזשאַנקשאַן, וואָס פאַרבאָט די בעאַמטע פון אַן אַרבייטער אָרגאַניזאַציע בייצושטייערן זייער אייגען געלט אום צו קויפען שפּייז פאַר פרויען און קינדער, וועמען עס קען מעגליך אויסקומען ליידען הונגער, — דאָס איז אַ טיפע באַליידיגונג פאַר די מענשליכע געפיהלען און וועט אַרויסרופען ענטריסטונג.

זיכער איז עס, אַז די טויזענדע מענער, וועלכע ליגען באַגראָבען אין די פעלדער פון פראַנקרייך, וועמעס בלוט איז אויפגעאָפּפערט געוואָרען פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט, האָבען קיינמאָל ניט געחלום'ט, אַז גאָר אין גיכען וועט די רעגירונג אין זייער אייגענעם לאַנד באַפעהלען, אַז 450,000 אַרבייטער, וואָס זוכען צו פאַרבעסערען זייערע אַרבייטס־באַדינגונגען, זיינען ניט באַרעכטיגט צו דער הילף פון זייערע ברידער אַרבייטער, און אַז זייערע פרויען און קינדער זאָלען אויסגעהן פון הונגער, לויט דעם באַפעהל פון דער רעגירונג.

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פּרינציפּ, אַז דער איינציגער צוועק פון די אינדזשאַנקשאַן־פּראָצעסען, דאָרט וואו עס איז ניטאָ קיין אַנדער גענוגענד און געזעצליך מיטעל, איז געווען צו פאַרטיידיגען בלויז אייגענטום און אייגענטום־רעכט, באַנוצענדיג זיך מיט דער מאַכט פון די יושר־געריכטען (קאָורטס אָוו עקוויטי) כדי צו פאַרמיידען אַ באַלדיגען און אונפאַרריכטליכען אומרעכט.

די אינדזשאַנקשאַן רעכט פון יושר־געריכטען איז קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרען, און עס איז ניטאָ קיין געזעצליכע רעכטפערטיגונג זי צו באַנוצען, צו באַשרענקען פערזענליכע רעכט אָדער רעגולירען פערזענליכע פאַרהעלטניסען.

דער „לעווער אַקט" (דער געזעץ אויף דעם גרונד פון וועלכען דער אינדזשאַנקשאַן געגען די מיינערס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען), באַשטימט אַ געוויסע שטראָף פאַר איבערטרעטען אירגענד וועלכען פונקט. די אינדזשאַנקשאַן, וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין דעם דאָזיגען פאַל, האָט אַלס זיין אַבזיכט ניט אַ טרייל פון געריכט פין געשוואָרענע, נאָר אַ באַפעהל פון געריכט געגרינדעט אויף אַ סברה, אַז דער געזעץ קען מעגליך איבערטראָטען ווערען, און לויט דעם אינדזשאַנקשאַן קענען די אָנגעקלאָגטע פאַרגעבראַכט ווערען פאַר'ן געריכט און באַשטראָפט ווערען נאָר אָהן אַ טרייעל.

מיר ערקלערען אַז אַזאַ האַנדלונג איז נישט קיין באַרעכטיגטע און האָט ניט קיין פּאַראַלעל אין דער געשיכטע פון אונזער לאַנד; און מיר ערקלערען די האַנדלונג פאַר אַן אומרעכט, וואָס ניט נאָר די אַרבייטער נאָר אַלע פרייהייטס־ליבענדע אַמעריקאַנער וועלען פאַרדאַמען און באַקעמפּפען. דאָס בירגערטום פון אונזער לאַנד קען ניט ערלויבען, אַז עס זאָל פעסטגעשטעלט ווערען און אויפגעהאַלטען ווערען אַ פּרינציפּ, וואָס צושטערט דעם סאַמע פונדאַמענט פון פרייהייט און גערעכטיגקייט. אום צוריק צו געווינען דעם צוטרויען אין די אינסטיטוציעס פון אונזער לאַנד און דעם רעספּעקט וואָס געריכטען דאַרפען באַקומען, מוז דער דאָזיגער אינדזשאַנקשאַן צוריקגעצויגען ווערען און פון די רעקאָרדס מוז אָפּגערייניגט ווערען דער דאָזיגער שענדליכער פלעק.

פון אַלע פאַקטען אין דער אַנגעלעגענהייט איז דער סטרייק פון די מיינערס אַ גערעכטפערטיגטער סטרייק. מיר אונטערשטיצען איהם. מיר זיינען איבערציינט אין דער גערעכטיגקייט פון דער מיינערס זאַך.

מיר פאַרפליכטען זיך צו געבען צו מיינערס די גאַנצע שטיצע פון דער אַמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר און מיר אַפּעלירען צו די בירגער פון לאַנד צו געבען דיזעלבע אונטערשטיצונג און צו העלפען די אַרבייטער וואָס שטעהען אין דעם דאָזיגען קאַמפּף, וועלכער איז פאַר דער גרעסטער וויכטיגקייט".

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr
Subscription price paid in advance, $1.50 per year.
VOL. I. No. 44. NEW YORK, FRIDAY, NOVEMBER 14, 1919.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

א אידישער שפראך קאנגרעס

פון א. גלאנץ

אין די צייטונגען האט מען וועגען דעם ניט געשריבען. ניט אויף דער ערשטער זייט און ניט אויף דער עדיטאריעלער זייט האט מען דערצו געשאנקען אויפמערקזאמקייט און דאך איז עס געווען א וויכטיגע געשעהעניש די קאנפערענץ, וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען זונטאג, דעם 19טען אקטאבער, אין דעם האטעל בראדוויי סענטראל.

אויף דעם קאנפערענץ האבען זיך באטייליגט א פופצעהן פערזאן, אלץ: שרייבער, קולטור-טרעגער און כלל-טוער, אלץ אזוינע מענשען, וועלכע שאפען איצט די אידישע ליטעראטור און קולטור. דער צוועק פון אט דער קאנפערענץ, צו וועלכער עס זיינען געקומען אברהם רייזען, יהואש, לעאן קאברין, דוד פינסקי, פרץ הירשביין, י. אפאטאשו, יודא יאפע, צביון, דר. נעריסאן, יעקב לעווין, א. זעלדין, דוד איגנאטאף, א. ש. זאקס, ל. לעהרער, א. גלאנץ, און צו וועלכער עס זיינען געווען איינגעלאדען שלום אש, אלעקסאנדער הארקאווי, מאריס ווינטשעווסקי, מנחם, זישא לאנדוי און אנדערע. (די לעצטע האבען ניט געקאנט קומען, כאטש זיי זיינען אבסאלוט פאר די אויפגאבען פון דער קאנפערענץ) דער צוועק פון אט דער קאנפערענץ איז: צו רופען א אידישען שפראך-קאנגרעס, א קאנגרעס, וואו די ווארטפיהרער, שאפער און טרעגער פון דער אידישער שפראך זאלען ערשטענס פראקלאמירען פאר דער וועלט, אז עס איז דא א פאלק פון 9 מיליאן מענשען אין דער וועלט, וואס רעדט א י ד י ש און צווייטענס זעהן אריינצוטראגען איינהייטליכקייט, ארדנונג און געזעצמעסיגקייט אין דער שפראך, ליטעראטור און קולטור פון אזא גרויס פאלק.

אין פלוג דאכט זיך עס אויס:

אין דער איצטיגער צייט פון פאגראמען און שחיטות קאן עס אומיצען ליגען אין זינען צו רעדען וועגען שפראך-קאנגרעסען? האבען מיר ניט איצט קיין בילדערע זאכען פאר זיך? דאס פאלק געהט אונטער — ווי אזוי קאן מען רעדען וועגען אויפהאלטען זיין שפראך און קולטור?

אט די פראגען זיינען טיילווייז אויך געשטעלט געווארען אויף דער קאנפערענץ. זיי זיינען אבער באלד פארענטפערט געווארען.

ערשטענס: דאס אידישע פאלק וועט נ י ט אונטערגעהן. מיר וועלען איבערלעבען די איצטיגע שרעקליכע צייט, ווי דאס אידישע פאלק האט ביז איצט איבערגעלעבט אלע בלוטיגע פארפאלגונגען און אויסראטונגס-פארזוכען. צווייטענס: גראד ווען מען מאכט א פארזוך אונז פיזיש צו פארטיליגען, מוזען מיר זיך גייסטיג צענויפנעמען מיט כחות, גייסטיג באשאפען א פעסטונג, וועלכע זאל אונז באשיצען, און אויף וועלכער מען זאל זיך קאנען אנלעהנען אין דער צייט, ווען דער שטורעם וועט פאראיבער.

אזוי איז עס געווען אמאל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאלק. ווען רוים האט פארניכטעט דאס אידישע לאנד און נעדראהט אומצוברענגען אויך דאס אידישע פאלק האט רבי ע ק י ב א ב ן י ו ס ף, דער זעלבער רעוואלוציאנער, וועלכער האט אונטערגעשטיצט דעם אויפשטאנד פון בר-כוכבא נעגען דער רוימישער הערשאפט, אנגעפאנגען א גרויסע באוועגונג צו באפעסטיגען די גייסטיגע פאזיציעס פון דעם אידישען פאלק, און עס איז אפשר צו פארדאנקען איהם און זיינע תלמידים, וואס מיר לעבען נאך היינט-צו-טאג אלס פאלק.

אזוי האט מען אלע מאל געטאן ביי אידען. אזוי טוען אויך היינט די אידען אין די פאגראם-לענדער גופא. ניט קוקענדיג אויף די שרעקליכע פארפאלגונגען אין פוילען, ליטא און אוקראינא; ניט קוקענדיג אויף אלע פאגראמען און שחיטות, ווערט דארט באפעסטיגט די אידישע קולטור, ווערען געשאפען שולען, ארויסגעגעבען ביכער, געגרינדעט וויכטיגע קולטור-אנשטאלטען.

די פאלקס-מאסען אליין פיהלען, אז די אידישע קולטור, דאס אידישע ווארט איז די פעסטונג, אן וועלכער זיי קאנען זיך אנלעהנען און שעפען נייע כחות. עס איז נענוג צו לעזען די באריכטען, מיט וואס פאר אן ענטוזיאזם די מיטגליעדער פון'ם „בונד", למשל, שפארען אפ פון זייער מויל די לעצטע קאפיקעס מיט פארגעניגען, כדי אויפצוהאלטען פארשיעדענע אידישע קולטורעלע אנשטאלטען, זיך צו איבערצייגען, ווי ריכטיג, ווי היסטאריש-גערעכט און געזונט, זיי פאסען אויף דעם ווערט פון דעם אידישען ווארט און פון דער אידישער קולטור גראד אין אזא צייט, ווי די איצטיגע.

אלזא: די אידישע מאסען אין די פאגראם-לענדער גופא גיבען אונז, אידען פון אמעריקא, דעם ביישפיעל און די אנווייזונג ווי מיר דארפען האנדלען, וואס מיר דארפען טאן. אויב די אידען אין די שחיטה-מדינות זעלבסט האלטען פאר נויטיג צו שטיצען די אידישע קולטור מיט אלע כחות אין איצטיגען מאמענט, דארפען מיר דאס אודאי טאן, דארפען מיר שוין ניט טראכטען וועגען דעם, צי די איצטיגע צייט איז א פאסענדע דערצו.

און ניט סתם העלפען דארפען מיר, נאר נעמען אויף זיך א לייטענדע אויפגאבע, א פ י ה ר ע נ ד ע ראלע.

מיר לעבען דא, מעהר אדער ווייניגער רוהיג, דארטען לעבען זיי אויפ'ן שפיץ פון א ווולקאן. זיי קאנען טאן זייער ארבייט צופעליג, בלויז געשטויסען פון זייער באגייסטערונג, ליעבע און ענטוזיאזם. מיר, דא, קאנען א ר ג א נ י ז י ר ע ן, איינארדנען, שאפען די נויטיגע ארגאנען.

אט פארוואס עס איז איינגעפאלען אזוינע פערזאנען ווי יהואש, יעקב לעווין, יודא יאפע און אלעקסאנדער הארקאווי די אידעע פון צונויפרופען א אידישען וועלט-קאנגרעס פאר דער אידישער שפראך.

דער צוועק פון דער דאזיגער אידעע איז א צוויידייטיגע. קודם כל איז עס נויטיג צו ווייזען דער וועלט, אז 9 מיליאן מענשען רעדען אויף דער אידישער שפראך, און אז ווען די עליים, למשל, הויבען אן צו אנערקענען דאס רעכט פון דעם אידישען פאלק אויף קולטורעלע אויטאנאמיע, זאלען זיי וויסען, אז דאס טוען זיי אונז ניט קיין געוואלטיגע טובה, נאר אז דאס איז אונזער נאטירליך, לאגיש און ז ע ל ב ס ט פ א ר ש ט ע נ ד ל י ך ר ע כ ט. די ניין מיליאן אידען, וועלכע רעדען אידיש זיינען אין קולטורעלער הינזיכט מיט נאר ניט ערגער פון די ניין מיליאן סערבען וואס רעדען סערביש און דעם גאנצען „גרויסען", נייגעשאפענעם יוגאסלאווישען שטאט; און געוויס ניט ערגער פון די דריי מיליאן בולגארען, דריי מיליאן דענער, צוויי מיליאן ליטווינען א. אז. וו.

פון דער אנדער זייט וועט אט דער פאקט פון א קאנגרעס פון דער אידישער שפראך גופא צוריקווירקען דערויף, אז די ערשטע פארזוכען צו געבען די אידען קולטורעלע אויטאנאמיע זאלען קריגען א נייעם אנשטויס צו זייער פארווירקליכונג.

אויף אזא אופן האט א אידישער שפראך-קאנגרעס א גרויסען אויסערליכען פ א ל י ט י ש ע ן ווערט. ער וועט זיין די ערשטע ווירדיגע ק ו ל ט ו ר ע ל ע דעמאנסטראציע פון דעם אידישען פאלק.

אז אזא זאך איז וויכטיג — ווער קאן צווייפלען? די גויים, ניט קוקענדיג דערויף, וואס מיר לעבען שוין אזוי לאנג מיט זיי, הויבען ניט אן צו וויסען וועגען אונז און וועגען אונזער שפראך. ביי זיי זיינען מיר נאך אלץ א „ביבעל-פאלק", און אויב מיר רעדען עפעס א לשון קומט עס ביי זיי אויס, אז מיר רעדען די שפראך פון תנ"ך: העברעאיש. טאמער נעפינט זיך צווישען די גויים אימיצער וואס ווייס יא, אז מיר רעדען א באזונדערע שפראך, און אז דאס איז ניט „היברו", ווייסען אזוינע קענערס בלויז דאס, אז דאס איז א „דייטשער" דיאלעקט.

אט איינמאל פאר אלע מאל פעסט צו שטעלען, אז איבער דריי פערטעל פון דעם אידישען פאלק רעדען אן זייגענע שפראך, וועלכע איז אייגענטימליך און אריגינעל, וועלכע האט א רייכע מאדערנע ליטעראטור, וואס קאן זיך פארמעסטען מיט די ליטעראטורען פון פעלקער, וועלכע זיינען מעהר באוואוסט, ווייל זיי זיינען פאליטיש ארגאניזירט און צונויפגעבונדען — צוליעב דעם אליין איז שוין נויטיג דער קאנגרעס, די קולטורעלע דעמאנסטראציע.

א בריעף פון באסטאן

פון י. י. זאריצקי.

ביי אונז אין באסטאן איז יעצט פרעהליך. מיר האבען עטליכע שמחות מיט אמאל. אט האבען מיר לעצטען דינסטאג געהאט א גרויסע שמחה. מען האט אויסגעקליבען א גאווערנאר פאר מאסאטשוסעטס. איך קען זיך אפשר דוכטען דאס אויסצוקלייבען א קאפ פאר אזא סטייט (מיר באסטאנער רופען עס הויך קלינגענד „קאמאנוועלטה") ווי מאסאטשוסעטס איז א גאנץ סעריאזנע זאך, און עס קען געמאלט זיין, דאס איהר זייט גערעכט. פון דעסטוועגען מעגט איהר מיר גלויבען, אז עס איז געווען נענוג פון וואס צו האלטען זיך ביי די זייטען.

נעמט למשל די „אישום" פאר וועלכע די צוויי הויפט קאנדידאטען האבען זיך אזוי געהיצט. אין דער אמת'ן איז געווען נאר איין איינציגע אישו, דער פאלים-סטרייק. ביידע האבען געשפיעלט אויף דערזעלבער סטרונע, דעם זעלבען מאטיוו נאר מיט פארשידענע דריידלעך. קולידזש, וועלכער איז דער יעצטיגער גאווערנאר, האט געפאדערט ריעלעקשאן פאר זיינע גוטע מעשים אין צוברעכען דער פאלים סטרייק. ביי איהם איז דער סטרייק פון די פאליסלייט געווען ערגער ווי שטאטפארראט און ער האט די סטרייקענדע פאליציי פארפאלגט מיט א באזונדערע ביטערקייט, מיט אן אכזריות וואס דערמאנט עפעס אן די גוטע צייטען אין רוסלאנד אונטער ניקאלאיען. קיין שמוץ איז ניט געווען ביי איהם צו שמוציג, קיין באליידיגונג צו גראב פאר די סטרייקער. אין דער אמת'ן אזא מין העזה! פאליסלייטע וועלכע האבען געהאט אזא שם פאר עקספערטען אין צוברעכען סטרייקס, זאלען זיך נאר פארגינען ערקלערען א סטרייק מיט לייטען גלייך. ווער האט זיך נאר געקענט ריכטען אויף אזא זאך? און כאטש וועגען דעם סטרייק האט זיך געטומעלט עפעס א דריי מאנאטען פאראויס, און כאטש די פאליסלייט אליין האבען געגעבען א ווארנונג, דאס סיידען זיי וועלען קריגען בעסער באצאהלט און א מעהר מענשליכע באהאנדלונג וועלען זיי אויפהערען ארבייטען, מאכט גאווערנאר קולידזש מיט זיינע אונטערשטיפער דעם אנשטעל אזוי ווי דער סטרייק האט אויסגעבראכען אהן א ווארנונג, ווי א בליץ פון הימעל. ערשט נאכדעם ווי גאנץ באסטאן איז טערראריזירט געווארען צוויי טעג פון ראיאטער, נאכדעם ווי הונדערטע סטארס זיינען צוראבירט געווארען, נאכדעם ווי גאנצע פארמעגענס זיינען פארניכטעט געווארען, פאר וועלכע די שטאדט וועט מוזען באצאהלען, נאכדעם ווי מעהרערע מענשען זיינען פארוואונדעט און דער'הרג'עט געווארען, דאן האט זיך אונזער גאווערנאר ערשט אויפגעכאפט דערוואוסט זיך, אז א פאלים סטרייק געהט מאקע אן אין באסטאן און מען דארף עפעס טאן. האט ער אריינגעשיקט די סטייט גארד און די סאלדאטען היטען ארדנונג נאך ביז יעצט. אט מיט דעם סטרייק האט זיך דאס קולידזש באריהמט און געפאדערט ריעלעקשאן אלס א היטער פון „לאא ענד ארדער".

זיין געגנער איז געווען ר. ה. לאנג, א גרויסער מאנופעקטשורער פון שיך אין פראמינגהעם, א שטעטעל ניט ווייט פון באסטאן. ס'איז א פנים ניט באשערט אונז צו האבען נאך א שוסטער פאר א גאווערנאר. לאנג איז איינער פון די „גוטע" באלעבאטים. ביי איהם אין פעקטארי, זאגט ער, איז א פארגעניגען צו ארבייטען ווארום ער האט ליעב זיינע ארבייטער.

אין אלגעמיין זאגט ער, האט ער ליעב ארבייטער (בפרט נאך פאר עלעקשאן). לאנג האלט אויך אז ס'איז געווען א גרויסע עולה פון די פאליסלייט צו סטרייקען. זיי האבען טאקע שטארק געזינדיגט. נאר וואס דען, זיי האבען שוין נענוג שמיץ געקראגען, און זיי וועלען שוין יעצט זיין כשר.

שטעלט זיך א פראגע, ווי באלד אז אי לאנג אי קולידזש האלטען די פאליסלייט אזוי אונגערעכט פאר ארגאניזירען זיך אין א יוניאן; און ווי באלד ביידע האבען געמאכט דעם פאליס סטרייק פאר די הויפט אישו, הייסט וואס פאר אן אונטערשיעד איז דא געווען צווישען די צוויי קאנדידאטען? דאס וואס לאנג האט זיי צוגעזאגט זייערע דזשאבס צוריק, מיינט נאך ניט די אנערקענונג פון די פאליסלייט אלס ארבייטער מיט א רעכט צו ארגאניזירען זיך מיט מענשען גלייך, און אויב אזוי וואו איז דא דער אונטערשיעד? און אויב קיין ריכטיגער פרינציפיעלער אונטערשיעד צווישען די צוויי איז נישטא איז דאך דער גאנצער טאראראם געווען צום לאכען. נו, מעגט איהר אייך לאכען וויפיעל איהר ווילט, אבי די וואוטערס האט מען פארדולט א קאפ און קולידזש איז ערוועהלט געווארען.

ווייטער איז פרעהליך אין שטעטיל פון אן ערשטוינענדע ענטדעקונג וואס הוירסט'ס פייפער דער „באסטאן אמעריקאן" האט געמאכט. א שרעקליכע זאך האט דער „אמעריקאן" אויסגעפונען. שרעקליך און ערשטוינענד אז א ציטער געהט דורך איבער די ביינער. דער „אמעריקאן" האט ענטדעקט דאס באסטאן איז פול מיט באלשעוויקעס. איז דאס ניט א שרעק?

ווער, פרעגט איהר, זיינען דאס די באלשעוויקעס, וועלכע דער „אמעריקאן" האט אזוי קונציג אויסגעפונען? לאמיר אייך אויסרעכענען די שווארצע, אדער בעסער געזאגט, די רויטע ליסטע. ערשטענס קומען די „פאריינערס" און איבערהויפט ראדיקאלע פאריינערס. ווייטער זיינען דא די אי דאבליו דאבליונקעס, (כאטש וואו מען געפינט זיי אין באסטאן ווייס נאר דער „אמעריקאן" אליין). מילא, די א. וו. וו. איז אן אלטע סטראשידלע. א נייער איז די קאמוניסטישע פארטיי. ווידער האבען מיר דא די מורא'דיגע „איפסעלס", יאנג פיפעלס סאשעליסט ליג. און ווייטער לאמיר איבערהויפט ניט פארגעסען די ראדיקאלע ארבייטער ארגאניזאציעס. זיי זיינען די ערגסטע זינדער. אויבען אן אויף דער ליסטע, מעגט איהר זיין זיכער, איז אונזער אייגענע יוניאן אויך אריינגערעכענט. איהר האט אפשר אליין ניט געוואוסט דאס איהר זייט אזא פארברענטער באלשעוויק, נאר אז דער „אמעריקאן" זוכט רויטע, איז דאך ניט שייך; פיהרט ער אייך איבער אין טראצקי'ס לאגער און פארטיי.

א וואו קומען זיי זיך צוזאמען די באסטאנער באלשעוויקעס און וואו פלאנעווען זיי די צושטערונג פון דער הייליגער ארדנונג? איהר מיינט אודאי ערגעץ אין וואלד? מאכט איהר א גרויסען טעות. די רויטע קומען זיך צוזאמען אין סאמע מיטען שטאדט, אין וואשינגטאן סטריט, ניט ווייט פון גרויסען רייכען ביזנעס-דיסטריקט. איהר קענט אפשר דערקענען די בילדינג וואו זיי האלטען זייערע מיטינגען, אויב דער „אמעריקאן" וועט אייך געבען עטליכע סמנים. ס'איז ניטא קיין אנדער בילדינג ווי די וואו די אפיסעס פון אונזער באסטאנער לאקאל געפינען זיך און וואו אונזערע מיידלעך (פלאם-רויטע באלשעוויקעס) לויפען אמאל אריין כאפען א מענצעל ווען די ארבייט איז אביסעל סלאו אין די דערבייאינג שעפער. ענטדעקט די נארע פון די באלשעוויחעס און דער „אמעריקאן" פאטשט זיך אליין אין פלייצע פאר אזא געשיקטע שטיק ארבייט. א מעדאל פון א פוד אייזען קומט איהם פאר אזעלכע העצערייען אויף אינטעליגענטע ארבייטער.

רעדענדיג פריהער וועגען עלעקשאן פאר גאווערנאר האט איהר דאך געקענט מיינען דאס כאטש איינער פון די קאנדידאטען וועט אויפהויבען די פראגע וועגען יקרות. איז א נעכטינער טאג. ניט קולידזש און ניט לאנג האבען עפעס דערמאנט וועגען יקרות. ווארום וואס ארט דאס די פאליטישענס נאך אלעמען? לאנג, מעגט איהר זיין זיכער, איז שוין פארזארגט מיט קוילען אויפ'ן ווינטער און כאטש קולידזש איז ניט קיין שוך-פאבריקאנט, וועט ער קיין בארוועסער ניט געהן.

און פון יקרות מיינט איהר איז ניטא וואס צו לאכען? אט האט מען אונז ערשט א קיצעל געטאן מיט צוויי סענט אויפ'ן ברויטעל. און פוטער איז ארויף גאנצע פינף סענט א פונט איבער נאכט. און דער מילך טראסט באקלאגט זיך נעבאך וואס מעהר ווי א סענט אויפ'ן קווארט מילך קען ער יעצט ניט העכערען. 17 סענט א קווארט, זאגט ער, איז נאך מיט יושר. ס'האט נעדארפט זיין 17 מיט א פערטעל ... פאר וואס ניט?...

אבער חוץ אט דעם אויסערליכען און פאליטישען ווערט האט דער קאנגרעס אויך א גרויסען אינערליכען, ריין-קולטורעלען ווערט.

וועגען דעם אבער, און אויך וועגען דעם, ווי אזוי דער קאנגרעס זאל פראקטיש ארגאניזירט ווערען; ווער עס זאל זיך באטייליגען און איהם א. ד. גל. — אין דעם נעקסטען ארטיקעל.

ווי די וועלט באוועגט זיך

פון דזשוליעס סטוארט פינטץ.

די פינפטע עווענוע און גערי.

דאס איז געווען אין א שעהנעם פאר־נאכט. ניו יארק האט זיך געאיילט אהיים, דער באס אין זיין אויטאמאביל, דער בוכ־קיפער אויפ'ן „באס". די אויטאמאבילען טראגען זיך פארביי מיט מענשען מיט צי־נישע געזיכטער. א גוטער איבערדרעהע אויפ'ן „עקספּשיינדזש" מיינט פאר איהם א קיילעכדיגער טויזענדער. א צווייטער האט שוין ארונטערגענומען די סמעטענע מיט א מאנאט צוריק, ווען די וואל סטריט באנקען האבען ארויסגעשיקט „דיווי־דענדס" און ער האט געמאכט א הונדערט טויזענד דאלאר בלויז פון דעם שטאהל־סטאק. ווי א טערקישער פאשא צולעגט ער זיך גאנץ צופריעדען אין זיין קאר, רוי־כערענדיג א גוטען האוואנא ציגאר, מיט זיין איבערגעפאשעטער און איבערגעקליי־דעטער ביי זיין זייט און זי נעהמט איהם ארום מיט אזא צערטליכקייט, פונקט ווי ער וואלט יענעם טאג שווער געארבייט און מען דארף איהם דערפאר לאסטשען.

אין דרויסען בליסטשען די לאמפען איבער דער רייכסטער גאס אין דער וועלט. אין די פענסטער פון די רייכע געשעפטען איז אויסגעלעגט מכל טוב, רייכע פארטרע־טען און בילדער, וואונדערבארע קארפעטס פון אריענט, פינקלענדע וואזעס פון וויי־טען איסט, פארצייטיגע זילבער־געשיר פון ענגלאנד, באנדעלס מיט טייערען „לייס" און נאך אנדערע קונסט־ארטיקלען. דער־ביי ליגען אויך די נייע מאדע־משוגעת'ן פון פאריז, די געשמאקלאזע שמאכטעס וואס ווערען באשאפען פאר די רייכע צו ארוועקטייזען זייער פוסטקייט און רייכ־טום. אט איז א גאנץ טייערער שטיק כי־נעזישע עמברוידערי, וועלכער איז געוועבט געווארען מיט היילינקייט פאר א הימעל־שער געטין, אבער וועט באלד ארופהענ־גען פון גארטעל פון א געדאנקענלאזער פרוי, — די שפּילציינ פון א אויסגעלאסע־נעם מאן. דארט זיינען אויך דא שטיקער פון בודא'ס אלטאר, וועלכע ווארטען צו ווערען די באפוצונגען פון עפעס א נישטי־גען „דראיגנ רום". איהר געפינט דארט דעם רייכטום פון דער וועלט, דימאנטען, ברילאיאנטען, טייערע, געשניצטע העלפ־ארטיקלען, קוריז, אלעס, אלעס, איז אהער צוזאמענגעבראכט געווארען פון אלע וועלט־טיילען, דורך דעם מאגנעט פון געלד.

און קוקענדיג אויף דעם אלעם לויפט דורך א געדאנק: צו וואס, און פאר וועל־כען צוועק האט מען דאס אלעס אהער צוזאמענגעבראכט? און פון וואנען קומט דאס רייכטום מיט וועלכען מען קויפט דאס אלעס?

און דער געדאנק שפּרינגט אריבער צו א צווייטען פלאץ, מיר ווערען פלוצלונג אריבערגעטראגען צו די שטאהל־שטעדט. עס איז פינסטער און אין די פינסטערע גאסען הערשט דער הונגער! די קינדער, אין די איבערגעפילטע הייזלאך, וויינען פאר ברויט. אין דרויסען רייטען ווילד אויף פערד, געזונטע, שטארקע מענער, מיט קלאבס און ביקסען אין די הענד, אויפצוהאלטען אין גערי „געזעץ און ארד־נונג".

די ארבייטער, די סטרייקער, בלאנקען זיך ארום אין די הייזער, ניט גאר קיין פרעהליכע. דאס פלוצלינגע וצוועקרייסען זיך פון די שמעלץ־אויוענס מאכט זיי צוטומעלט. די שקלאפען, וועלכע האבען זיך טאג און נאכט געבראטען ביי די מורא'דיג גרויסע אייוענס, אנשטרענגענ־דיג זייערע אלע מוסקולען, פיהלען זיך ווי צומישט פון דעם ניט־פארלאנגטען ליידיג־ארומגעהן! די טרויעריגקייט פון ארום פאסט זיך גאנץ גוט צו דער פוסטקייט און נישטיגקייט פון זיין גייסט, דאס ארי־מע הויז, די נאקעטע פלארס, די הארטע בעטלאך, — אלעס פון ארום און איבער דעם אלעם הענגט איבער'ן קאפ די מורא פון דער אונזיכערקייט. ניטא קיין שכירות די וואך! אפשר ארבייטען שוין סקעבס אויף זיין פלאץ?! דער שטאהל־סטרייקער שפרינגט אויף, איינגעטונקט אין שווייס פון אנגסט, און לאזט זיך לוי־פען צו דער פאבריק. וועט מען איהם צוריקברענגען מיט א צושפאלטענעם קאפ?

אזוי איז עס אין גערי! און אזוי איז עס אין דער פינפטער עוועניו! און בא־טראכטענדיג, שיינט מיר, דאס די פינפטע עוועניו און גערי זיינען דאסזעלבע, פלייש פון איין פלייש. די פארפוצטע דאמע אין דער פינפטער עוועניו בייט אויס איהרע שטאהל־קופאנס און קויפט זיך פאר טוי־זענד דאלאר א לייכטער. דאס הונגער און

די פארגאסענע בלוט איז ווייט אוועק. בלויז „געפעהרליכע" מענשען טראכטען וועגען דעם, זיי זיינען „באלשעוויקעס" און דארפען ערגיץ־וואו באזייטיגט ווערען, כדי זיי זאלען, חלילה, ניט פארשטערען דאס פארגעניגען פון די רייכע. אבער דאך, גערי און די פינפטע עוועניו זיינען איינס, דער צווילינג פון שטאל, — זיי קאנען ניט אפגעטיילט ווערען.

* * *

רעוואלוציאן אהן טעאריען.

מיט א פאר יאהר צוריק איז ערשיע־נען א פראנצויזישער בוך, פון אלבערט מע־טין, מיט'ן טיטעל: „סאציאליזם אהן טעאריען". און אזוי האלט עס מיט'ן סאציאליזם פון היינטיגען טאג. עס איז א צייט פון טאטען גיכער ווי פון ווערטער, גיכער פון האנדלונג איידער פי־לאזאפיע. און אזוי שטעהען מיר איצט דא אין אמעריקא פנים אל פנים מיט א רעוואָ־לוציאן אהן טעאריען.

די ענגלענדער זיינען אייביג בא־טראכט געווארען אלס די גרעסטע אנטי־טעארעטישע נאציאן אין דער וועלט. זיי האבען זיך אימער באריהמט מיט דעם, וואס זיי האבען זיך ניט אפגעגעבען מיט פוסטע „פאנטאזיעס", נור האבען גע־בראדזשעט איבער דעם שווערען וועג פון ערפאהרונג, אפטמאל זיך אפשלאגענדיג אין עפעס, אבער נאך אלעס, קומען צו דעם וואס מען האט געוואלט. אבער אין פאר־גלייך מיט אמעריקא, זיינען די ענגלענדער א אינטעלעקטועל, אבסטראקטע נאציאן. אין אמעריקא לעזט מען קיין ביכער ניט. און גאנץ ווייניג דענקען. אויב ס'מאכט זיך אז איינער איז דא א פילאזאף, ווערט ער אפט באטראכט ווי א נאר, וועלכער ווייס ניט ווי צו מאכען א ריכטיג לעבען פאר זיין פאמיליע. זיך אויסצולערנען פאר א בוכהאלטער אדער א סיילסמאן איז אפט־מאל דער גרעניץ פון דער גייסטיגער ענט־וויקלונג פון דעם דורכשניטס־אמעריקא־נער. די ארבייטער זיינען דא דאס רוב, שטאלץ מיט דעם „געזונטען פארשטאנד", וואס יענע, די „באלשעוויקעס" באזיצען ניט. ער האט קיין נוצען פאר „פראזען" און אלגעמיינע אידעען. און דאך אפילו אין אזא נאציאן ברויזט די רעוואלוציע.

אט ווי עס שרייבט דער וואשינגטא־נער קארעספאנדענט פון די „איוונינג פאסט": „די ענדע פון דער וואך, ברענ־גענדיג מיט זיך דעם גרויסען קויהל־סטרייק איז ווירקזאם. די אטמאספערע איז דא שטארק אנגעצויגען, מענשען, וועל־כע האבען פריהער זיך גרויס געהאלטען מיט דעם וואס מיר האבען דא פארהעלט־ניסמעסיג ווייניג געליטען פון דער וועלט־מלחמה, ציהען צוריק וואס זיי האבען פריהער געזאגט און זיינען פון דער מיי־נונג, דאס אויך מיר דא וועלען נאך מסתמא כאפען אונזער חלק פון דער וועלט'ס צרות. די שלעכטע ערווארטונ־גען פון אנקומענדע צרות שפּרייט זיך אויס איבער אלעמען, פון עקס־פּרעזידענ־טען, ביז צו דעם גאסען־מענש. ניקא־לאס מאריי באטלער, פראפעסאר און פא־ליטיקער, האלטענדיג געריכטעט זיינע אויגען צום ווייסען־הויז, שרייט היסטע־ריש אויס: — ראטעוועט אמע־ריקא! וועהרענד דער געוועזענער פרעזידענט, וויליאם ה. טאפט, האט זיך זיין איינען מיינונג: יוניאנס — זאגט ער, — און אפילו סטרייקס, קאנען מאלע־רירט ווערען. ווען ארבייטער פאראייני־גען זיך און פארלאזען זייער באס, מיט וועלכען זיי קאנען זיך ניט אויסגלייכען, האבען זיי צו דעם א פאלשטענדיג רעכט... אבער, ווען זיי טוען דאס אויף א גרויסען מאסשטאב און קאנען דורכדעם פאראלי־זירען אן אינדוסטריע, וועלכע שאפט א פראדוקט וואס איז נויטיג פאר'ן לעבען פון דאס לאנד, קאן דאס באטראכט ווע־רען פאר א אונגעזעצליכער קאנספּירא־ציע!... נידער מיט'ן אינדוסטריעלען סטרייק!"

די רעוואלוציע, וועלכע מען קאן ער־ווארטען פון די איצטיגע גרויסע סטרייקס, איז אן אנדערע ווי די, וואס אי פריינד אי שונאים ערווארטען צו זעהן. א געוואלט־זאמע רעוואלוציאן עקזיסטירט בלויז אין די פארווירטע מוחות פון קאפיטאליסטען און מיליטאריסטען. א פאליטישע רעוואָ־לוציאן זעהט אלעמען אויס אונווארשיינ־ליך. אן אינדוסטריעל רעוואלוציאן, אין דעם זין די ארבייטער זאלען קאנטראלי־רען די אינדוסטריע, וועט נאך פארבליי־בען א טעאריע אין אמעריקא פאר פיעלע יאהרען, טראץ די אויפטרייסלונג אין די קויהלען, שטאהל און טראנספארט אינ־דוסטריען. וואס מיר וועלען כא יא אין ניכען האבען, איז א רעוואלוציאן אין דעם גייסט און טאקטיק פון דער ארבייטער באוועגונג. און דאס איז דאס פונ־דאמענטאלסטע פון אלץ.

די אפענע אפאזיציע פון דער רעגירונג צו די פרינציפען און לעבעסנויטען פון טרייד־יוניאניזם, איז א דירעקטע ארויס־פאדערונג צום ארבייטער־קלאס. דורך דעם פארזוך פון דער רעגירונג צו האלטען די ארבייטער־קלאס. דורך דעם פארזוך פון דער רעגירונג צו האלטען די ארבייטער אין שקלאפעריי דורך געוואלד, דורך מיליטע־רישער אריינמישונג, און דורך „אינ־דזשאנקשאנס", האט דא אויפגעהויבען הויך די פאהן — פון קלאסען־קאמף. די ארבייטס־געבער, דורכדעם וואס זיי הא־בען זיך אפגעזאגט אויף דעם לעצטען אינדוסטריעלען קאנגרעס אין וואשינג־טאן אנצוערקענען דעם ארבייטער'ס רעכט פאר „קאלעקטיו בארגעינינג", האבען אויפגעהויבען די פאהן פון קלאסען־קאמף. און די ארבייטער, אפילו די אמעריקאנער ארבייטערשאפט, וועט פאר דעם אן ענט־פער געפינען. דער ענטפער וועט זיין — מלחמה געגען מלחמה! דער ארביי־טער קלאסען־קאמף געגען דעם קלאסען־קאמף פון די קאפיטאליסטען! די טעמפע טאקטיק פון דער רעגיערונג האט אויפגעוועקט דעם שטאלץ, און דעם צארן פון די ארבייטער איבער'ן גאנצען לאנד און מען וועט באלד הערען זייער ענט־פער.

* * *

ארבייטער אין פאליטיק.

וועלען די ארבייטער אין אמעריקא אריינטרעטען אין דער פאליטיק אלס אן ארגאניזירטע קערפערשאפט, נאציאנאל און לאהלרייך? די באשטראפונג פון א טרייד־יוניאן אין א קאורט האט געטריבען די ענגלישע ארבייטער צו ארגאניזירען די ענגלישע ארבייטער פארטיי. וועלען די באליידיגענדע בריעף פון וואשינגטאן, די גרייסישע טאקטיק פון דעם גאווערנאר אין מאסאטשוזעטס, דער רעגירונגס גע־ברויך פון דעם פארהאסטען „אינדזשאנק־שאן" און, וואס איז נאך ערגער פון אלץ, דאס סטראשענען אנצוגרייפען די סטרייק־פאנדס פון די טרייד־יוניאנס — וועט דאס אלעס טרייבען די אמעריקאנער אר־בייטער צו א זעלבסטשטענדיגער פאלי־טיק? די קאפיטאליסטען מעגען אמוויי־ניגסטענס ערווארטען א פאליטישען פראַ־טעסט ביים שטים־קאסטען.

עס זיינען דא אויסזיכטען, אז די אר־בייטערשאפט וועט דאך אריין אין דער פאליטיק, דאס די איצטיגע אויפפיהרונג פון דער הערשענדער מאכט, וועט ברענגען צו יעדען ארבייטער די קאמפיין מאטא: „שטימט ווי איהר סטרייקט!" וויליאם ז. באסטער, דער פיהרער פון שטאהל־סטייק, איז, זאגט מען פאר א לייבאר פארטיי אין אמעריקא.

עס איז א גאנץ וויכטיגער פאקט, דאס באסטער און פיטצפאטריק, דער פיהרער פון דער לייבאר פארטיי, זאלען ארבייטען צוזאמען אין דעם גרעסטען ארבייטע ער־וואכונג אין דעם היינטיגען דור. זייער קוק אויף דער ארבייטער באוועגונג איז גאנץ פארשיעדען, פאליטיש און אינדוסטריעל, זיי ארבייטען אבער דאך האנד אין האנד, הארמאניש צוזאמען.

עס איז מעגליך, דאס דער קאפיטא־ליסטען־קלאס וועט דא ניט אזוי לייכט אפשניידען. די אונטערדריקונגס־טאקטיק פון דער רעגירונג און די געריכטען איז שוין אפשר אוועק אזוי ווייט, דאס דער צוטרויען פון'ם אמעריקאנער ארבייטער צו דער פאליטיק איז שוין אין גאנצען פארניכטעט. ווער ווייס, אפש מיינט גאר די רעגירונג צו טרייבען די ארבייטער ביז פארצווייפלונג.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 14, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

די ארבייטערשאפט און די נאציאנען־ליגע.

די נאציאנען־ליגע וועט זיך נאך אפשר ארויסווייזען צו זיין פונקט דאס פארקער־טע, וואס מען האט פון דעם ערווארטעט. זי האט שוין אויפגעהערט פרעטענדירען „צו מאכען די וועלט זיכער פאר דעמא־קראטיע", זי פרובירט נאך אבער אלץ איינרעדען מאנכע ביזנעסלייט, דאס זי וועט „מאכען די וועלט אונזיכער פאר באל־שעוויזם". ווי עס שיינט אבער, אורטיי־לענדיג פון דעם אנגאנג פון די פארהאנד־לונגען אויף דעם אינטערנאציאנאלען אר־בייטער קאנפערענץ אין וואשינגטאן, וועט אויך די האפנונג צורונען ווערען. דער גייסט פון דער „דיקטאטור פון פראלעטא־ריאט" זעהט דארט אויס שטארק צו זיין. די ארבייטער דעלעגאציעס האבען זיך אפגעטיילט פון די פארטרעטער פון די רעגירונגען און פון די ארבייטס־געבער, האבען זיך ארגאניזירט אין באזונדער גרו־פען און זוכען צו באקומען מעהר מאכט. פארלויפיג האבען זיי נאך א קנאפען איינ־פלוס. לויט'ן פארשריפט פון דער ליגע דארף יעדער לאנד האבען דארט פיער פאר־טרעטער און בלויז איינער פון זיי קאן פארטרעטען די ארבייטער. צוויי פארטרע־טען די רעגירונג און איינער די ארבייטס־געבער, צוזאמען אבער, מיינט עס, דאס דריי פארטרעטען דעם קאפיטאליזם. לויט דער ליגע'ס קאנסטיטושאן קאנען די אר־בייטער פארטרעטער דארט אימער נידער־געשטימט ווערען.

אום צו מאכען די זאך נאך ערגער הא־בען מאנכע לענדער גאר אין גאנצען ניט געשיקט קיין ארבייטער־פארטרעטער, ווי א שטיינער צעהן לענדער פון סענטראל אין סויט אמעריקא. סיאם, רומעניען און כינא. אין אנדערע לענדער וויעדער, זיי־נען די ארבייטער פארטרעטער שלעכט געוועהלט געווארען, זיי זיינען גענומען געווארען פון דעם רעאקציאנערסטען אר־בייטער פליגעל. אין יאפאן, למשל, ווען די שיף איז אפגעפאהרען נאך סיאטעל מיט דער דעלעגאציע, האבען א גרויסע צאהל ארבייטער זיך פארזאמעלט ביים שיף, אנגעטאן אין טרויער־קליידער, אלס פראטעסט געגען דער ארבייטער דעלעגא־ציע וואס זיינען אויסגעקליבען געווארען אויף א קאנווענשאן וואס די רעגירונג האט אליין אנגעפילט.

די פראגראם פון דער ארבייטער גרו־פע איז איצט, צו פאדערן, אז אלע נא־ציאנען וואס האבען נישט געשיקט קיין ארבייטער פארטרעטער, זאלען אויסגע־שלאסען ווערען פון דער קאנפערענץ. עס איז זיי שוין געלונגען צו ווירקען אז דעלע־גאציעס פון דייטשלאנד און עסטרייך זא־לען צוגעלאזען ווערען און אזוי נאך וועלען זיי באקומען דעם גאנצען וואוס פון די אלע דעלעגאטען פון די סאציאליסטישע רעפובליקען אויף זייער זייט. דורך דעם רעכענען זיי אויף אזוי פיעל צו פארשטאר־קען די מאכט פון דער ארבייטער דעלע־גאציע, דאס זיי וועלען האבען מעהר ווי איין דריטעל פון דער פארטרעטערשאפט, און דאס וועט זיי געבען א מעגליכקייט נידערצושטימען רעאקציאנערע פארשלע־גע. די ארבייטער פארטרעטער וועלען אזוי נאך זיין אין א פאזיציע, אויב ניט דורכ־צופיהרען איינענע פארשלעגע, וועלען זיי כאטש קאנען דורכווארפען די פארשלעגע פון די אנדערע צדדים. מיט דעם אינטער־נאציאנאלען טרייד יוניאן קאנפערענץ הינטער זיך, וועט אפשר די ארבייטער גרופע געפינען א וועג ווי אזוי ארויפצו־שטופען די גאנצע נאציאנען־ליגע אויף א פראגרעסיווען וועג. אמווייניגסטען שיינט עס, אז דאס איז די האפנונג און דער וואונש פון די ארבייטער־דעלעגאטען.

רייכער'ס ערשטער אויפטריט אויף דער אידישער ביהנע

אין דער געשיכטע פון דעם מאדער־נעם טעאטער אין אייראפא איז דער נא־מען פון עמנואל רייכער איינער פון די גאר פראמינענטסטע. ער איז באקאנט אלס דער גרינדער פון א נייער שולע אין דער שוישפילער־קונסט און אלס דער ענט־דעקער פון אזוינע היינט־שוין־וועלט־בא־ריהמטע דראמאטורגען, ווי הענריק איב־סען און געראהארד הויפטמאן.

ער איז געווען דער ערשטער וואס האט געוואגט אויפצופיהרען און אליין צו שפּי־לען די ווערק פון די דערמאנטע דראמא־טורגען אין א צייט ווען אין די טעאטערע פון אייראפא האט געהערשט דאס ביליגע לוסטשפיעל און די סענטימענטאלע מע־לאדראמא.

זיין גרויסער טאלאנט אלס שוישפי־לער, זיין פייערדיגער טעמפעראמענט, זיין פערפעקטע פיגור, זיין ניואנסען־רייכע לייבען־שטימע און זיין אריגינעלע קינסט־לערישע אויפפאסונג פון די ראלען וואס ער האט געשפּיעלט, האט גלייך געוואונען אנערקענונג פאר איהם אליין אלס שוי־שפּילער און אויך פאר די ווערק אין וועל־כע ער איז אויפגעטראטען.

דערזעלבער עמנואל רייכער, „אייראָ־פא'ס מעכטיגער שוישפילער", טרעט אויף צום ערשטען מאל אויף דער אידישער ביה־נע אין דער ראלע פון מנחם פניני אין דוד פינסקי'ס נאציאנאלער היסטאריש־סימ־באלישער טראגעדיע „דער שטומער משיח", וואס ווערט איצט אויפגעפיהרט אין „דאס נייע אידישע טעאטער".

צווישען די קלאוקמאכער אין באלטימאר

פון א. ד. גלושאקאוו

ביז איצט איז געווען זעהר ווייניג איבער וואס צו שרייבען, ווארום ווען מיר זיינען געזעסען אין די שעפער מיט דעם נייעם וואך־ארבייט סיסטעם און מיר האבען אלע קיין עין הרע געמאכט א פיין, אנשטענדיג לעבען — אין יענער צייט, דאס הייסט אין דער ביזי קלעהרט ניט דער קלאוקמאכער וואס שפעטער וועט זיין. דאס ליעגט שוין אזוי אין דער נאטור פון דעם קלאוקמאכער. אבי ער ארבייט יעצט און נעהמט אפ „פיידע". אין אזא צייט דענקט זיך דער דורכשניטליכער קלאוקמאכער, אז זיין אנוועזענהייט ביים מיטינג פון דער יוניאן איז כמעט ווי אן איבעריגע; זיין [illegible] וועט שוין רעדען פאר איהם און פארהאנדלען פאר איהם אלעס.

אונטער די אומשטענדען האט דער עקזעקוטיוו באארד געמוזט באשליסען, דאס אונזערע רעגעלע מיטינגען זאלען אנשטאט שבת אווענד אפגעהאלטען ווערען שבת בייטאג, פון 3 אוהר נאכמיטאג, רעכקענדיג אז מיר וועלען דאן האבען א פאר מעמבערס מעהר צום מיטינג. און אזוי איז עס געווען. די רעגעלע לאקאלע מיטינגען זיינען דעם גאנצען זומער געווען ווייניג וואס באזוכט און די וואס פלעגען שוין קומען צום מיטינג, פלעגען קיין צו גרויסען אינטערעס ניט אפגעבען צו די פארהאנדלונגען פון לאקאל.

אנדערש איז אבער געווען דער פאל ביי די עקזעקוטיוו באארד מיטינגען. אין די הייסעסטע זומער־מאנאטען, ווען יעדער קלאוקמאכער האט זיך געפיהלט, נאך א הייסען טאג ארבייט, פיזיש אויסגעמאטערט, פלעגען די עקזעקוטיוו באארד מעמבערס אפזיצען ביז 12 אזייגער ביינאכט און שפעטער אום צו שליכטען די קליינינקע, ווי אויך גרויסע, סכסוכים מיט אונזערע ארבייטס־געבער, וועלכע פלעגען נאר זוכען טענות צו דער יוניאן, ווארום די קלאוקמאכער זיינען געווארען סלאוער ביי דער ארבייט...

אלזא, צו שרייבען באריכטען פון דער יוניאן־טעטיגקייט אין יענער צייט איז געווען אבסאלוט אונמעגליך. קיין קאנקרעטעס, ממשות'דיגעס, וואס מען זאל קענען זאגען: די יוניאן האט אויפגעטאן דאס און דאס — וועגען אזעלכעס איז מיר ביז יעצט לײדער ניט אויסגעקומען צו שרייבען. יעצט אבער, ווען די יוניאן האלט ביים פארענדיגען דאס ערשטע בלאט פון דער נייער געשיכטע — „וואך־ארבייט", ד. ה. ווען איין סעזאן פון וואך־ארבייט" איז אריבער, און מיר גרייטען זיך צום צווייטען ספרינג־סעזאן מיט אונזער שוין גוט איינגעארדענטער וואך־סיסטעם — יעצט, ווען עס איז שוין סלעק אין טרייד און דער דורכשניטליכער קלאוקמאכער גיט זיך אפ דין וחשבון פון זיין מאראלישען און פינאנציעלען צושטאנד, וועלכע זיינען פארבעסערט געווארען דורך דער נייער סיסטעם פון וואך־ארבייט, און ווי אזוי עס קען איהם ווערען נאך בעסער, ווען ער וועט זיך דורכרעדען מיט די איבעריגע מיטגליעדער פון דער יוניאן ווי אזוי אויסצובעסערען דעם טרייד אויף ווייטער — אין אזא צייט, ווען איך זעה גוט־באזוכטע מיטינגען פון אונזערע מעמבערס, וועלכע נעהמען אן אנטייל אין די דיסקוסיאנען פון דער יוניאן מיט גרויס אינטערעס אויף אן אינטעליגענטען אופן, אין אזא צייט קען מען שוין ניט שווייגען און מען מוז שרייבען. ווייל עס איז דא זעהר גוטע, ערפרעהענדע נייעס.

* * *

דעם 11טען אקטאבער, 1919, האבען זיך די באלטימארער קלאוקמאכער ביי א ספעשעל מיטינג געטעקסט פאר די מלחמה קרבנות — מענער צו 3 דאלאר און פרויען צו 2 דאלאר. דיעזער טעקס מוז באצאהלט ווערען ביז דעם 1טען נאוועמבער, 1919. אויב ניט וועט דער שאפ־טשערמאן פאזיטיוו אפסטאפען פון דער ארבייט דעם יעניגען, וואס וועט ניט האבען באצאהלט ביז דאן. איך גלויב אבער און בין מעהר ווי זיכער, דאס די שוועסטער און ברידער פון לאקאל 4 זיינען ווארעם־הערציג גענוג און אז צו זייער אידיש הארץ דערגרייכט דער הילפס־געשריי פון אונזערע ליידענדע שוועסטער און ברידער פון יענער זייט ים, און אז עס וועט ניט קומען דערצו, דאס א שאפ־טשערמאן פון אירגענד וועלכען שאפ וועט זיך מוזען באנוצען מיט שטרענגע מיטלען.

דאס געלד פאר די מלחמה־קרבנות זאל געבראכט ווערען אין אפיס פון דער יוניאן. די ספעציעלע רעליעף קאמיטע, באשטעהענד פון בר. א. זאקס און פרידלענדער, וועלען אויף אייער יוניאן־ביכעל ארויפקלעבען א סטעמפ „וואר פאנד" און אלע נעמען וועלען קוויטירט ווערען אין היגען אמעריקאן דזשואיש פיפעלס רעליעף"־קאמיטע בלעטעל, „באלטימארער וועקער".

* * *

דעם 29טען אקטאבער האבען מיר געהאט א ספעשעל מיטינג צו פארהאנדלען וועגען דעם צושריפט פון דזשענעראל־אפיס צו טעקסען זיך פאר די שטאל־סטרייקער, וועלכע שטעהען יעצט אין סטרייק פאר מענשליך־גערעכטע פאדערונגען. בר. שניידער, דער דזשענעראל ארגאנייזער פון דער אינטערנעשאנאל, איז ספעציעל געקומען צו דיעזען מיטינג אין באלטימאר וועגען לאקאלע ארגאניזאציאנס־פראגען, וועלכע איך וועל אין קורצען באריכטען אין דער „גערעכטיגקייט", ווען עס וועלען זיין עפעס ערפרעהענדע רעזולטאטען צו באריכטען.

ברודער שניידער האט אין א הארציגער טרייד־יוניאניסטישער רעדע ערקלערט די באדייטונג פון דעם שטאל־סטרייק, וועלכער איז א ריעזיגער טערמאמעטער, וואס צייגט אונז די טעמפעראטור פון דעם אמעריקאנער ארבייטער. דער שטאל־סטרייק, — האט ברודער שניידער געזאגט, — דארף פון אונז אלעמען געשטיצט ווערען ניט נאר פינאנציעל, נאר אויך מאראליש, ד. ה. ניט נאר דארפען מיר באצאהלען די פאר דאלאר פאר די בראווע סטרייקער, נאר דער שטאל־סטרייק דארף זיין ביי אלע ראדיקאלע יוניאן־לייט א מוסטער פון אפפערוויליגקייט, קאמפפס־לוסט און אונקאמפראמיסליכער האלטונג פון ארבייט צו קאפיטאל.

מיר האבען אלע, ווי איינער, ביי דעם גוט־באזוכטען ספעשעל מיטינג זעהר הארציג געדאנקט ברודער שניידער פאר זיין רעדע און זיינע וויכטיגע עצות וועגען לאקאלע פראגען, און עס איז איינשטימיג באשלאסען געווארען צו טעקסען זיך מיט 2 דאלאר יעדער, מאן און פרוי. די 2 דאלאר מוזען איינגעצאהלט ווערען דעם 1טען נאוועמבער 1 דאלאר און דעם 8טען נאוועמבער 1 דאלאר.

לאמיר האפען, אז אלע וועלען אפהיטען דעם באשלוס צו העלפען די שטאל־ארבייטער, ווייל דאס מיינט ניט העלפען יענעם, נאר דאס איז זעלבסט־הילף. דער זיעג פון די שטאל־סטרייקער וועט אויך זיין אונזער זיעג!

א. ד. גלושאקאוו,
סעק. ל. 4, באלטימאר, מד.

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד

פון א סטעף רעפארטער.

מיר האבען א לאנגע צייט ניט געהאט אין די „גערעכטיגקייט" אט דיזע אפטיילונג, ניט חלילה דערפאר, ווייל אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד איז מעהר ניטא קיין לעבען און טעטיגקייט, א, ניין! גראדע אין געגענטייל, עס איז דארט איצט, זייט נאך דעם לעצטען סטרייק, דא אזוי פיעל לעבען און טעטיגקייט, אז מען דארף וועגען דעם כסדר שרייבען און שרייבען, און עס איז איינפאך ניטא די צייט דערפאר, כאטש דאס איז אזוי וויכטיג. אבער, מען וועט מוזען אוועקלעגען אנדערע זאכען אן א זייט און ווידער, פון צייט צו צייט, געבען אויסדרוק צו דעם ים פון לעבען און יוניאן טעטיגקייט, וואס שוויבעלט און גריבעלט אין די אלע אפיסעס פון דעם דזשאינט באארד פון דער ניו יארקער קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן.

* * *

מיר האבען שוין מיט א פאר וואכען צוריק אויפמערקזאם געמאכט אין די „גערעכטיגקייט", אז זייט נאך דעם לעצטען סעטלמענט פון דעם קלאוק מאכער סטרייק אין ניו יארק, איז אין דעם דזשאינט באארד אויסגעוואקסען א גרויסער אפיס, וועלכער קאנטראלירט די שעפער פון דער „אמעריקאן אסאסיאיישאן". ברודער סאל מעטץ איז דער מענעדזשער פון דעם אפיס. איבערצוגעבען א וואך טעטיגקייט פון דעם אפיס אליין דארף פארנעהמען א היבשער פלאץ.

למשל: אין דער וואך פון דעם 29טען אקטאבער איז אין דעם אפיס אטענדעט געווארען 31 „דיסטשארדזש קייסעס", 64 קאמפליינטס וועגען אונגלייכער פארטיילונג פון ארבייט, 22 קאלעקשאנס פון ווידזשעס און „בעק פעי", 18 פעלע וואו עס זיינען באשעפטיגט געווען ניט קיין יוניאן ארבייטער, 184 פארשיעדענע אלגעמיינע קאמפליינטס, און א חוץ דעם זיינען געמאכט געווארען „קאנטראלס" אין 286 שעפער. דאס איז ווי איהר זעהט א גאנץ לאנגער צעטעל, דאס איז ניט בלויז אזוי יענע וואך, אזוי געהט עס כ"ה פון וואך צו וואך, היינט געה גיב איבער יעדער קייס באזונדער. מיר וועלען דאריבער זיך מוזען באשריינקען בלויז מיט א פאר קייסעס פון א מעהר אלגעמיינעם אינטערעס.

נעהמט א שטייגער אזא פאל:

די פירמע דזש. כאאימאוויטש און סאן האט אין איין שאפ געעפענט צוויי באזונדערע דעפארטמענטס, א ריפער דעפארטמענט און א סוט דעפארטמענט.

וועט איהר דאך מסתמא פרעגען: נו, איז וואס?

איז דער תירוץ, אז דאס האט פאראורזאכט אין שאפ א היבש ביסעל טראבעל. די פירמע האט געזוכט ארויסצורופען אייפערזיכטיגקייט צווישען די ארבייטער פון די צוויי באזונדערע דעפארטמענטס און שליסליך האט זי איין דעפארטמענט אין גאנצען אפגעסטאפט, וועהרענד אין אנדערען דעפארטמענט איז געווען א סך ארבייט. דאס איז פארשטעהט זיך אן אומרעכט. לויט דעם שטאנדפונקט פון דער יוניאן זיינען די ארבייטער פון ביידע דעפארטמענטס די זעלבע מיוחסים. אמת, איין דעפארטמענט רופט זיך „ריפער" דעפארטמענט און דער צווייטער „סוט" דעפארטמענט, די ארבייטער, אבער, פון ביידע דעפארטמענטס באלאנגען צו איין און דערזעלבער יוניאן, ווען אפילו זיי געהערען צו באזונדערע לאקאלס.

לאמיר זאגען, אז אין דעם סוט דעפארטמענט זיינען באשעפטיגט מיטגליעדער פון לאקאל 1, לאקאל 3, לאקאל 9, לאקאל 10, לאקאל 23, לאקאל 35 און לאקאל 64. און ווער ארבייט אין דעם ריפער דעפארטמענט? דארט ארבייטען דאך אויך ניט בלויז מיטגליעדער פון לאקאל 17, אויך אין דעם דעפארטמענט געפינען זיך מסתמא מיטגליעדער פון לאקאל 1, לאקאל 9, לאקאל 10, לאקאל 11 און לאקאל 35, צוזאמען מיט די מיטגליעדער פון לאקאל 17.

ווי איהר זעהט, אלזא, געפינט זיך אין יעדען דעפארטמענט א „מיקסטשור" פון מיטגליעדער פון עטליכע באזונדערע לאקאלס, און אין גרונט גענומען, קאן מען נאר ניט מאכען אזא פעסטע ליניע, אפטיילען איין דעפארטמענט פון צווייטען און זאגען די ארבייטער פון דעם דעפארטמענט זיינען בארעכטיגט בלויז צו דער סארט ארבייט, און די ארבייטער פון יענעם דעפארטמענט בלויז צו יענעם סארט ארבייט. איבערהויפט נאך, ווען עס שטעלט זיך ארויס, דאס די פירמע האט בכיון געעפענט צוויי דעפארטמענטס אין שאפ כדי ארויסצורופען שלעכטע געפיהלען צווישען די ארבייטער.

און ברודער מעטץ האט די קייס אויפגעפאסט אין דעם ריכטיגען ליכט. נעמליך, דאס די ארבייטער פון דיעזע ביידע דעפארטמענטס זיינען די זעלבע מיוחסים און דאס זיי אלע זיינען בארעכטיגט צו ארבייטען ביי וועלכער ארבייט עס איז נאר דא.

קורץ, די ענטשיידונג פון דער יוניאן איז געווען, דאס דער שאפ איז איין שאפ און אלע ארבייטער וואס ארבייטען דארטען געהערען צו איין דעפארטמענט — צו דעם יוניאן־דעפארטמענט, און ווען עס איז דא ארבייט, זאל דאס זיין ריפערס אדער סוטס, דארפען אלע ארבייטען.

עס בלייבט בלויז צו זאגען, דאס די יוניאן האט אין דעם פאל גענומען טאקע אן אמת'ע יוניאן־שטעלונג, א שטעלונג וואס מוז פיהרען צו מעהר ברידערליכקייט אין שאפ ביי דער ארבייט.

אין דעם לאנגען צעטעל פון „קאמפליינטס" וואס מיר האבען דא פריהער אויסגערעכענט געפינט זיך אן „אייטעם" 31 „דיסטשארדזש קייסעס".

איז וואס־זשע איז געווארען מיט דיעזע 31 אפגעזאגטע ארבייטער? האט די יוניאן עפעס געטאן פאר זיי?

נאך ווי האט די יוניאן געטאן פאר זיי! אין דעם זעלבען רעפארט איז אויך דא אן „אייטעם" „רעאינסטייטמענטס" און עס פאלגט נאך א לאנגער צעטעל מיט די נעמען און אדרעסען פון פירמען, וועלכע האבען, נעבאך, געמוזט צוריקנעהמען צו דער ארבייט די ארבייטער וואס זיי האבען אפגעזאגט אהן א גענינגענדער אורזאכע. און וויסען דארפט איהר, אז לויט דער אויפפאסונג פון דער קלאוקמאכער יוניאן דארף אזא אורזאכע זיין זעהר און זעהר א גענינגענדע. עס ווערט שטרענג אויפגעפאסט, אז דיר ניט, מיר ניט, זאל א פירמע ניט קאנען פאבריצירען א „גענינגענדע אורזאכע" פטור צו ווערען פון שאפ פון א געוויסען ארבייטער, אויף וועלכען זי האט געווארפען, צוליעב געוויסע טעמים, פארשטעהט זיך, אן אום חן.

און אט זיינען איניגע פאקטען:

די פירמע פארסט בראדערס, פון דער 7טער עוועניו האט געמוזט צוריקנעהמען א פרעסער און דערצו נאך באצאהלען איהם פאר דער פארלארענער צייט.

דאס זעלבע איז אויך געשעהען מיט אן אונטערפרעסער, ביי דער פירמע לייבאוויטץ און פינק, אין דער 17טער סט.

די פירמע מ. לעסער און סאן האט געמוזט צוריקנעהמען א פינישער און איהם געבען ארבייט.

נאך אנדערע פינישערס, מיטגליעדער פון לאק. 9, זיינען דורך דער מאכט פון דער יוניאן צוריק אנגעשטעלט געווארען צו דער ארבייט ביי די פאלגענדע פירמען: שווארץ און קאס, אייזענבערג און גיטעלמאן, פ. און ס. מייערסאן, קאהען, פערלאוו בראדערס, פאסמאניק, וו. רובינשטיין און ספארגא.

דאס איז וואס אנבאלאנגט פינישערס. עס זיינען אבער אויך רעאינסטייטעט געווארען נאך אנדערע ארבייטער, פרעסער און אפערייטארס ביי די פאלגענדע פירמען: ל. פאטע, ארענאף און בעלפארט, דייוויס און מיראף, ר. און ז. קלאוק קא., סעמועל געלב, סענדערס און נעגיננבער, אטלאס און דייוויס, רובין, דאנא קלאוק קא., הארדסאן קלאוק קא., טאסקאוויטץ, פ. ר. ט. קלאוק קא., און נאך איניגע.

ווי איהר זעהט, איז דאס א גאנץ פיינער צעטעל. ווען אין פארלויף פון איין וואך צייט, קאן דער אפיס פון דער יוניאן וויזען אזא לאנגען צעטעל מיט „רעאינסטייטמענטס". מיינט עס, אז אין אפיס פון ברודער מעטץ ווערט געטאן גוטע און וויכטיגע ארבייט.

אבער א חוץ די אלע קאמפליינטס ווארפט זיך אין דעם רעפארט באזונדערס אין די אויגען נאך א לאנגער צעטעל מיט די קאלעקשאנס פון שכירות אין „בעק פעי", וואס באטרעפט גאר א היבשע סומע. אט איז דער צעטעל פון די פירמען, ביי וועלכע די יוניאן האט אויפגענומען געלט פאר די ארבייטער, וועלכע די פירמען האבען אליין, מיט גוטען, ניט געוואלט באצאהלען:

פון פיליפ זאנטאג,	$7.50
פון ריטשמאן בראדערס,	$44.91
פון גאלדבערג און גראסמאן,	$25.45
פון וויינבערג,	$19.96
פון וואלדמאן און זאכער,	$70.47
פון ספעשעלטי קלאוק קא.,	$11.20
פון שווארטץ און פריעדמאן,	$12.93
פון פריימאן און מאנדעל,	$85.38
פון פארמאן און אדלער,	$6.97
פון ברענער און בראדער,	$53.27
פון אלטעס און דייוויס	$147.79
פון פארסט בראס.,	$64.00
פון בלום,	$52.50
פון דזש. בערנשטיין,	$225.00
פון דראפקין און קיילינסאן,	$10.00
פון פוקסאן, דראפקין און פייקעלסאן,	$3.00
פון געשווינט בראס.,	$34.00
פון קאווינסקי בראס.,	$30.90
פון רידזשענט קלאוק קא.,	$22.50
פון ראטינבערג און וואלק,	$30.00
פון קריסטמאן	$5.33
פון זוסלאוויטץ און גיסלין,	$43.00
צוזאמען	$1006.06

דאס איז ווירקליך א שעהנע מטבע, און עס דארף געוויס פארווענדעט ווערען

ווען מען זאגט משוגע...

(מכח די וואהלען אין מזרח קאנאדא)

פון ב. י גאלדשטיין.

געדענקט איהר דעם גענעראל סטרייק אין וויניפעג און אין די אנדערע טיילען פון וועסט קאנאדא?

די קאנאדישע פרעסע האט זיך דער־מאלט אין א כאר צונויפגעשטעלט; די רעגיערונג מיט דעם ארבייטער־מיניסטער — די דירינגענטען, און מען האט בנשימה אחת א דונער געטאן: באלשע־וויזם! פארטיג אלץ מיט אן אנדער. דארף מען שוין ניט זוכען די אורזאכען פון'ם גענעראל סטרייק; זיצט שוין די רעגיערונג: אונזערע וויעדער פעסט אין זא־טעל; שיט שוין אונזער פרעסע וויעדער זאמד אין די אויגען. און די „גערעכטיג־קייט" — זי, די בלינדע, אומגעהובעלטע גערעכטיגקייט פון די וויסטע קאנאדישע פריירים הגיט אריינגעכאפט א פאכענדיגע נאהייקע אין איהרע לאפקעלעך און האט געלערענט „בלק" מיט די מומרים להכעיס, די „באלשעוויקעס", וועלכע ווילען ממש עוקר מן השורש זיין דאס שהנע, רוהיגע און גלאררייכע קאנאדא: מען האט פאר־שפארט אין די טורמעס די אנפיהרער פון דעם גענעראל־סטרייק, וועלכע מען האט ביינאכט פון די בעטען ארויסגעריסען; מען האט פאר'משפט ארויסצושיקען פון לאנד די, וועלכע האבען געוואגט צו גלוי־בען אנדערש, ווי אונזער רעגיערונג, ווי אונזער „גערעכטיגקייט" און אלע פרומע פעטע מענשען הייסען גלויבען. און די סטרייקערס גופא האט מען א ביטערע לעקציע געלערענט:

די סטרייקערס וואס האבען פריהער געארבייט ביי דער רעגיערונג, האט מען ביז איינעם אפגעזאגט פון זייערע שטע־לעס; די וועלכע האבען געארבייט ביי פריוואטע פאבריקאנטען און אונטערנעה־מער, האט מען ארויפגעשטעלט אויף א שווארצער ליסטע און מען האט זיי אויס־געהונגערט.

עס איז נאך קיין האלב יאהר נישט פאראיבער זייט יענער שעהנער, גאלדע־נער צייט, ווען אונזערע רעגיערונגס־לייט און רייכע קאמערסאנטען פון מערב קאנא־דא האבען זיך געגלעט די בייכלעך אויף דעם חשבון פון זייער גרויסען זיעג וואס זיי האבען געהאט אין וויניפעג, אין קאלגארי, אין רידזשיינע א. א. וו.

און געמיינט האט מען אז מען איז פטור געווארען פון אלע צרות, פון אלע אומרוהען, פון אלע אויפשטאנדען. עפעס א קלייניגקייט ס'אר א לאפעטע ערד מען האט ארונטערגעשאטען אויף דעם קאנאדי־שען באלשעוויזם! א קלייניגקייט ס'אר א לעקציע מען האט מיט די רעבעלירענדע עלעמענטען געלערענט!

און מען האט טאקע באלד מודיע גע־ווען דער וועלט, אז די סאלדאטען (די צוריקגעקומענע) וועלכע זיינען געווען אין צייט פון גענעראל סטרייק בדעה אחת מיט די רעוואלוציאנערען, זיינען אצינד מורא־דיגע געגנער פון די אנהענגער פון „וואן ביג יוניאן", און עס איז ממש א געפאהר אז אן ארבייטער זאל זיך אויסשפרעכען לטובת דיעזער באוועגונג. ער איז איינ־פאך מיט'ן לעבען נישט זיכער.

שפעטער האט מען מודיע געווען, אז די פריהערדיגע הייסע חסידים פון „וואן ביג יוניאן" זיינען אליין שארף געגען איהר אצינד.

די אורזאכע?

נישט נויטיג!

איהר מעגט זיך אנשטויסען, אז דאס איז צו פארדאנקען אונזער טיכטיגער און זעהר קלוגער רעגיערונגס־מאשין, וועלכע האט אין דעם דאזיגען קאמפליצירטען פאל געארבייט זעהר ענערגיש און געוואגט דעם „אויפשטאנד" אין בלוט צו דערטרינקען.

דערטרונקען און — ארפ פון מארק!

אמת טאקע אז גאר רוהיג איז עס נישט געווארען; אמת טאקע אז די ארביי־טער האבען אין קאלגארי אויף א צוזא־מענפאהר געשטימט פאר „וואן ביג יוני־יאן" און עפענטליך מורד געווען אין גאמ־פערס'ן און אין דער אמעריקען פעדערי־שאן אוו לייבאר"; אמת טאקע אז פרי־הער איז גאר געווען איין ארגאן, וואס האט צווישען אנדערעס אויך אגיטירט פאר דער „וואן ביג יוניאן"־באוועגונג און איצט זיינען פאראן מעהר ווי א פאר אזעלכע און זאגאר א וועכענטליכע צייטונג מיט'ן נאמען „וואן ביג יוניאן ביולע־טין"; אמת טאקע אז די אומרוהען אין לאנד האבען אנגענומען א שארפערען כא־ראקטער און פון די סטרייקער־רייהען הע־רען זיך שוין אויף פאליטישע קולות — דאס אלעס איז זיך טאקע אמת, נאר די פרעסע האט זיך פון דעם קיין צימעס ניט געמאכט און מיט א רוהיג ליעדעל צוריק איינגעוויעגט אונזער רעגיערונג, וועלכע דרעמעלט, דרעמעלט זיס אזוי לאנג ווי עפעס אן ערד־ציטערניש אין ערגעץ טריי־סעלט זי נישט אויף.

און די ערד ציטערניש איז געקומען פון אן אומגעריכטען ווינקעל.

ווער זאל זיך עס געווען ריכטען? — אנטעריא!

די נעסט פון דעם סאמע מעכטיג־סטען פאליטישען קאנסערוואטיזם. דער זיכערסטער שורש און פעסטער זייל פון אונזער איצטיגער קאנסערוואטיווער רע־גירונג.

אנטעריא — די פראווינץ (שטאאט) וואס האט זיך ביי אלע וואהלען אויסגע־צייכענט מיט איהר באדייטענדער צאהל ערוועהלטע קאנסערוואטיווע פארלאמענט־מיטגליעדער.

קומט אט־א־די פראווינץ און קעה־רט אום דאס גאנצע שעפעל מילך: ביי די לעצטע וואהלען (אין סוף פאריגען חודש) האט די דאזיגע פראווינץ נידערגעשטימט ביידע רעגיערענדע פארטייען.

די הוירסט־רעגיערונג (קאנסערוואטי־ווע) איז ביטער געשלאגען געווארען: פון די עטליכע און זיעבעציג פלעצער וואס זי האט געהאט אין דער פריהערדיגער לע־גיסלאטור זיינען איהר איצט קוים פארבליבען אכט און צוואנציג. אליין דער פרעמיער בכבודו ובעצמו איז בא־זיעגט געווארען פון אן ארבייטער־קאנדי־דאט מיט א ריעזיגער מאיאריטעט; פיער פון זיינע מיניסטארען זיינען באזיעגט גע־ווארען, ווער פון א פארמער, און ווער פון אן ארבייטער־קאנדידאט.

אזא מפלה איז נישט געהערט גע־ווארען.

וואלט זיך דאס געהאנדעלט מכח וועסט קאנאדא, וואלטען שוין אונזערע צייטונגען געוואוסט מיט וואס פאר א מענה לשון ארויסצוגעהן קעגען אזא מין משוגע'דיגען וואהלען־רעזולטאט. די ווער־טער וואלטען זיך ממש פון דער פען אליין ארויפגעגליטשט. ווארים ווען מען איז עס דען נישט באקאנט אז אונזער רעגיערונג איז צופיעל ליבעראל און לאזט אין דער וועסט־קאנאדא געגרייען איי־דאבעל־יו דאבעל־יו אידעען; אז זי פארשוויינט אזעלכע „סקאנדאליעזע" צייטונגען ווי די „וואן ביג יוניאן בולעטין" און פיעלע אנ־דערע נאכלעסיגקייטען ווייזט ארויס אונ־זער רעגיערונג בנוגע דער וועסט־קאנאדא, וואס וועלען פיהרען, חלילה, צו גרויסע איבערקעהרענישען און סוף כל סוף וועלען זיעגען די רעבעלישע עלעמענטען.

איז דאך גערעדט געווארען בנוגע דער וועסט־קאנאדא, אין וויניפעג למשל, וואו די שפורען פון דעם גענעראל סטרייק וועלען בלייבען בולט מיט פארגליווערטע בלוט־פלעקען אויף יאהרען לאנג.

אבער — מזרח־קאנאדא! דאס גע־טרייע קאנסערוואטיווע אנטאריא!

וואס פאר א תירוץ געפינט מען?

און א תירוץ מוז מען האבען.

אלא נישט איז מען דאך נישט בא־ווארנט מיט די אנדערע פראווינצען.

און אט האבען די ביי־עלעקשאנס אי־בער'ן לאנד באוויזען אז אזא מין וואהל־רעזולטאט ווי אין אנטאריא איז א פשוט'ע עפידעמיע, רחמנא לצלן; די רעגיערונגס מענשען האבען אין די „ביי־עלעקשאנס" געליטען מורא'דיגע מפלות, אין איינציגע ערטער האבען זיי אפילו זייערע דעפאזיטס פארלוירען.

שטעלט זיך פאר, אז אין איין שטעד־טעל איז „געלאפען" אזא „שטארקע" פער־זענליכקייט ווי א בריגאדיר גענעראל. וואס קען שוין זיין שטארקער? איז גע־קומען א פשוט'ער פארמער און האט איהם באזיעגט מיט א מאיאריטעט פון איבער טויזענד שטימען.

דאס איז שוין עק וועלט.

ביי אונז אין קאנאדא איז עס הימעל שרייענד. בפרט נאך אז דאס פאסירט פונקט דעמאלט ווען דער פרינץ אוו וויילס ריהרט אויף מיט זיינע חנ'עודיגע אויגען און זיסען שמייכעל דאס גאנצע לאנד און ווארפט עס אריין אין א פאטריאטישען קאלך־אויווען. אין אזא צייט ווערט א בריגאדיר־גענעראל באזיגט פון אן איינפא־כען פארמער! עס איז דאך א פינסטערער בזיון פאר לייטען. וואס וואלט „אוער סאלדזשער פרינץ" געזאגט ווען ער זאל זיך חלילה דערפון דערוויסען?

און וואו נעהמט מען דארויף א תירוץ?

אט דא ליעגט דער אומגליק. מען קען קיין תירוץ נישט געפינען.

די תירוצים און די אורזאכען וואס די ארבייטער און די פארמערס געבען אן, זיינען אפילו נישט קיין שלעכטע. אבער וועלכע אנשטענדיג־קאנסערוואטיווע און אפילו ליבעראלע קאנאדישע צייטונג וועט זיך ערניעדריגען צו צו בויגען איהר אויער און הערען וואס ראדיקאלען דענ־קען און זאגען?

אז ביי זיי איז דאך גאר רעכט צו זא־גען, דאס ביידע הערשענדע פארטייען (די ליבעראלע און קאנסערוואטיווע) שטעהן אויף דער שוועל פון זייער איי־גענעם קבר און אז די „ביי־עלעקשאנס" איבער'ן לאנד און פראווינציעלע וואהלען אין אנטאריא האבען אויף די צוויי פאר־טייען די לעצטע לאפעטע ערד ארויפגע־שאטען.

קען מען דען אזעלכע רייד נעהמען ערנסט או זיי פראקלאמירען?

ניין, דאס קענען זיי נישט.

וואס דען?

איז מען געזעסען און געטראכט און געטראכט ביז מען איז געקומען צום בא־שלוס:

משוגע!

די פראווינץ אנטאריא איז אראפ פון זינען?

אזוי דערקלערט א קאנסערוואטיווער ארגאן, א רייכע, אויב נישט די רייכסטע צייטונג אין אנטאריא, די וואהל־רעזולטא־טען.

און אנדערע זיינען ארויס אין כאר און זינגען נאך דאס איינענע ליעדעל: „די פראווינץ אנטאריא האט נישט געהאט קיין שום אורזאכע ניעדערצושטימען ביי־דע הערשענדע פארטייען און ערוועהלען אן ארבייטער און פארמער רעגיערונג, סיידען — — סיידען עס איז אמת דאס וואס מען זאגט אז מיר לעבען אצינד אין א משוגענער צייט!"

קלארע דבורים.

איצט איז אונזער ווערטער בוך רייכער געווארען. פריהער האבען מיר געהאט איין ווארט „באלשעוויק", איצט איז צו־געקומען נאך איין ווארט: „משוגע".

קלאוק שעפער קאלעקשאנס פאר דעם הונדערט טויזענד דאלאר פאנד

קאהען און מעטצנער — — 10.00
מאררים מילארד,
דורך בענדזש. קאפלאן — 43.00
קארל פרידריך,
דורך סעם ספערטוס — — 5.00
דזשאס. לעף — — — — — — 50.00
קאלעקטעט דורך פריעד
אין דאון־טאון שעפער — 16.00
פה. מערלאוויץ,
דורך לואיס דינקאף — — 16.00
ה. ליכטבלאו,
דורך דייוו ליכטבלאו — 3.50
ראסאוו קלאוק קא.,
דורך קארש — — — — 6.50
ב. ע. מ. קלאוק ענד סוט א.,
דורך וויים — — — — 2.75
נייטהענסאן, דורך סעם דובאף 5.00
ב. ספילקי און סאן,
דורך מאקס מענדעלפאנד 5.50
ג. עללמאן און קא.,
דורך סעם הערמאן — — 3.00
פלאסטער און בלייער,
דורך מ. וויינשטיין — — 20.50
קיצינגער און קא.,
דורך בענדזש. לומאוויץ — 4.50
א. קאלישער, דורך סיימאן — 5.50
עקיורייט קלאוק קא.,
דורך בראונפעלד — — 12.25
פערקים, דורך ה. בראון — — 3.00
טענענבאום און מעי,
דורך בענדזש, פארטנאי 5.00
סילבאוויץ און ניסנאוויץ,
דורך ד. סאלאמאן — — 7.75
קריעגער קלאוק קא.,
דורך העקער — — — — 5.00
באטווין און קאנטאר,
דורך א. מייער — — — 3.50
פיינבאום, דורך פלאמהאלץ — 8.75
דייווידאוו, דורך נ. פריעד — 25.50
גאלדבערג און רובין,
דורך נ. פאגעלמאן — — 3.25
אייזיקסאן, דורך אייזענבאו— 6.50
דזש. ב. קלאוק קא.,
דורך ה. בלאנק — — — 3.75
פייבער און היין,
דורך גיטענפלאן — — 5.00
הערמאן באטלער,
דורך סקערפינעטא — — 3.00
ספעשעלטי קלאוק קא.,
דורך נ. בערקאוויץ — — 3.50
א. ב. קלאוק קא.,
דורך ס. קאפלאן — — 13.50
פאסענקאמף בראס.,
דורך ב. קאפלאן — — 11.75
א. גוירשעל, דורך מ. סקלאר 5.00
סעמיועל פאסט,
דורך דזש. בראנד — — 3.00

טאטאל — — — — — 325.75
פריהער קוויטירט — — — 2298.18

גרענד טאטאל — — 2623.93
פיליפ קאפלאוויטש,
סעק.־טרעזש. פון דזש. ב.

עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאקאל 25

א מיטינג פון עקז. באארד פון דער לײדיס וויסט און דרעסמייקעס יוניאן, לאקאל 25, אפגעהאלטען דינסטאג דעם 3טען נאוועמבער, 1919, 2 אוהר נ. מ., אין 16 וועסט 21טע סטריט. בר. וויס־גלעסס טשערמאן.

די פאלגענדע ווערען סוספענדירט אלס מעמבערס פון עקזעקוטיוו באארד פאר ניט אטענדען דריי מיטינגען: סיידי רייך, אננא מינץ, סערע קעמען, אסתר אלבער־מאן, גאסי דזשוליטסקי, פעני שאפירא, מרים מאריסאן, מאלי פרידמאן.

עדיטה סטיפען און איזידאר ספעק־טאר, קאנדידאטען פאר'ן עקז. באארד פון ברוקלין ברענטש, ערשיינען און ערקלערען דאס זיי זיינען ניט ערשינען פאר דער אבדזשעקשאן קאמיטע צוליעב דעם וואס זיי האבען ניט געקראגען די נאטיסעס אין צייט. א קאמיטע מיט פולמאכט, בא־שטעהענד פון לואידזשי אנטאניני, טשער־מאן, ה. דייווידסאן און א. וואסילעווסקי, ווערט ערוועהלט צו עקזאמינירען דיזע קאנדידאטען און באריכטען דירעקט צו דער עלעקשאן קאמיטע.

דער רעפארט פון דער אבדזשעקשאן קאמיטע ווערט אויסגעהערט און גוטגע־הייסען.

דער באריכט פון באארד אוו דירעק־טארס ווערט אויפגענומען. איינינע וויכ־טיגע שאפ קייסעס ווערען דיסקוטירט און פארהאנדעלט. דער באריכט ווערט גוט־געהייסען.

די שטאל סטרייק קאמיטע באריכטעט דאס זיי האבען ארגאנזשירט א מיטינג פון אלע שאפטשערלייט און פרייז קאמיטעס אין בעטהאווען האל, פאר־מאנטאג, דעם 10טען נאוועמבער, וואו די פראגע ווי אזוי אם שנעלסטען צו קאלעקטען דעם 2 דא־לאר אסעסמענט פאר די סטרייקענדע שטאל ארבייטער, וועט פארהאנדעלט ווע־רען. עס ווערט באשלאסען דאס דער סעקרעטער, מר. שענהאלץ, זאל גלייך אנ־פאנגען צו ארגאנזשירען די נויטיגע מא־שינערי אין אפיס פאר די קאלעקשאנס.

פינאנץ און רעליעף קאמיטע רעפארט ווערט אויפגענומען. צווישען אנדערעס ווערט באשלאסען:

1) בייצושטייערען 15 דאלאר פאר דזשווירנימענס טיילאר יוניאן, וועמענס מעמבערס זיינען יעצט אין סטרייק.

2) בייצושטייערען 15 דאלאר פאר די שענדעליר און ארט לעמפ ווארקערס יו־ניאן, וועלכע האט ארום 1800 מעמבערס אין סטרייק.

אפיעל קאמיטע'ס רעפארט ווערט אויפגענומען און פארהאנדעלט.

י. שענהאלץ, סעק.

פארלאנגער, האט זיך דערנעהנטערט צו איהם, צוזאמען מיט דער שטיבלענדער זשעני.

— איך האב עס נעמאן — האט פאר איהם געענטפערט דאס מיידעל.

— איך האב דאך אייך געזאגט, אז זיי האבען באשאפען א גאנצען טעלעגראף.

און, אונטערכאפענדיג דאס קלייד, האט מארי־לואיז זיך גענומען ארונטערלאזענדיג מיט די טרעפ ביי די ענדע פון וועלכע עס איז געווען צוגעפעסטיגט אנדרע'ס שיפעל.

— וואס מאכט איהר, אנדרע?

— וואס מאכט איהר?

זשארזש איז פארזיכטיג צוגעשוואומען, אויסשטרעקענדיג די האנד סעלינע'ן, וואס האט געוואלט וואס גיכער שוין זיצען נעבען איהם.

ראזא און לעאני זיינען געקומען צו לויפען מיט'ן שיפעל צום ברעג. דער ווינד האט צובלאזען זייערע קליידלאך און אויפגעדעקט זייערע פיס און די גאלדענע זאקען. הויכע שיך פון דעם זעלבען קאליר האבען ענג ארומגענומען זייערע פיסלעך.

— פאהרט ניט אוועק אהן אונז! פאהרט ניט אוועק!

דער געשיקט געווארפענער באל איז געפאלען אין אנדרע'ס שיפעל.

— שטילער, מיידלאך, שטילער...

דער דאקטאר האט אפגעשטעלט די ווילדע מיידלאך, וואס האבען זיך געוואלט א לאז טאן נאכ'ן באל.

אנדרע האט אפגעשטופט זשרזש'ס שיפעל אין וועלכען, אויסציהענדיג זיך אין דער גאנצער לענג, איז האלב־געלעגען סעלינא, ארונטערלאזענדיג די הענד אין וואסער.

— שווימט פאראויס!

זשארזש, וואס האט געהאט, לויט זשעני'ס אויסדרוק, אלע אייגענשאפטען פון א פרוי, וואס האנדעלט מיט זיך, האט רוהיג גענומען רודערן אין מיטען טייך אריין. סעלינא, זיצענדיג אונטער איהם, האט באוואונדערט די בויגיגע באוועגונגען און שטארקע פלייצעס פון אט דעם יונגלינג. אמת, ער איז נאך קיין צוואנציג יאהר ניט אלט געווען און איז געווען פון מיטעלען וואוקס, אבער די איבונגען און דער רעגעלמעסיגער ארט לעבען, וואס ער האט געפיהרט, האבען הארמאניש ענטוויקעלט זיין קערפער. די קרייזלענדיגע האר, די דונקעלגרויע אויגען, וואס האבען געהאט א זינליכען אויסדרוק, האבען איהם געמאכט אויסזעהן פארפיהעריש.

גאסטאן דעווערילעס האט אויסגעזעהן מיט א פאר יאהר עלטער פאר זשארזש'ען; ער האט געהאט קליינע בלאנדע וואנסעלעך, א פריש, קינדיש געזיכט, אונשולדיג, גוטע אויגען, וואס האבען זיך ניט אפגעריסען פון זשעני'ן און וועלכע האבען שטענדיג געהאט דעם אויסדרוק פון צערטליכער, אפגעהערציגער פארליעבטקייט.

מארי־לואיז האט באאבאכט ווי דאס דאזיגע פארל האט זיך געזעצט אין שיפעל אריין. דאס פארל האט גארנישט ניט געהאט קיין געמיינזאמעס מיט יענעם, וועמעס לייכטע שיפעל פון רודערן האלץ האט זיך געטראגען איבער'ן טייך, וואס האט איצט געלויכטען מיט'ן אפגלאנץ פון דער זון, וואס איז געשטאנען אין מיטען הימעל.

— און איצט, מיידלאך, זעצט זיך, אבער שטופט ניט דאס שיפעל, איהר הערט?

אנדרע האט אפגעבונדען דאס שיפעל פון דעם שמאלען באלקען אויף וועלכען עס איז נאך געשטאנען מארי־לואיז, ווי א סטאטוע, מיט רעטזעלהאפטע אויגען.

— וואס־זשע, מארי־לואיז, ניט שוין־זשע ווילט זיך דיר, אז אנדרע זאל דיך ארונטערנעמען אויף די הענד? — האט א געשריי געטאן ראזא.

— איז אייער פארלאנג, אז איך זאל אייך פארזיכטיג ארונטערנעמען אויפ'ן דעק פון דער שיף? איך בין צו אייער דיענסט.

אנדרע האט געלאכט, קוקענדיג מיט א פרעגענדיגען בליק אויף דער מיידעל. מארי־לואיז האט א ווארף געטאן אויף איהר א דורכדרינגענדען בליק, צום ערשטען מאל, דאכט זיך, באמערקט, ווי שעהן ער איז. מיט'ן געבוי פון אן אטלעט, האט ער דערמאנט מיט זיך די שעהנהייט פון אנטיקע סטאטועס. און אנגעשטרענגט פייערעל האט געברענט אין זיינע שווארצע אויגען, אויף וועלכע עס איז געפאלען דער שאטען פון די אויפגעהויבענע וויהעס און וועלכע האבען געלויכטען ווי א גאט; אין געוויסע מאמענטען האבען זיי געהאט א זאנדערבארען סאמעטנעם אויסדרוק, — אזא אויסדרוק האבען זיי געהאט איצט, ווען מארי־לואיז, דורכשארענדיג זיך פארביי איהם, האט זיך לייכט אנגעלעהנט אן זיין אויסגעשטרעקטער האנד.

„יא, איך גלויב, אז לעאני איז גערעכט, — האט א טראכט געטאן מארי־לואיז, זעצענדיג זיך אין דעם שיפעל, וואס אנדרע האט גענומען אנטרייבען, — איך שטעה אן א זייט, איך טו גארנישט ניט כדי איהם צוציהען צו זיך, אין דער צייט, וואס מוטערס און טעכטער היטען איהם אפ און זיינען גרייט צו טאן אלע זייערע פארלאנגען."

זי האט געוואוסט, אז ראזא האט ניט געליינט, ווען זי האט געזאגט, אז ווען אנדרע איז געגאנגען איבער די גאסען פון סען־מאר, האבען פון אונטער די פארהאנגען ארויסגעקוקט גייציגע פרויען, וואס זייבען גרייט געווען איהם צו באשיטען מיט קושען, אויב ער וועט עס נאר פארלאנגען, — אלץ איינס, אפילו אהן א חופה.

מארי־לואיז האט געקוקט אויף די אנדערע פארלעך און געצויגען א פארלעל צווישען זיי און דער, וואס זי און אנדרע וואלטען געבילדעט... און זי האט געפיהלט, אז ביי זיי וואלט געווען עפעס אנדערש, עפעס גארנישט עהנליכעס אויף דער נאיווער צערטליכקייט פון זשעני'ן און גאסטאן'ען אדער אויף דער גראבער זינליכקייט פון זארזש'ען און סעלינע'ן, וועלכע דער פשוט'ער אינסטינקט האט בלינד געטריבען איינס אין דעם צווייטענס ארעמס.

מיט אן אנגעשטרענגטען, קאנצענטרירטען בליק האט אנדרע שווייגענדיג גערודערט. גאסטאן'ס דינער קערפער, וואס איז געזעסען פאר איהם און געהארכזאם איהם אפגעענטפערט מיט די רודער, האט פון מארי־לואיז ניט פארשטעלט דאס פארברענטע געזיכט און די ברייטע פלייצעס פון דעם דאקטאר.

קוקענדיג אויף דער געמישט דורכדרינגליכער מאסקע, וואס האט פארשטעלט זיין פנים, האט מארי־לואיז דורכגענומען א פיינליך ציטערדיג געפיהל. וואס קען מען אויסלעזען אין די דאזיגע פארשלאסענע שטריכען, אין דעם שטערן, וואס איז צואקערט מיט קנייטשען...

איז דען דאס אמת? האט ער דען ליעב סעלעסטע'ן, אט דער צווייט־קלאסיגער אקטריסע, יועמען זי, מארי־לואיז, נעהט קליידער כדי צו האבען א מעגליכקייט עפעס אויפצוטעהען אויך פאר זיך? וואס באהאלט זיך אין דער טיפעניש פון א מענערשער נאטור, אויב זי גיט ניט אזוי לייכט אונטער צו אלע טייוואלים פון ליידענשאפט, וואס פארוואנדעלט דעם מאן איז רויב פאר יעדער פרוי, וואס וויל עס נאר.

„און — האט פארטגעזעצט צו טראכטען מארי־לואיז, — ווען איך זאל זיך ווארפען אין די דאזיגע שטארקע ארעמס אין וועלכע, דעם אמת זאגענדיג, עס וואלט גאנץ אנגענעהם געווען אפצורוהען, וואלט איך דען, פון מיין זייט, ניט געווארען רויב, מיט וועלכען ער וואלט זיך אנגעגעסען ביז זאט, ווי א פול בארעכטיגטער באלעבאס און דערנאך וואלט ער, אן איבערזעטיגטער, מיך, אין א שעהנעם טאג, ארויסגעווארפען. ניין! איך וויל ניט זיין קיין ציעל פאר מענערשער תאוה!"

ווי אפט האט מארי־לואיז, וואס האט זיך אנגעהערט פיעל אומאנשטענדיגע רייד פון אקטיארען, ווען זי האט באגלייט סעלעסטען, איבערגע'חזר'ט די דאזיגע ווערטער, ווען אן אקטיאר פלעגט צו איהר צושטעהן אונטער די קוליסען! „איך וויל ניט זיין קיין ציעל פאר זייער תאוה!"

„אפילו ניט פאר זיינער", — האט איינגעשפארט גערעדט צו זיך מארי־לואיז און איהר פנים האט אנגענומען א גרויזאמען אויסדרוק, ווען אנדרע, אויפהויבענדיג די אויגען, האט געשמייכעלט צו איהר.

זי האט ניט געוואוסט, ווי איהם איז געפעלען געווען איהר ריינער פראפיל, דער טרויעריגער און שטרענגער אויסדרוק פון איהרע אויגען אין וועלכע די ליידענשאפט האט נאך ניט געהאט אריינגעשריבען איהר ווארט, צו וואס ער האט זיך, אגב באצויגען ווי צו בלויז א צופעליגקייט... איהם, אלס אן ארצט האט אויסגעזעהן ווי א וואונדער, וואס די דאזיגע קלוגע, שעהנע און לעבעדיגע מיידעל האט נאך ביז איצט ניט געליעבט און אז אין איהרע זעקס און צוואנציג יאהר האט זי נאך קיינמאל ניט געהאט דעם פארלאנג נאך מענערשער צערטליכקייט. אין זיינע אויגען איז געווען גאנץ נאטירליך, וואס סעלינא האט זיך אויסגעצויגען אין שיפעל ביי זשארזש'ס פיס, ווי א געזונטע צויג, וואס רוהט זיך אויס פאר דעם באלעבאס אויגען. ער האט אויך פארשטאנען, פאר וואס זשעני האט ניט איינגעוויליגט אויף קיין איין שפאציר אהן גאסטאן'ס באגלייטונג, אהן דעם אויפמערקזאמען, צערטליכען באגלייטער.

מיט מאדנע רייד האבען די איינגערע שוועסטער גערעדט וועגען ליעבע. אנדרע האט געפיהלט, אז זיי איז קלאר די אלמאכט פון דעם אינסטינקט, וואס ציהט אונאויפהערליך איין געשלעכט צו דעם צווייטען. זיי האבען נעפלוידערט אהן אויפהער, זיצענדיג ארומגענומענע אויפ'ן הינטערשטען טייל פון שיפעל, וואס האט זיך געגליטשט איבער דעם וואסער, ווי א מערכענהאפט שיפעל אנגעלאדען מיט'ן טייערסטען רויב. פיער ווייסע, שלאנקע סילועטען האבען זיך אפגעשפיגעלט אין דעם גרינליכען שפיגעל און די אייגנעבויגענע פיגורען פון גאסטאנען און אנדרע'ן האבען איהם געהאלטען אין איין צונרעכען מיט דעם ריטמישען קלאפען פון די רודער, וואס האבען געהאלטען אין איין הויבען זיך אין דער הויך און ארונטערלאזען זיך אין וואסער.

דאס ריטמישע סקריפען פון די רודערס האט געקלונגען ווי א טרויער ליעד פון דעם באליידיגטען טייך, וואס האט געקרעכצט אונטער דעם דאפעלטען קוש פון צוויי שיפלעך, וואס זיינען געשוואומען איינס נאהענט פון צווייטען, פארטשעפענדיג די הויכע גראזען צווישען וועלכע עס האבען געלויכטען די וואסער ליליען.

לעאני האט ברייט געעפענט איהרע טונקעל ברוינע אויגען אנלעהנענדיג זיך אן ראזע'ס פלייצעס.

— א, ווערען אן אונדין — האט זי געמורמעלט אזוי ווי אין חלום, — ווערען א נימף פון דעם הייליגען אינזעל פון ליעבע, ווערען סאפא, סאלאמע, קלעאפאטרא...

מיט א זאנדערבארען פייעריל האבען זיך אנגעצונדען ראזע'ס בלויע שווארץ־אפעל.

— זיין א סירענע, וואס ציהט נאך זיך אין תהום אריין, — האט זי ארויסגערעדט.

— זיי הויבען שוין אן צו רעדען פון היץ, — האט צוזאמענציהענדיג די ברעמען, ארויסגעמורמעלט מארי־לואיז.

(פארטזעצונג פאלגט)

טרייד יוניאן באוועגונג פאר די באפרייאונג פון פאליטישע ארעסטירטע

די טרייד יוניאן קערפערשאפט וועלכע איז ארגאניזירט געווארען אויפצוהויבען א באוועגונג פאר אמנעסטיע פאר פאליטישע פריזאנערס איז שוין ביי דער ארבייט. זי האט ערעפענט אן אפיס און וועט פון איצט אן און ווייטער אנפיהרען א שטארקע פראפאגאנדע איבער'ן גאנצען לאנד צו קריגען די הילף פאר דעם פון די פיער מיליאן מיטגליעדער פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר.

פיעלע יוניאנס האבען אנגעבאטען זייערע אפיסעס פאר דעם צוועק. פארשלעגע זיינען אויך געקומען פון לאקאל 9 און לאקאל 35 פון די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. עס איז אבער נויטיג געווען א גרויסער גערוימער פלאטץ און לאקאל 17 פון דער אינטערנעשאנאל האט באוויליגט איינע פון איהרע גרעסערע אפיס צימערן.

די קערפערשאפט האט ארויסגעלאזען פאלגענדען אפיעל צו אלע ארגאניזירטע ארבייטער:

„שוועסטער און ברידער:—

פון דער סאמע הארץ פון דער ארבייטער באוועגונג האט זיך ארויסגעריסען א געשריי נאך הילף.

דיעזען מאל איז דאס פאר די וואס שמאכטען אין די געפענגניסע פון די פאראייניגטע שטאאטען, דערפאר ווייל זיי האבען געדענקט און גערעדט אזוי ווי זייער געוויסען האט זיי דיקטירט, דאס איז פאר די פאליטישע פריזאנערס.

אלע צענטראלע ארבייטער קערפערשאפטען פון גרויס ניו יארק האבען באשאפען א קאנפערענץ פון פארטרעטער פון די סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו יארק סענטראל לייבאר יוניאן פון ברוקלין, פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, ווימענס טרייד יוניאן ליגע און אנדערע סענטראלע ארגאניזאציאנען. מיט דעם צוועק אויפצושטורמען דאס גאנצע לאנד, צו דערגרייכען יעדען צווייג פון דער ארבייטער באוועגונג און צו פאדערען פון דער רעגיערונג אין וואשינגטאן אז די ארעסטירטע זאלען באפרייט ווערען.

ביז יעצט זיינען געמאכט געווארען איניגע אנשטרענגונגען פון פארשידענע זייטען צו באשאפען א באוועגונג צו באפרייען די ארעסטירטע, עס האט אבער קיין עפעקט ניט געהאט. אצינד טרעט ארויס די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט מיט איהר גאנצער שטארקייט און איינפלוס און זי וועט ניט רוהען ביז די וואס שמאכטען אין פריזאן וועלען באפרייט ווערען.

עס איז איבעריג צו דערצעהלען וואס די טויזענדע אייננעקערקערטע ליידען אין די געפענגניסען. זייערע גייסטיגע און קערפערליכע ליידען, וועלכע זיי שטעהען אויס. פיעלע פון זיי זיינען קראנק געווארען פון צרות, פיעלע זיינען געשטארבען אין די טורמעס.

זאל דיעזער אנפאנג, דיעזער רוף צו קומען צו הילף, דערגרייכען יעדע ארבייטער ארגאניזאציאן אין לאנד. זאל דער רחמנות פאר די ליידענדע אויפוועקען יעדע הארץ, זאל דאס ווערען דער אינטערעס פון טאג, זאל קלינגען איבער'ן גאנצען לאנד: „פרייהייט פאר די ארעסטירטע וואס ליידען פאר זייערע איבערצייגונגען!"

די גאנצע האפנונג פון די פארשלאסענע אין די געפענגניסען פון לאנד, איז געווענדעט צו אונז, צו די ארגאניזירטע ארבייטער, אויף אונזער בראווקייט און הילף פארלאזען זיי זיך.

דארום לאמיר אנווענדען אלע קרעפטען צו באפרייען זיי. רעזאלוציאנען זיינען שוין אוועקגעשיקט געווארען קיין וואשינגטאן. די באדייטענדסטע פיהרער פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר האבען פארשפראכען זייער קא־ארדינאציאן און הילף.

צו דיעזער גרויסער אונטערנעהמונג מוז מען אויסער קרעפטען אויך געלד הא־

(שלוס אויף זייטע 17)

א סך ענערגיע דאס אויפצומאכען פון זוי פיעל פירמען. אין דעם אפיס ווערט דאס אבער געטאן מיט א סך לוסט און איבערגעגעבענהייט צו דער זאך, גאר וועלכען דעם אמעריקאן אפיס פון דער דזשאינט באארד קומט א סך קרעדיט.

* * *

דער סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

די זעלביגע טעטיגקייט פון יוניאן ארביים וואס געהט אן אין דעם אמעריקאן אפיס פון דזשאינט באארד, געהט אויך אן אין די אנדערע אפיסעס און דעפארטמענטס.

מיר האבען דא פאר זיך רעפארטען פון די לעצטע צוויי וואכען טעטיגקייט אין דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט פון וועלכען ברודער ס. פריזאנט איז דער מענעדזשער, און מיר זעהען דא די זעלבינע קייט פון יוניאן טעטיגקייט. אויך דא ווערט יעדע וואך אטענדעט פיעלע קאמפליינטס און די אינטערעסען פון די ארבייטער און פון דער יוניאן ווערען באשיצט. אויך דא ווערען גאנץ פארזיכטיג באכגעזעהען די „דיסטשארדזש קייסעס" און צעהנדליגע ארבייטער ווערען וועכענטליך „רעאינסטיטוטעט", דאס הייסט, די פירמען מוזען, ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג, זיי צוריק אנשטעלען ביי דער ארביים. און עס ווערען אויך אויסגעגליכען אנדערע שאפ-טראבעלס.

נעהמט, למשל, אזא פאל:

די פאקס דרעס קא., האט ארונטערגענומען ביי א פרעסער 11 דאלאר פון די שכירות. דער פרעסער האט געבראכט די קלאגע אין דעם אפיס און עס איז גלייך געמאכט געווארען אן אונטערזוכונג. די פירמע האט גע'טענה'ט, אז דער פרעסער האט „גערעמעדזשט" געוויסע בגדים און דערפאר האט מען ביי איהם ארונטערגענומען די 11 דאלאר. דער פרעסער האט אבער גע'טענה'ט, אז ער ווייס ניט פון וואס צו זאגען, אז ער האט קיין בגדים ניט „גערעמעדזשט". האבען די בעאמטע פון דעם אפיס געפאדערט פון דער פירמע זי זאל באווייזען, אז דער פרעסער האט ווירקליך „גערעמעדזשט" יענע בגדים. אזעלכע באווייזע האט די פירמע ניט געקאנט צושטעלען און דער פסק דין איז געווען, זי זאל אפגעבען דעם פרעסער זיינע 11 דאלאר וואס קומט איהם, און די פירמע האט דאס געמוזט טאן. דא האט זיך אפילו געהאנדעלט בלויז וועגען 11 דאלאר, אבער אפילו אזא קליינע סומע געלט קומט היינט אן ארבייטער אויך גוט צוניץ. וויכטיגער אבער ווי די קליינע סומע איז, וואס די פירמע וועט שוין וויסען אויף ווייטער, דאס מיט א יוניאן-ארבייטער קאן מען ניט טאן ווי עס פארגלוסט זיך איהר, זי וועט שוין בעסער געדענקען, דאס די ארבייטער אין שאפ האבען א יוניאן, וועלכע איז אימער אויפ'ן פלאץ זיך אנצונעהמען יעדע קריוודע, יעדע אומרעכט וואס ווערט געגען זיי באגאנגען מצד דער פירמע.

אבער מיינט ניט, אז איבעראל, ביי אלע קאמפליינטס, געהט עס צו אזוי גלאטיג. עס פאסירט אויך ניט זעלטען דאס די פירמען ווילען ניט אננעהמען דעם פסק דין פון דער יוניאן און דער שאפ ווערט דאן דערקלעהרט אין סטרייק, ביז יענע פירמע מוז דאך נאכקומען. און אזעלכע איינצעלנע סטרייקס זיינען אין דער יוניאן קיין נייעס ניט, זיי זיינען ברוך השם אימער דא און שטעהען אונטער'ן אויפזיכט פון די באטרעפענדע יוניאן דעפארטמענטס. אלע סטרייקס וואס קומען פאר אין סקוירט און דרעס שעפער ווערען קאנטראלירט פון דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט, און אזוי ווייטער.

קורץ, אין יעדען יוניאן דעפארטמענט, גרעסער אדער קלענער, מערקט זיך די זעלביגע ארבייטזאמקייט, די זעלבינע איבערגעבענהייט צו דער ארבייטער זאך, פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די שעפער און פאר דער יוניאן.

לאמיר שוין דא אויך איבערגעבען די ליסט מיט „בעק פעים", וואס איז אין די לעצטע צוויי וואכען קאלעקטירט געווארען דורך דעם סקוירט און דרעס דעפארטמענט.

פון סיגנעל, 158 וו. 26טע סטריט, פאר אן אפערייטאר, 75 סענטס.

פון שאפירא בראס., 208 א. 27טע סטריט, פאר אן אפערייטאר, $3.51.

פון סעמועל בראווערמאן, 133 וועסט 31טע סט., פאר אן אפערייטאר, $16.00.

פון ספרינגער, 22 יוניווערזיטי פל., פאר א פרעסער, $31.08.

פון מייערסאן און וועקסלער, 32 א. 12טע סטריט, פאר א פינישער, $37.00.

פון מאהאק דרעס קא., 41 א. בראדוויי, פאר א פינישער, $25.00.

פון ר. און ר. דרעס קא., 71 וועסט 23טע סטריט, פאר פינישערס, $40.88.

פון סוקסעס סקוירט קא., 59 וועסט 14טע סט., פאר די ארבייטער, 138.71.

פון מאדערן סילק און דרעס קא., 63 איסט 11טע סטריט, פאר אן אפערייטאר, $9.40.

פון ראיעל סקוירט קא., 43 צווייטע עוועניו, פאר פינישערס, $2.31.

צוזאמען, $350.64.

א געיעג נאך ליעבע

(ראמאן)
פון פאלינא וואלמי

אידיש פון
אברהם נירענבערג.

(פארטזעצונג).

מיט אויפגעפלאמטע אויגען האט אנדרע אויסגעשפרייט צו זיי זיינע הענד. א לייכטע פארב האט זיך באוויזען אויף זיינע באקען. איהם האט זיך געדאכט, אז ער איז דער מעכטיגער פאין, וואס פארשלעפט מיט זיך אין דער טיף פון שארטענדיגע וועלדער, אין דעם טיפען שאטען פון קיינמאל ניט באטראטענע וועלדער פינף פאר'שכור'טע פאניען. דארט וועט ער מיט א הערשער באוועגונג ארונטעררייסען פון זיי זייערע קליידער, מיט גוואלט באהערשען זייערע צערטליכע לייבער, מיט זייער גאנצען וועזען.

א פאר'שכור'טער, א שווייגענדיגער האט אנדרע ניט אראפגעלאזען די אויגען פון די שוועסטער. ער האט דערזעהן עפעס ציטערדיגעס אין מארי-לואיז שווארץ-אפעל, וואס איז היינט געווען מעהר אויפגעלייגט, ווי געוועהנליך. לעאני'ס ניכע אייגלעך האבען אזוי ווי אויסגעזאגט דעם יונגען מאן, ארומגעלאפען איבער זייער ברייטער ברוסט. סעלינא'ס פלאמיגע אויגען האבען זיך איינגעביסען אין זיינע ליפען. פון אונטער די האלב פארמאכטע אויגען, האט ביטרע באטראכט איהם די קליינע ראזא; דער שטראליגער בליק פון איהרע בלויע אויגען איז געווען געווענדעט אויף איהם פול מיט אויפגערעגטער מידינקייט. אויך א פאר'שכור'טע פון דעם זונען גלאנץ האט זשעני געבויגען איבער איהם איהר דינע טאליע, וואס איז געווען ארומגענומען מיט א ווייסען דורכזיכטיגען געוועב.

— האט רחמנות.... — האט ארויסגערעדט אנדרע. — דאס איז דאך דער נסיון פון היילינען אנטאניוס, פארגרעסערט אויף פינף מאל! האט רחמנות! אז ניט וועל איך באלד אייך אלע פינף צוקושען.

— אלע? יא, יא, צוקושט אונז אלע, הערר דאקטאר! — האט אויסגעשריען ראזא, פאטשענדיג מיט די הענד.

— אנהויבענדיג פון דער קלענסטער! — האט געענטפערט אנדרע, און כאפענדיג אונטער די ארעמס ראזע'ן האט ער מיט צוויי קלינגענדיגע קושען זיך צוגעריהרט צו די אנגעפודערטע בעקלעך פון דער בלאנדער פופע, וואס האט געלאכט מיט'ן געלעכטער פון א גליקליך קינד.

— נאכ'ן ארדנונג, לעני!

דאס יונגע מיידעל האט זיך אוועקגעדרעהט: אנדרע'ס ליפען האבען אנגעריהרט איהר ווייסען נאקען.

— סעלינא!

ער האט כמעט ווי פארמאכט זיינע אויגען, כדי ניט צו זעהן איהרע רויטע ליפען, די פייכטע און צוזאגענדע.

קאקעטירענדיג, האט זשעני איהם אויסגעצויגען איהרע ווייסע פינגערלעך.

— דאס איז ווייניג! — האט זי שמייכלענדיג באמערקט, — איהר דארפט זיין אויף די קני און קושען דעם זוים פון מיין קלייד.

— וואו איז אונזער שוועסטער? — האט אויסגעשריען ראזא, קוקנדיג א ווארף טוענדיג מיט'ן פיסעל דעם גומענעם באל, וואס זי האט מיטגענומען מיט זיך.

וואו איז אין אמת'ן געווען מארי-לואיז? אנדרע האט מיט די אויגען געזוכט דאס מיידעל, וואס האט זיך ערגעץ וואו באהאלטען. ענדליך האט ער באמערקט פון דער ווייטען אי... היויכע, בויגינע פיגור. די פאלדען פון איהר קלייד האבען אויסגעזעהן ווי בלעטלעך פון א לעבעדיג בלימעל, וועלכע אנדרע איז געווען גרייט אפצורייסען מיט א מאל. בארג אראפ צום וואסער האט זיך מארי-לואיז ארונטערגעלאזען, אומטרכאפענדיג דאס קלייד פול מיט פרויען שעהנקייט.

— מארי-לואיז!

אניאגענדיג זי. האט אנדרע קוים דערבאר ארויסגעמורמעלט איהר נאמען; מאכענדיג זיך, ווי זי וואלט איהם ניט געהערט, איז זי זיך ווייטער געגאנגען צום טייך, וועמעס גרינע וואסער, האט אויסגעזעהן ווי אן אונבאוועגליכער, גרענעצלאזער שפיגעל.

ביים ברעג פון שטענעל האבען סעלינא און זשעני זיך אפגעשטעלט, אזוי ווי זיי וואלטען געווארט אויף עמיצען... ראזא און לעאני האבען געווארפען איינע דער צווייטער דעם באל; באוועגענדיג מיט די יונגע גלידער, זיינען זיי געשפרונגען אויף דער זון, ווי יונגע קעצלעך.

— מארי-לואיז, איהר וואלט זיך געמענט אפרופען, ווען איך רוף אייך!

דאס מיידעל האט זיך אומגעדרעהט. א צערטליכער שמייכעל האט באלויכטען איהר פנים. מיט א רוהיגען אויסזעהן האט זי געלייגט, אז זי האט ניט דערפיהלט אנדרע'ס נאהענטקייט. און ווען זי האט זיך אויסגעגליטשט און ער האט זי גענומען אונטער דער האנד, האט זי געמאכט א טראט צוריק, באפרייענדיג זיך פון איהם.

— וואס זייט איהר בייז אויף מיר, ערלויבט איהר מיר ניט אז איך זאל אייך אונטערכאפען.

אנדרע'ס פראכטפולע אויגען האבען פרענעריג געקוקט אויף דעם מיידעל, וואס האט זיך אפגעשטעלט.

— ניט אלס פארוואורף זאג איך עס אייך, מארי-לואיז, אבער פון אלע אייערע שוועסטער זייט איהר די צוריקגעהאלטענסטע... אבער איך, דאכט זיך, האב אייך קיינמאל ניט באליידיגט.

— מיר ווילט זיך גאר ניט זיין עהנליך אויף מיינע שוועסטער.

— טא וואס איז די אורזאכע, וואס איהר האט זיך ארויסגעדרעהט פון דעם קוש?

ניט ענטפערנדיג איהם אויף דער פראגע, האט מארי-לואיז איהם אנגעוויזען אויף סעלינע'ן און זשעני'ן, וועלכע, ארויסקומענדיג אויפ'ן וועג, האבען געוועהט צו זיי מיט די טיכלאך.

— ווארט צו א ווייל, אנדרע, און באלד וועלען פאר אייך זיך ווייזען צוזאמען מיט סעלינע'ן און זשעני'ן אויך גאסטאן און זשארזש. ווי נאר זיי זיינען געווער געווארען, אז מיר געהען אלע שפאצירען, האבען זיי זיך ביידע גענומען פאר סיגנאלען.

— סיגנאלען?

— יא, זיי האבען א גאנצע סיסטעם פון סיגנאלען מיט דער הילף פון פארהאנגען און טיכלאך, וועלכע זיי לאזען ארונטער און הויבען אויף אין דעם פענסטער, וואס געהט ארויס צו דעם וועג... פון דארט זעהען זיך אלע שכנישע הייזער, עס זעהט זיך אייער הויז, גאסטאן'ס הויז, זשארזש'ס צימער... עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי ביידע ווייסען שוין, אז מיר פאהרען היינט פרישטיקען אין אזא פלאץ, וואו זיי קענען אונז באגלייטען... זיי זיינען היינט כמעט פריי און מיר וועלען זיי ביידע באלד באגעגענען, איינעם אויפ'ן וועג און דעם צווייטען ביים ברעג פון דעם מארן. נו, אט שווימט שוין זשארזש צו מיט זיין שיפעל... לאמיר זיך פארדרעהען אביסעל אן א זייט, איך וויל נישט די ערשטע באגעגענען זיך מיט איהם...

און מארי-לואיז האט אוועקגעשלעפט מיט זיך אנדרע'ען.

— איך קען סעלינע'ן ניט פארוועהרען צו שלעפען נאך זיך דעם דאזיגען אינגעל, אבער מיר איז אונאנגענעהם דער געדאנק, אז עס זעהט אויס, ווי איך וואלט איהר נאך צוגעגעבען חשק דערצו.

אן אויפגעלעבטע האט זשעני אין מיטען וועג געפלוידערט מיט דעם יונגנמאן.

— אט איז זשארזש, — האט זי ערקלערט, — ער וועט מיך נעהמען אין זיין שיפעל.

זי איז שוין געווען גרייט אראפצולויפען צום ברעג פון דער מארן, נאר זי האט זיך מיט אמאל אפגעשטעלט און, אומגעריכטערהייט אנכאפענדיג אנדרע'ן פאר'ן ארבעל, האט זי מיט א בעטענדער שטימע ארויסגערעדט:

— אנדרע, בארוהיגט מארי-לואיז... זי וועט מיך אויפעסען... איהר פארשטעהט אונז... סוף-כל-סוף זיינען מיר דאך ניט קיין נאנעס.

איהרע פלאמיגע אויגען האבען ריהרענד געקוקט אויף דעם יונגענמאן, ניט דערוועגענדיג זיך צו טרעפען מיט מארי-לואיז'ס אויגען.

— לויף שוין, לויף שוין צו דיין געליעבטען, ווילדער מויד איינע, אבער זעה איהם איינצוהאלטען!

מיט די ווערטער האט אנדרע א קנייפ געטאן דעם מיידעל פאר'ן אויער.

מיט דער לייכטקייט פון א הירשין איז סעלינא ארונטערגעשפרונגען צו דעם צושווימענדען שיפעל.

— פאר וואס מיינט איהר, איז זי אומגערעכט? — האט מיט אן ארויסרופענדען טאן געפרעגט אנדרע, ווענדענדיג זיך צו מארי-לואיז, וועלכע איז געווארען טרויעריג.

דאס מיידעל האט געוואלט עפעס ענטפערן, אבער, ניט ענדיגענדיג דאס אנגעהויבענע ווארט, האט זי געזאגט:

— זי איז אויך גערעכט, ניט אמת? און צוזאמען מיט איהר אויך אלע אנדערע? בלויז איך אליין בין אומגערעכט!

אנדרע האט דערפיהלט, אז מארי-לואיז איז אויסער זיך פאר ערגערניש, אז זי איז באליידיגט, אז זי איז מקנא אין נעהיים דאס גליק, וואס מאכט, אז סעלינא זאל אזוי לויכטען און אז זשעני'ס בלויע אויגען זאלען זיך אזוי אנצינדען.

— ווער האט עס דיר טעלעפאנירט, גאסטאן?

פריינדליך אונטערשמייכלענדיג האט אנדרע אויסגעשפרייט זיינע ביידע הענד צו דעם יונגלינג, וואס, אביסעל א

מיר האבען געדענקט און געפיהלט דא. האבען געדענקט אויך אונזערע ברידער מעבר לים. די טעג איז אנגעקומען פון אמסטערדאם אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל פאלגענדער קייבעל:

„אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט וואירקערס יוניאן,
31 יוניאן סקוער,
ניו יארק.

„מיר בעטען צו באשטימען דעלעגאטען צו דער איטערנאציאנאלער קאנפערענץ פון די שניידער-ארגאניזאציעס פאר דאס ווידער-אויפבויען פון אונזער אינטערנעשאנאל. די קאנפערענץ וועט שטאטפינדען אין אמסטערדאם דאנערשטאג, דעם 11טען דעצעמבער, און די פאלגענדע טעג. בריעף פאלגט.

פרעז. האלענדישע ארגאניזאציאן."

פארשטעהט זיך, אז אונזער אינטערנעשאנאל, וועלכע האט אליין די ערשטע געהאט די אידעע וועגען דעם, קען איצט, ווען זי ווערט איינגעלאדען צו שיקען א דעלעגאציע פאר די ווידער-אויפבויאונג פון דער אינטערנעשאנאל, זיך געוויס ניט אנטזאגען. עס איז איהר פליכט. נאר די קאנפערענץ וועט מוזען אפגעלעגט ווערען אויף א קורצער צייט, פשוט דערפאר, ווייל שלעזינגער קען ניט אוועקפאהרען אזוי גיך. עס זיינען דא איינינע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע מאכען זיין אנוועזענהייט אונבאדינגט נויטוועדיג. ער מוז זיין צוליעב געוויסע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען אין שיקאגא, סט. לואיס, סינסינעטי און טאלידא. אויך קען ער ניט איבערלאזען קליוולאנד און פילאדעלפיא, איידער די לאגע אין די שטעדט וועט ווערען קלאר און באשטימט. ער וועט דערפאר פארלאנגען, דורך א קייבעל, אז די קאנפערענץ זאל אפגעלעגט ווערען אויף א מאנאט צייט, ביז ער וועט קענען זיין פאלשטענדיג רייזע-פערטיג. און וועט שלעזינגער זיין אין אייראפא, קען מען זיך פארלאזען, אז ער וועט טאן אלעס, וואס מען וועט נאר קענען, און וואס וועט זיך פאדערען, פאר אלץ א שטארקערער פארבינדונג צווישען אונזערע ארגאניזאציעס אין אייראפא און אמעריקא. זעלבסטפארשטענדליך וועט אויך די „גערעכטיגקייט" פיעל געווינען דורך זיין רייזע. ערשטענס, וועט זי דורך דעם געווינען פאר זיך א נייע פעלד אין אייראפא. וואו, ווי מען קען זיך אנשטויסען, די ארבייטער איז איצט ניט אזוי לייכט צו האבען אן איינענעם ארגאן; צווייטענס, זייענדיג אין אייראפא, וועט שלעזינגער געוויס זעהן, אז מיר זאלען האבען אין פארשיעדענע גרויסע שטעדט מענשען, וועלכע זאלען אונז שרייבען וועגען די וויכטיגסטע פאסירונגען אין דער ארבייטער-וועלט.

דער קויהלען סטרייק און „אונזערע" קאנגרעסלייט

פון ב. מיימאן.

קלינגט עס ניט אביסעלע זאנדערבאר, אז אין דעם גאנצען אמעריקאנעם קאנגרעס האט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואס זאל זאגען א גוט ווארט פאר די ארבייטער, ווען זיי זיינען אטאקירט געווארען פון אלע זייטען פאר'ן ארויסגעהן אין א סטרייק?

96 סענאטארען און 435 קאנגרעסלייטע, און קיין איין איינציגער צווישען זיי וואס זאל געפינען א גוט ווארט פאר די ארבייטער!

סענאטאר טהאמאס'עס רעזאלוציאן צו שטיצען די אדמיניסטראציע אין איהר קאמפף געגען די קויהלען סטרייקער ווערט אין סענאט אנגענומען אהן א רעקארד-וואוט און אין רעפרעזענטאנטען הויז, וואו דער וואוט ווערט יא רעקארדעט, ווערט דיעזע רעזאלוציע אנגענומען מיט 266 שטימען דאפיר און קיין איינע אפילו ניט דאגעגען. דער קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען, הייסט דאס, איז פאלקאמען איינשטימיג מיט דעם פרעזידענט'ס ערקלעהרונג, אז דער קויהלען-סטרייק איז אן אונגעזעצליכער; מיט דעם אטאירני דזשענעראל'ס ערקלעהרונג, אז די רעגירונג וועט נוצען אלע מיטלען אין איהר מאכט צו שטערען די אנפיהרער פון דעם סטרייק; מיט די האנדלונגען פון די קאורטס אין ארויסגעבען אינדזשאנקשאנס געגען 84 פיהרער פון דער מיינערס יוניאן און מיט אלע אנדערע מיטלען וואס די רעגירונג וועט נאך מסתמא נעהמען געגען די ארבייטער. א י נ ש ט י מ י ג! — אלע זיינען איינשטימיג געגען די ארבייטער!!!

אין קאנגרעס זיינען פאראנען זיעבען מיטגליעדער מיט יוניאן-ביכלאך אין זייערע קעשענעס. עס איז פאראן א זאגענאנטע „לייבאר גרופ" פון א צוואנציג מיטגליעדער, וועלכע פלעגען אפט האבען מיטינגען מיט פארטרעטער פון דער אמעריקען פעדערייש אן אוו לייבאר און פארשפרעכען זייער שטיצע צו די ארבייטער אין דער נאציאנאלער געזעצגעבענדער קערפערשאפט. וואו זיינען אט דיעזע אלע ארבייטער פריינד געווען? קיינער האט ניט געהאט דעם מוט, דעם פארשטאנד אדער דעם חשק צו זאגען א גוט ווארט פאר די ארבייטער, אדער כאטש צו זאגען עפעס א שלעכט ווארט געגען די בעלי בתים פון די קויהלען מינעס. אלע זיינען איינשטימיג, אז די רעגירונג דארף באנוצען איהר גאנצע מאכט געגען די ארבייטער ווען עס קומט א וויכטיגער קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט.

קען מען זיך פארשטעלען, אז אזא זאך וואלט געקענט פאסירען, ווען מאיר לאנדאן זאל זיין אין קאנגרעס? איז פאראן אפילו איין מענש, וואס גלויבט, אז ווען די סאציאליסטען זאלען האבען פארטרעטער אין קאנגרעס — ווער די סאציאליסטען זאלען ניט זיין — וואלט אזא זאך געקענט פאסירען?

צווישען די פאליטישענס פון ביידע פארטייען זיינען פאראן גענוג, וועלכע ריידען פון זייער גרויסער ליעבע צום „ברודער ארבייטער", אבער דאס איז נאר ווען עס רעדט זיך איבער אלגעמיינהייטען, ווען עס רעדט זיך וועגען אבסטראקטע פרינציפען, אבער ווען עס קומט צו א באשטימטען קאמף צווישען קאפיטאל און ארבייט זיינען אלע איינשטימיג אויף דער זייט פון קאפיטאל. אפילו די קאנגרעסלייטע, וואס באלאנגען צו דער „לייבאר גרופ"; און אפילו דיעזע, וואס שטאלצירען מיט זייער מעמבערשיפ אין טרייד יוניאנס נ א ך א י צ ט ע ר, ווען זיי זיינען שוין קאנגרעסלייטע, נאר זיינען ערוועהלט געווארען אויף רעפובליקאנישע אדער דעמאקראטישע טיקעטס.

די רעזאלוציע, וואס איז פון סענאט און פון דעם רעפרעזענטאנטען הויז אנגענומען געווארען, לייענט זיך ווי פאלגט:

„אזוי ווי די דורכפיהרונג פון דעם געזעץ און דאס אויפהאלטען פון ארדנונג און די זיכערהייט פון לעבען און אייגענטום און די פארטיידיגונג פון דעם איינצעלנעם בירגער אין דעם באנוצען פון זיינע קאנסטיטוציאנעלע רעכטע איז די ערשטע און הויפט-פליכט פון דער רעגירונג און מוז אלע מאל שטארק אפגעהיט ווערען דורך דעם באנוצען פון אלע מיטלען וואס זיינען נויטיג פאר דיעזען צוועק, דארום,

„זיי עס באשלאסען ביים סענאט (מיט דער צושטימונג פון דעם רעפרעזענטאנטען הויז), אז מיר גיבען דער נאציאנאלער אדמיניסטראציע און אלע אנדערע אויטאריטעטען אונזער גאנצע און ווייטערע פארזיכערונג און אונבאגרענעצטע אונטערשטיצונג צו באנוצען אלע קאנסטיטוציאנעלע און געזעצליכע מיטלען וואס וועלען זיין נויטיג צו האנדלען מיט דער איצטיגער אינדוסטריעלער געפאהר אום צו באשיצען די מאיעסטעט און די מאכט פון דער רעגירונג, אום צו צווינגען אונטערווארפונג און רעספעקט פאר דער קאנסטיטוציאן און געזעץ און אין פולער פארטיידיגונג פון יעדען בירגער אינ'ם באנוצען פון זיינע געזעצליכע רעכטע און דאס אפהיטען פון זיינע געזעצליכע פליכטע."

אן און פאר זיך איז דאס זעהר א מאדנע און שרעקליך נארישע רעזאלוציע. וואס באדייטעט דיעזע רעזאלוציע? עס באדייטעט, אז דער קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען באשטימט צו שטיצען די רעגירונג דורכצופיהרען די געזעצע. דארף מען אויף דעם א רעזאלוציע? איז דאס ניט זעלבסטפארשטענדליך? ווען דיעזע רעזאלוציע זאל ניט געפאסט ווערען, וואלט דען אימיצער געמיינט, אז דער קאנגרעס איז דאפיר, אז די קאנסטיטוציאן און די געזעצע פון דעם לאנד זאל פון דער רעגירונג ניט פארטיידיגט ווערען?

סענאטאר קעניאן, פון איאווא, האט געפרעגט די פראגע צו וואס מען דארף אין גאנצען האבען דיעזע רעזאלוציע, ווען קיין נייע געזעצע גיט זי ניט צו און אלטע זיינען פאראן גענוג פאר דער רעגירונג צו באנוצען? אויף דעם האט מען איהם געענטפערט, אז דאס וועט צוגעבען „מאראלישע שטיצע" צו דער אדמיניסטראציע. אויב דאס איז אמת, איז דאס, לויט ערפאהרענע מענשען, דאס ערשטע מאל אין אונזער געשיכטע וואס אזא מין רעזאלוציע ווערט געפאסט אום צו געבען „מאראלישע שטיצע" צו דער רעגירונג דורכצופיהרען די געזעצע. עס צייגט אויך אפשר, אז אונזער רעגירונג'ס אדמיניסטראציע איז שוין אזוי מ א ר א ל י ש ג ע ב ר א כ ע ן אז דער קאנגרעס מוז איהר קומען צו הילפע...

דער אמת איז אבער, אז דער ענטפער צו סענאטאר קעניאן איז בלויז א תירוץ. דער אמת איז, אז די גאנצע רעזאלוציע איז א טייל פון א פראפאגאנדא וואס איז אנגעפיהרט געווארען געגען די מיינערס. דער אמת איז, אז דאס איז א טייל פון אן אלגעמיינער פאליסי אפצושרעקען, אנצושיקען א טעראר אויף יעדען איינעם וואס וועט וואגען זיך צו שטעלען געגען דעם קאפיטאליסטישען קלאס.

אויב דיעזע רעזאלוציע פון סענאט באצוועקט ווירקליך צו געבען דעם פרעזידענט „מאראלישע שטיצע", מיינט דאס מעהר פאר אלעם איהם צו זאגען: „זיי וויסען, אז מיר, רעפובליקאנער, און כלומרשטע ראדיקאלען, וועלכע באקעמפען דיך איצטער שטארק און טרייען דיך צו מאכען פאליטיש טויט, און זוכען דא-

ווען זיינען פרויען אמאינטערעסאנטסטע?

(פעליעטאן.)

פון לעבעדיגען

די פרוי דינט נאך אלץ פאר אונז מענער: פאר דיסקוסיעס — (אויב מיר זיינען אפגעלעבטע מאראליסטען); פאר זידלערייען — (אויב מיר זיינען פרויען-פיינד); פאר פארגעניגען — (אויב מיר זיינען נור ניט קיין עקסען); פאר קרעכצען — (אויב מיר זיינען אומגליקליך פארליעבט); פאר טעמאס — (אויב מיר זיינען פעליעטאניסטען).

די פרוי איז די אייביג קוועלענדע און קוואלענדע טעמא. אלע טעמאס קענען אויסטריקענען — א פרוי ניט. אלע טעמאס קענען דערעסען — א פרוי ניט.

האט א פעליעטאניסט ניט וואס צו שרייבען, גיט ער בלויז א בליק דורכ'ן פענסטער פון זיין צימער, און דערזעהט א פרוי הענגענדיג פראזאאישע וועש; אדער ליגענדיג אויפ'ן דיל פון פענסטער פאעטיש-פארטרוימט; אדער זיצענדיג מיט א שכנה אויף די טרעפ; אדער שטעהענדיג מיט א יונגען מאן אויפ'ן ראג גאס; אדער געהענדיג געארעמט א. אז. וו. א. אז. וו. — און ער האט שוין א טעמא.

און איך בין א פעליעטאניסט.

לעז איך אזא מעשה: א גרויסע לאנדאנער צייטונג האט דא ניט לאנג געשטעלט דעם באריהמטען בארנארד שאו א פראגע, און ביי איהם געבעטען ער זאל ענטפערען.

די פראגע איז געווען: „ווען זיינען פרויען אמאינטערעסאנטסטען?"

בערנארד שאו האט ניט געוואלט ענטפערען. איך זאג ניט, אז בערנארד שאו האט ניט געקענט ענטפערען, ווייל ניט אזא מענש איז בערנארד שאו, ער זאל ניט קענען. בערנארד שאו קען, דוכט זיך, אלעס. און דערהויפט האט ער ענטפערט אויף אלעס. און זיינע ענטפערס זיינען גראד אינטערעסאנטע און פיקאנטע, טיעף-זיניגע און קלוגע.

בערנארד שאו האט ניט געוואלט ענטפערען. פאר וואס? איך שטוים זיך אן פאר וואס:

באמת, איז די געשטעלטע פראגע א נארישע. וואס הייסט, ווען איז א פרוי אמאינטערעסאנטסטען? ווער קען עס ענטשיידען? דאס, וואס עס קאן זיין אמאינטערעסאנטסטען ביי איין פרוי, קען ניט זיין אפילו נור אינטערעסאנט ביי א צווייטער. מען קען ניט צוטרעטען מיט איין אלגעמיינער מאס צו אלע פרויען.

און ווען איך נעהם זיך די פראגע יע צו ענטפערען איז בלויז, ערשטענס, ווייל איך האב, ווי געזאגט, היינט קיין אנדער טעמא ניט, און צווייטענס, ווייל איך וויל מאכע ווייזען, אז די פראגע איז א נארישע...

פראגע: ווען איז א פרוי אמאינטערעסאנטסטען?? ענטפער: אלע מאל

למשל: א פרוי איז אמאינטערעסאנטסטען, ווען זי קויפט „פארניטשור", מיט'ן חתן.

זי איז דאן פול כלה-חן. דער סוד פון דער צוקונפטיגער ווייב און מאמע שוועבט דאן איבער איהר קאפ, און טיש און בענקלאך....

א געוויסע שעהמעוודיגקייט איז דאן צושפרייט איבער איהר געזיכט.

זי באקוקט די נייע כלי-בית און רויטעלט זיך. זי איז גליקליך, איבערגליקליך: זי וועט באלד האבען אייגענע צימערען. זי ווערט באלד בעל-הבית'טע פאר זיך!

א מאן קען גאר אזוי ניט פיהלען. א מאן איז אויך דאן פול מיט חשבונות צי וועט דאס ניט זיין צופיעל פאר זיין קעשענע?... אפשר קען מען קריגען ביליגערע מעבעל?

איבער'ן מאן'ס קאפ פלאטערט שוין דאן דער מלאך פון הייראט און זארגען און שעפטשעט: ברודערקע, די פארניטשור וועט זיין דער הויפט-אנהויב, די אוואנטיורע פון דיין נייעם לעבען. א לעבען פון פרנסה-זוכען און ווייב-און-קינדער-אונטעריאכעניש...

אבער א פרוי, ווי געזאגט, איז אין יענע מאמענטען גליקליך, און אמאינטערעסאנטסטען

אמאינטערעסאנטסטען איז אויך א פרוי-מיידעל, אין דער צייט ווען זי מוסר'ט א בחור פאר וואס ער האט ניט חתונה

בחורים, לעזער פון „גערעכטיגקייט", געדענקט איהר די דאזיגע מאמענטען?

זי האט אייך דאן געזאגט אזוי: טאקע, זאגט אליין, וואס וועט פון אייך זיין דער תכלית? וויפיעל איז דער שיעור זיך ארומצושלעפען? ביז וואנען וועט איהר זיך וואלגערען אין דער פרעמד? און דער מאגען? ווי האט איהר עס גאר קיין רחמנות ניט אויפ'ן מאגען? — א מאן דארף חתונה האבען!

און געדענקט איהר, בחורים, וויפיעל גוטסקייט, ווייבליכקייט און מענשליכקייט, געמישט מיט פראקטישקייט, קוזינע-מעסיגקייט און חופה'איזם עס זיינען דאס געלעגען אין דעם דאזיגען מוסר'ן?!

דאס האט זי, דוכט זיך, ניט גערעדט פאר זיך, און אפשר יע פאר זיך... דאס האט זי פארטיידיגט אייערע אינטערעסען, און אפשר בלויז די אינטערעסען פון איהר געשלעכט... ווער ווייסט וואס עס וועבט זיך און קאכט זיך, טוט זיך און מייסטערט זיך אין דעם קליינעם פרויען-הארץ פון אזא מוסר-מאמענט?

און איהר געזיכט בשעת מעשה? אט קוקט איהר, און עס דוכט זיך א פריינד, א ריינער פריינד שטעהט עס פאר אייך... א געזיכט פון א מלאך!... און אט קוקט איהר ווידער, און איהר זייט איבערצייגט, אז דאס שטעהט א מכשפה, וואס וויל אייך אריינפלאנטערן אין איהר נעץ... און די אויגען ביי דער מכשפה, זיינען אזוי שווארץ, פינסטער, פול-געהיימנים.

אבער אזוי צי אזוי, אינטערעסאנט אין יענע מאמענטען איז זי... מען קען זאגען, אמאינטערעסאנטסטען...

און ווייטער, איז א פרוי געוויס אמאינטערעסאנטסטען, ווען זי ליבט אייך און וויל אייך ניט אויסזאגען; ווען זי איז אייפערזיכטיג נור זי באהאלט עס פון אייך...

זי איז דאן אן אמת'ער פעלד-מארשאל. איהר זייט איהר „שלאכט-פעלד", זי איז דאן פול מיט סטראטעגיקע.

און אז מען וויל זאגען, איז א פרוי גאר אמאינטערעסאנטסטען גראד אין קלענערע מאמענטען. למשל, ווען זי פאהרט דעם ערשטען מאל ארויס מיט איהר געליעבטען און ער נעהמט זי אונטער זיין שוץ — און ער צאהלט פאר איהר „קאר-פעיר".

דאכט זיך, א קלייניגקייט „קאר-פעיר"! אבער פאר איהר איז דאס א גרויס געצאהלט... דאס איז דער אנהויב פון יענער גרויסער דראמא וואס מען רופט: צאהל! צאהל! צאהל! וועלכע איז דער גאנצער אינהאלט פון פאמיליען-לעבען...

און אז מען וויל זיין נאך וואכעדיגער קען מען זאגען, אז א פרוי איז גאר דאן אמאינטערעסאנטסטען, ווען זי שטעהט אין בוטשער-סטאר און קלייבט אויס א טשיקען, און קויפט פלייש.

דאן לעבט זי. דאן איז זי פול מיט אינטערעס, מיט ברען, ערשט דאן, ווען זי טענה'ט, דינגט זיך, טאפט, לעקט, שמעקט, ערשט דאן ווען זי וויל נור, אז דער בוטשער זאל איהר צו-ווארפען א ביין אדער געבען „הכרעה" און ער וויל ניט.

און פון חול צו קודש. פון אנדערוואכען צו יום-טוב:

וואס קען זיין וועניגער פון אמאינטערע-

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers' Union office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1.50 per year.

Vol. I. No. 44 — New York, Friday, November 14, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דער גרויסער מאמענט אין דעם לעבען פון דער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

ווער עס וויל קוקען מיט אפענע אויגען אויף אלץ, וואס עס ווערט געפלאנעוועט און פארגענומען פון דער זייט פון דער רעגירונג געגען די סטרייקענדע מיינערס, דער קען ניט קומען צו קיין אנדער שלוס, אז יעדער שריט פון דער זייט פון דער רעגירונג איז געווען אויסגערעכענט, אום צו געבען דעם וואקסענדען כח פון די ארגאניזירטע ארבייטער אזא קלאפ, פון וועלכען ער זאל אומפאלען, און אזוי אומפאלען, אז ער זאל שוין מעהר קיינמאל צו זיך ניט קענען קומען.

פאלגענדע פאסירונגען אין דעם קאמף מאכען עס גאנץ קלאר: די גאנצע צייט, וואס די מיינערס האבען פארהאנדעלט מיט זייערע בעלי בתים זיינען די מיינערס געווען בארייט אויף פשרות. די פארשטעהער פון די מיינער האבען דערפון קיין סוד ניט געמאכט. און די מינען-אייגענטימער, ווען זיי וואלטען נאר געוואלט, האבען גאנץ גוט געקענט ניט דערלאזען צו א סטרייק. דער פאקט אבער איז, אז זיי האבען ניט געטאן דאס מינדעסטע פאר די פארמיידונג פון סטרייק. ווארום? ניט אנדערש, אז זיי האבען געוואוסט פאזיטיוו, אז זיי האבען זיך גארניט וואס צו שרעקען, ווייל די רעגירונג אליין נעהמט אויף זיך איבער די ארבייט צו ספראווען זיך מיט די סטרייקער.

און דאס איז טאקע באלד געקומען אין דער געשטאלט פון דעם סטייטמענט פון פרעזידענט ווילסאן, וועלכער, ליגענדיג אויף זיין קראנקען-בעט, האט אויסגעפונען, אז דער סטרייק איז אי אונגעזעצליך און אי אונמאראליש.

דאן איז געקומען דער באפעהל פון דזשאדזש אנדערסאן צו די פיהרער, אז זיי טארען ניט האבען די מינדעסטע מגע ומשא מיט'ן סטרייק, אז דאס געלד, וואס די מיינערס האבען אנגעגרייט פאר זיך און זייערע פרויען און קינדער פאר אזא פאל, טאר ניט אנגעריהרט ווערען, אזוי אז דער סטרייק זאל מוזען געהן געבראכען סיי צוליעב דעם, וואס ער וועט ניט האבען קיין ריכטיגע פיהרער, און וועט מוזען אנגעהן אהן אן אלגעמיינעם פלאן, און סיי צוליעב הונגער.

דאן זיינען פארגעקומען בעראטונגען צווישען סעמועל גאמפערס און אטאירני דזשענעראל פאלמער. און דער ערשטער האט פארזיכערט דעם אטאירני דזשענעראל, אז דער באפעהל דארף נאר סוספענדירט ווערען אויף עטליכע טעג צייט, און די פארשטעהער פון די מיינערס וועלען זעהן ווידער צוזאמענצוקומען זיך מיט די מינען-אייגענטימער, און אויף אזא אופן געפינען א וועג, ווי דער סטרייק זאל געזעטעלט ווערען.

דער אטאירני דזשענעראל האט אויף דעם געענטפערט מיט א פעסטען „ניין". דער סטרייק מוז געבראכען ווערען, איז געווען זיין גזר-דין. קיין סוספענדירען פון דעם ריכטער-באפעהל, איידער די מיינער וועלען זיך צוריקקעהרען באדינגונגסלאז צו דער ארבייט.

צוריקווייזענדיג יעדען מעגליכען פרידליכען וועג צו סעטלען דעם סטרייק אזוי עהרענהאפט, אז די ארבייטער זאלען ניט דארפען שעהמען זיך צו קוקען אין זייערע אייגענע אויגען, איז די רעגירונג געגאנגען ווייטער און האט ארויסגעגעבען א בייזען אוקאז: ניט נאר טארען די פיהרער זיך ניט מישען אין דעם סטרייק, נאר זיי מוזען ניט שפעטער, ווי דיענסטאג, דעם 11טען נאוועמבער, דעם געדענקווירדיגען טאג, ווען דאס גאנצע לאנד האט מיט א יאהר צוריק אזוי באגייסטערט געפייערט דעם זיעג פון דעמאקראטיע — אליין צוריקרופען דעם סטרייק. און טאמער ניט, מוזען זיי וואנדערען אין געפענגנים.

וואס מיינט דיזער באפעהל?

ער מיינט אט וואס: וועלען די פיהרער פון דער יוניאן זיך ארויסווייזען אזוי עהרלאז, און וועלען אויס מורא פאר פריזאן ארויסלאזען דעם באפעהל, דאן, צו דער סטרייק וועט ווייטער אנגעהן צו ניט, אבער די גאנצע פיהרערשאפט פון דער מיינער-יוניאן, ווי פון דער גאנצער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, וועט ווערען דיסקרעדיטירט, זייער גאנצער איינפלוס וועט ווערען צובראכען, און דורך דעם אליין וועט מוזען צושמעטערט ווערען די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט, ווי זי איז איצט. וועלען ווידער די פיהרער ניט פאלגען, דאן וועט דאס געזעץ טאן די ארבייט פון צוברעכען די גאנצע אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, און אויף אזא אופן וועט מוזען קומען די מיתה משונה פאר דער ארבייטער-קראפט, וועלכע האט זיך אזוי צוואוקסען.

עס איז דארום קלאר, אז דער גאנצער פלאן פון דער רעגירונג איז צו פארניכטען די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא. ווער עס זעהט דאס ניט, איז איינפאך בלינד. דא האנדעלט זיך שוין ניט בלויז אום צו צוברעכען דעם מיינער-סטרייק; דא ווערט געציעלעוועט צו צוברעכען די גאנצע טרייד-יוניאניסטישע באוועגונג.

דער מאמענט, לויט די אנזיכטען אין די הערשענדע קרייזען, איז איצט דער פאסענדסטער. נאך איז די טרייד-יוניאניסטישע באוועגונג ניט אזוי ציעלבאוואוסט, ניט אזוי פאראייניגט, אז מען זאל ניט קענען וואגען איהר אין גאנצען צו פארניכטען. אויב ניט איצט, טו ווען דען?

און אט איצט דארף און מוז די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט אין אמעריקא אויסהאלטען איהר שווערסטע פראבע. זי האט געהאט א גוטע געלעגענהייט דערצו אין דעם פאל פון די בראוונשטאל-סטרייקער. זי האט עס לײדער ניט געטאן. ווייטער ווי רעזאלוציאנען און אפיעלס פאר הילף איז זי ניט געגאנגען. וועט עס אויך אזוי זיין אין דעם איצטיגען פאל? אויב יא, דאן האט געשלאגען די לעצטע שטונדע פאר דער טרייד-יוניאניסטישער באוועגונג אין אמעריקא. דאן וועט ניט פארבייגעהן קיין פאר יאהר און פון דער גאנצער מעכטיגער פעדערײשאן וועט קיין זכר ניט בלייבען. אבער, אויב אלע סמנים נארען אונז ניט, וועט דער טרייד-יוניאניזם אין אמעריקא אויפנעהמען דעם ארויסרוף, וועלכער איז אין זיין פנים געשלײדערט געווארען פון דער זייט פון דער רעגירונג, און אויף אזא אופן מוז אויסברעכען דער קאמף, וועלכער ווערט אזוי געגארט פון די מאכט-האבענדע.

נאך איז דאס ווארט קאמף ניט ארויסגעזאגט געווארען פון דער זייט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, אבער דער לעצטער סטייטמענט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. האט ניט און קען ניט האבען קיין אנדער זין. אין איא מאמענט איז דאס גרויסע ווארט פון דזשענעראל עקזעקוטיוו קאונסיל א ווירקליכע טאט. ווען איצט, נאך דעם ווי די רעגירונג האט באפוילען די פיהרער פון די מיינער צוריקצורופען דעם סטרייק, ווייל ער איז אונגעזעצליך, ווייל דאס איז גארניט קיין סטרייק, נאר א רעוואלוציאן, — ווען איצט קומט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א. פ. אוו ל. און שפרינגט אריין אויף דעם פלאץ פון די פיהרער פון די מיינער; ווען מען האט די מיילער צוגעשלאסען, און ערקלעהרט זיך באריים מיט אלע זיינע כחות צו העלפען די מיינער אין זייער סטרייק, קען דאס ניט מיינען, ווי קיין אנדער זאך, ווי אז די, וועלכע ריידען אין נאמען פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, נעהמען איבער דעם קאמף אויף זיך.

וועגען דער שטעלונג אלזא פון דער א. פ. אוו ל. אין דעם איצטיגען מאמענט קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. צו דזשאהן לואיס און די אנדערע מיינער-פארשטעהער וועלען פאלגען דעם באפעהל צו ניט, דאס איז שוין איצט ניט אזוי וויכטיג; דאס איז נאר וויכטיג פאר זיי, אלס מענשען, פאר זייער ווייטערער ראליע אין דער ארבייטער-באוועגונג. פאר דעם מיינער-סטרייק איז עס פון א גאנץ קנאפער וויכטיגקייט. ער וועט אנגעהן, און מיט פיעל מעהר באגייסטערונג, ווי פריהער, און וואס איז נאך וויכטיגער, דער מיינער-סטרייק וואנדעלט זיך אום אויף אזא אופן אין א קאמף פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

מיט זייער ערקלעהרונג האבען זיך גאמפערס און די אנדערע פיהרער פון דער א. פ. אוו ל. געשטעלט אין אן אפענער אפאזיציע געגען דער גאנצער אינדזשאנקשאן-ביזנעס. עס איז דאס זעלבע, ווי זיי וואלטען געזאגט צו דער רעגירונג: דו האסט פארבאטען די מיינער-פארשטעהער צו ערמוטיגען די סטרייקער אין זייער קאמף. גוט, זיי שווייגען. אבער מיר פארנעהמען איצט זייער פלאץ, און דו קענסט מיט אונז טאן דאס ערגסטע, אויב דו האסט דעם מוט דערצו. דו האסט באפוילען די פארשטעהער פון די מיינער צוריקצורופען דעם סטרייק, קומען מיר ארויס א טאג פאר דעם, ווען די צוריקרופונג מוז אויסגעפיהרט ווערען, און ערקלעהרען, אז דער סטרייק וועט אנגעהן און וועט האבען אונזער פולסטע אונטערשטיצונג. דו קענסט טאן וואס דו ווילסט. הארף אונז אין פריזאן. ערקלעהר אונז אין קאנטעמפט אוו קאורט, אבער דאס איז אונזער איבערצייגונג. ביי דעם שטעהען מיר, און אויף דער ברייט פון א האר וועלען מיר ניט אפטרעטען פון אונזער פעסטער ענטשלאסענער שטעלונג.

דאס, און ניט קיין אנדער זאך, מיינט דער לעצטער סטייטמענט פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר. דאס מיינט קאמף, קאמף מיט דער בייזער מאכט, וועלכע האט זיך פארשווארען צו טויטען די טרייד-יוניאניסטישע באוועגונג. די שטעלונג פון דער טרייד-יוניאניסטישער באוועגונג איז איינפאך די: אויב שטארבען מוז זי, ווייל זי, לכל הפחות, שטארבען אן עהרענהאפטען טויט. דאן וועט זי זיכער אין דעם משך פון א קורצער צייט אויפלעבען מיט דאס מעהר כח, און ווידער אויפנעהמען דעם קאמף, ביז דער זיעג וועט זיין איהרער. זי, די ארבייטער-באוועגונג, ווייס, אז שטארבען א שענדליכען טויט, שטארבען אזוי, נאר ניט וואגענדיג אויפצונעהמען א קאמף, מיינט איהר פארניכטונג פאר אימער און אייביג. זי מוז דארום וואגען, זי מוז דעם קאמף אויפנעהמען; און דאן, ווען דער קאמף ווערט אויפגענומען, ווער קען עס זיין אזוי זיכער, אז דער קאמף מוז זיך ענדיגען מיט א מפלה פאר די ארבייטער? פונקט ווי דער מיינער-סטרייק קען ניט געטויטעט ווערען דורך דאס אריינװארפען אין פריזאן אדער דורך דאס שטום-מאכען אדער זאגאר דורך א געצוואונגענעם צוריקרופען פון דעם סטרייק דורך איהרע פיהרער, פונקט אזוי, און נאך ווייניגער, קען אן אלגעמיינער ארבייטער-קאמף ניט אפגעשטעלט און ניט צובראכען ווערען דורך דעם, וואס אייניגע טויזענדע וועלען מוזען געהן אין פריזאן...

איצט איז דער שיקזאל פון דעם ווייטערען ארבייטער-לעבען אין אמעריקא ניט אין די הענד פון די ארבייטער-פיהרער — די האבען זיך ארויסגעוויזען גרויס און געוואקסען פאר דעם גרויסען מאמענט — נאר אין די הענד פון די גרויסע ארבייטער-מאסען; ווען זיי וועלען נאר טאן דאס, וואס דער גרויסער מאמענט פאדערט, דאן איז דער קאמף געוואונען; דאן וועלען די פינסטערע צווישעטע מעכטע אויסגעפינען, אז זיי האבען געמאכט א גרויסען טעות אין חשבון, גלויבענדיג, אז איצט איז דער מאמענט צוצוטרעטען און צו פארניכטען די ארבייטער-באוועגונג; זיי וועלען אויסגעפינען, אז אין אמעריקא, ווי איבער דער גאנצער וועלט, האט די ארבייטער-באוועגונג זיך אזוי צוואוקסען, אז דער געדאנק צו פארניכטען איהר אויף וועלכען אופן עס איז איז פשוטע משוגעת.

שלעזינגער'ס ערקלערונג.

אויף אן אנדער פלאץ אין דעם נומער פאראפענטליכען מיר שלעזינגער'ס ערקלעהרונג אין באצוג צו זיין בריעף, וואס ער האט געשריבען צו סעמועל אונטערמייער.

לויט אונזער מיינונג, איז די ערקלעהרונג א גאנץ איבעריגע. וואס איז דא צו ערקלעהרען? שלעזינגער'ס בריעף האט גערעדט פאר זיך קלאר און דייטליך, און נאר די געמיינסטע בייזוויליגקייט און די לוסט צו סקאנדאל-מאכעריי האט געקענט אויס'פשט'לען דעם בריעף אלס א שטיק קעמפיין-אגיטאציע פאר די קאנדידאטור פון סעמועל אונטערמייער'ס זוהן.

שלעזינגער מאכט עס גאנץ קלאר, ווארום ער האט עס באטראכט אלס זיין פליכט, אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, צו שרייבען אט דעם בריעף. און ער איז דאך באמת אזוי גערעכט: ער וואלט דאך, ווען ער שרייבט ניט אט דעם פריינדליכען בריעף, זיינע פאר ערמוטיגענדע ווערטער צו דעם מאן, וועלכער האט ארויסגעוויזען אזוי פיעל פריינדשאפט צו דער יוניאן, זיך אליין געשטעמפעלט אלס העכסט אונווירדיג פאר זיין אמט. ער וואלט מיט זיין שווייגען, אויס מורא טאמער וועט זיך געפינען איינער, וואס וועט מאכען א סענזאציע פון דעם, געבראכט אייביגע שאנדע אויף זיך און זיין יוניאן. מיט דעם גאנצען גרויססמוט וואלט א מענש ווי אונטערמייער, און פיעלע אנדערע גוטע און עהרליכע מענשען, קוים געקענט מעהר ביישטעהן א יוניאן אין נויט מיט אלע זייערע קרעפטען. שלעזינגער קען זעהר גוט אונזער געמייזעכץ, ער ווייס, וואס פאר א שרצים עס פרוכפערען זיך אין איהר. ער האט זיך דארום געקענט גאנץ גוט ריכטען, אז ער וועט אטאקירט ווערען. אבער זיין פליכט-געפיהל צו זיין יוניאן, צו זיך זעלבסט און צו דעם פריינד פון זיין יוניאן האט זיך ארויסגעוויזען פיעל העכער פון אט די אלע קליינליכע ריקזיכטען און ער האט דעם בריעף געשריבען.

שלעזינגער האט ניט נאר קיין חרטה אויף דאס געטאנענע, נאר ער ערקלעהרט, אז ווען עס וואלטען זיך צו איהם אין אזא פאל געווענדעט פיעלע אזעלכע אנדערע פערזאנען, ווי סעמועל אונטערמייער, וואלט ער פונקט אזוי געהאנדעלט, ווייל דאס וואלט געווען „אין די בעסטע אינטערעסען פון דער אינטערנעשאנאל און דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג!" פארשטעהט זיך, אז פאר דאס, וואס דער בריעף איז ערשיענען אויף א פאטאגראפירטען לעטער-העד פון דער אינטערנעשאנאל מיט אן אונטערשריפט: „וואוט פאר אוירווינג אונטערמייער", פאר דעם איז שלעזינגער ניט פאראנטווארטליך. דאס איז געווען א נארישער פעהלער פון דער קעמפיין-קאמיטע פון מר. אונטערמייער, וואס קיינער האט אזוי ניט באדויערט, ווי מר. אונטערמייער אליין.

ווי געזאגט, מיר האבען געהאלטען די גאנצע ערקלעהרונג פאר איבעריג. מיר האבען דאס זעלבע ערקלעהרט, נאך איידער מיר האבען געהערט א ווארט פון פרעזידענט שלעזינגער. זיין בריעף צו אונטערמייער רעדט פאר זיך. נאר דאך, אז די ערקלעהרונג איז שוין געמאכט געווארען, האלטען מיר, אז זי דארף איצט גאנץ ענטשיידען צומאכען יעדע מיאוס'ע מויל. זאל די מיאוס'ע מויל דאך זיך ניט קענען באהערשען און ווייטער פלאפלען, וועט זי קיינעם, קיינעם ניט שאדען, ניט שלעזינגער'ן, ניט דער אינטערנעשאנאל, נאר זיך אליין, אין די אויגען פון יעדען דענק-פעהיגען מענשען.

נאך א מאל וועגען שלעזינגער'ס רייזע נאך אייראפא.

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען מיר געלאזט פאלען א פאר ווערטער וועגען שלעזינגער'ס אפפאהרען נאך אייראפא, ערשטענס, אום צוריקצוברענגען צום לעבען די פארבינדונג, וואס האט עקזיסטירט צווישען די צוויי אינטערנעשאנאלס אין אמעריקא און אייראפא, און וואס זיינען דורך די לעצטע מלחמה-יאהרען גענצליך אפגעבראכען געווארען, און, צווייטענס, אום צו ברענגען אונז א קלארען באריכט פון אלץ, וואס קומט פאר אין אייראפא אין אונזערע טריידס, א רעפארט, וועמעס וויכטיגקייט קען גארניט אונטערשעצט ווערען, ווי מיר האבען עס שוין דאן ערקלעהרט.

עס זעהט אויס, אז דאס זעלבע, וואס

מיט איהר שפיעלען, אבער דער גאנג פון דער קאמעדיע לידט פון דעם זעהר שטארק.

אויב אונזער לעצטע השערה איז ריכטיג, ד. ה. אויב אונזער שאכט האט אבזיכטליך געשפיעלט זיין ראלע גאנץ בלאס, כדי מאדאם זשעני וואליער זאל דאס מעהר שיינען, האט ער געמאכט א גרויסען טעות. וועיל ווי גוט זשעני וואליער האט געשפיעלט, וואלט איהר שפיעלען נאך פיעל מעהר געוואונען פון א טאלאנטפולען און שטארקען מיטשפיעלען. אזוי האט זי געמוזט די גאנצע לאסט פון דער פיעסע טראגען אויף זיך, וואס דאס איז איהר בשום אופן ניט געלונגען.

דעם זעלבען פעהלער האט געמאכט הערר שווארץ אין זיין ראלע פון דער טענצערינס געליבטען. מיר האבען איהם נאך קיינמאל ניט געזעהען שפיעלען אזוי בלאס, אזוי פארבלאזט, ווי אין דער ראלע. און דאס זעלבע מיט אלע איבריגע אקטיארען. זיי האבען זיך אזוי ווי געשעהמט צו שפיעלען זייער בעסט אין דער אנוועזענהייט פון דער קינסטלערין זשעני וואליער. און מיט דעם האבען זיי ניט געטאן קיין טובה ניט דער פיעסע און ניט דער קינסטלערין.

גוסטאוו שאכט, וואס האט באדארפט שפיעלען די ראלע פון דעם מארטירער פון קונסט, האט ניכער געמאכט דעם איינדרוק פון איינעם, וואס זעהט נאר אין דער קינסטלערין א קוואל פון פרנסה, אזוי, דאס עס איז געווען שווער צו אונטערשיידען צווישען איהם און דעם דירעקטאר, פאר וועמען די קונסט איז בלויז ביזנעס.

שווארץ, וועלכער האט באדארפט שפיעלען די ראלע פון דעם מענש, וואס שטעהט אויסער דער קינסטלער-וועלט, און וואס ציהט די קינסטלערין אזוי צו נאר דערפאר, ווייל די קונסט-וועלט איז איהם גענצליך פרעמד, ווייל אין די אויגען פון דער טענצערין איז ער דער ערשטער, נאטירליכער מענש אהן שמינקע, שפיעלט מעהר א קוני לעמעל אין זיינע ערשטע פאר אויפטריטען און דאן גלאט א סאמאדור. עס איז קלאר, אז ער האט זיך אין זיין ראלע ניט אריינגעטראכט.

מאדאם זילבערט, וואס שפיעלט די ראלע פון דער געוועזענער טענצערין, איז אויך ניט אזוי גוט, ווי מיר האבען איהר געזעהן אין אנדערע ראלען. זי פיהלט זיך, אזוי מאדנע פרעמד אין איהר ראלע, אז עס איז שווער צו פארשטעהען, וואדרום זי און די טענצערין זיינען אזעלכע גוטע פריינדינס; עס איז, דאכט זיך, דא אזוי וועניג געמיינשאפטליכעס צווישען זיי. פון די אנדערע אקטיארען איז שוין גאר ניטא וואס צו רעדען. זיי שפיעלען אלע בלויז די ראלע פון סטאטיסטען.

אבער, ניט אכטענדיג אויף דעם גרויסען פעהלער, דאך די פיעסע אליין, געשריבען פון אן אמת'ען קינסטלער, פון א מענשען מיט א נשמה און דאס שפיעלען פון דעם גאסט זשעני וואליער, וועלכע האט זיך אויסגעלערנט א גאנץ נישקשה'דיגען אידיש, זיינען מכפר אויף אלעס, און מיר האבען געפיהלט אן אמת גרויסען גייסטיגען גענוס דעם אווענד, וואס מיר האבען פארבראכט אין אירווינג פליים טעאטער.

מיר האלטען פאר כמעט ווי פאר איבעריג דא איבערצוגעבען דעם ספור המעשה פון דער פיעסע. ערשטענס האט שוין דער לעזער געקאנט זיך אנשטויסען, אז דא האנדעלט זיך וועגען א „טענצערקע", א גרויסער קינסטלערין, וועלכע וויל זיך אפרייסען פון איהר קונסט-לעבען, און מיינט, אז זי קען געפינען איהר אמת'ן גליק אין די ארימס פון איהר געליעבטען. סוף כל סוף מוז זי זיך צוריקקעהרען צו איהר קונסט און דערשטיקען איהרע ליעבעס-געפיהלען. דער מוסר השכל פון דער פיעסע איז קלאר. קונסט פאדערט די אויפאפפערונג פון דעם פערזענליכען גליק, וואס א געוועהנליכער מענש קען געניסען אויסער דער קונסט. עס קומט אויס, אז פאר'ן קינסטלער מוז די קונסט זיין אלעס: פריינד, געליעבטע, ווארים די קונסט איז אייפערזיכטיג. זי וויל ניט האבען קיינע נעבענבוהלער צו זיך.

פון דער אנדערער זייט האט דער פארפאסער זעהר שארף און מיט אמת'ער קונסט געמאלען פאר אונז די שייכות פון דער פיליסטער-וועלט צו קונסט.

קונסט איז פאר די דאזיגע וועלט די פארקערפערונג פון זינד, פון שאנדע און אויסגעלאסענהייט; קונסט אין איהרע אויגען איז נור א מיטעל ווי זיך בעסער צו פארקויפען.

נאך א שעהנעם שטריך אין דער קאמעדיע איז דער פאראזיטענטום, וואס דרעהט זיך ארום די קונסט-וועלט. דאס איז ניט שטארק גענוג ארויסגעבראכט געווארען דורך דאס שוואכע שפיעלען, אבער פון דעסטוועגען איז עס גאנץ גוט קענטיג.

מיט נאך און נאך שעהנע קינסטלערישע שטריכען, געדאנקען און געפיהלען איז פול די קאמעדיע, אבער מיר קענען זיי דא אלע ניט אויסרעכענען. א חוץ דעם וועלען זיי געוויס ניט געבען אונזערע לעזער דעם גענוס, וואס זיי קענען האבען, ווען זיי וועלען אליין זעהן די פיעסע.

עס איז אויך א גענוס צו זעהן וואלעריע שפיעלען. לויט איהרע יאהרען און דעם זעהר ניט געראטענעם גרים איהרען שאפט זי ניט די אילוזיע פון איהר מאגנעטישער ווירקונג אויף איהר נאאיווען געליעבטען, וועלכער פארליעבט זיך אין איהר פון דער ערשטער באגעגעניש אין עפעס א רעסטאראנט. אבער ווען זי שפיעלט, פארגעסט מען אן איהר ניט געראטענעם גרים, אהן דעם, וואס זי איז שוין ניט אזוי יונג, און מען זעהט פאר זיך א מענשען, וואס ליידט, וואס ליעבט ווי נור א מענש מיט א גרויסער נשמה קען ליעבען. זי שפיעלט מיט יעדען אבר פון איהר גוף, מיט יעדען מוסקול פון איהר פנים, מיט יעדע באוועגונג איהרער. זי איז געוויס איינע פון די בעסטע אקטריסעס אויף דער ביהנע. זי האט א מאסע אינטעליגענץ, טעמפעראמענט, פארשטעלונגס-קראפט. זי איז א גרויסער געווינס פאר די אידישע ביהנע, אויב זי וועט אויף איהר בלייבען, און הערר שווארץ קומט ווירקליך א דאנק, א גרויסער דאנק, פון דעם אידישען טעאטער-געהער, דערפאר, וואס ער האט איהר ענטדעקט און איהר געוואונען פאר די אידישער ביהנע.

דער קריטיקער.

די ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל פאר די לעצטע פאר מאנאטען

(סעקרעטער באראף'ס רעפארט צום לעצטען פערטעל יעהרליכען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד)

2.

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען מיר אנגעפאנגען אין ניו יארק א גאנץ אקטיווען ארגאניזאציאנס-קאמפיין צווישען די קארסעטען-מאכער, לוידיס נעקוועאר ארבייטער און די פעטיקאוט מאכער. אין דיעזע טריידס זיינען אין ניו יארק באשעפטיגט עטליכע טויזענד ארבייטער און זיי ארבייטען אונטער א סך ערגערע באדינגונגען, ווי די ארבייטער אין די אנדערע טריידס פון דער לוידיס גארמענטס אינדוסטריע. צו די פעטיקאוט מאכער האט אונזער אינטערנעשאנאל שוין געשענקט אויפמערקזאמקייט מיט א פאר יאהר צוריק. זיי האבען אבער דעמאלט געהאט א ניט ערפאלגרייכען סטרייק, און נאכדעם איז די שטיקעל יוניאן וואס זיי האבען געהאט צושמעטערט געווארען.

צו ארגאניזירען די ארבייטער פון די דערמאהנטע טריידס, איז גאר ניט אזא לייכטע זאך ווי מאנכע מיינען. עס וועט דארפען געמאכט ווערען גרויסע אנשטרענגונגען זיי צו ארגאניזירען. די לוידיס נעקוועאר ארבייטער, באזונדערס די קאטערס צווישען זיי, האבען אונזערע ארגאנייזערס שוין לאנג צוריק געוואלט ארגאניזירען, איבערהויפט אין די לעצטע פאר יאהר, אבער עס האט זיך ניט איינגעגעבען. איצט אבער שיינט מיר, דאס די אויסזיכטען זיינען א סך בעסערע אין דעם טרייד. דאס זעלבע קאן מען אויך זאגען וועגען דער קארסעט-אינדוסטריע, וועלכע האט אין ניו יארק א היבשע צאהל גרויסע שעפער, וועלכע מיר האלטען איצט אין ארגאניזירען. ברודער מאיר זויינשטיין איז אנגעשטעלט געווארען פאר ארגאניזאציאנס ארבייט אין דיעזע דריי טריידס. מיר האבען לעצטענס פאר דער ארבייט אויך אנגעשטעלט אן ארגאנייזערין און ווי עס שיינט, וועלען מיר באלד דארפען דעם ארגאנייזער סטאף פארגרעסערען, ווייל דער פעלד צו ארבייטען איז דא א גרויסער, און די טריידס ענטוויקלען זיך נאך.

* * *

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען מיר אויך אנגעשטעלט אלס ארגאנייזער ברודער א. סניידער פון פילאדעלפיא, וועלכער איז פריהער געוועזען דער ביזנעס מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד אין סינסינעטי. ער איז אנגעשטעלט געווארען פאר „אוט-אוו-טאון" ארבייט. דורך דער צייט האט ער באזוכט באלטימאר, וואו ער האט געסעטעלט א סטרייק פון די לוידיס טיילארס יוניאן, לאקאל 101, און ער האט אויך מיטגעארבייט מיט וויס-פרעזידענט זיידמאן אין וואוסטער, מאסס. און אין הארטפארד, קאנג. העלפענדיג אנפיהרען די סטרייקס פון אונזערע לוידיס גארמענטס וואָרקערס אין יענע שטעדט. ברודער סניידער האט נאכדעם אויך געפיהרט דעם סטרייק פון די לוידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער אין פעטערסאן, ניו דזשוירזי און האט אויך מיטגעהאלפען די רייגקאוט מאכער אין טרענטאן, ניו דזשוירזי.

רעדענדיג וועגען אוט-אוו-טאון ארגאניזאציאנס ארבייט איז כדאי אויפמערקזאם צו מאכען, דאס אונזער ארגאניזאציאנס-ארבייט אין די קלענערע שטעדטלאך ארום ניו יארק, אין ניו דזשוירזי און נאך אנדערע סטייטס, וואוהין שעפער פון אונזער אינדוסטרי קלייבען זיך אריבער, איז נאך ווייט נישט ווי עס באדארף צו זיין, און מיר דארפען צו דעם שענקען ספעציעלע אויפמערקזאמקייט.

מיט א קורצער צייט צוריק, האבען מיר געהאט א סטרייק פון ווייסט מאכער אין סקענעקטעדי, ניו יארק, אין קורזראק'ס שאפ. ער האט געדויערט א וואך צייט און איז צופריעדענשטעלענד געסעטעלט געווארען. מיר האבען בייגעשטייערט פאר דעם סטרייק א פאר הונדערט דאלאר און מיר האבען געשיקט אהין שוועסטער דזשעני מייטעס צו העלפען דעם סטרייק אנפיהרען. אין יענעם געגענד ארבייט אויך פאר אונז ברודער ט. דזש. פורסעל פון טראי, אן ארגאנייזער פון דער אמעריקאן פעדערייששאן אוו לייבאר. ער איז טעטיג אין אונזערע אינטערעסען, אין סקענעקטעדי, אין טראי, אין אלבאני, אין גלענס פאלס און נאך אין אנדערע שטעטלאך אין יענער געגענד, וואו עס וואקסען איצט אויס שעפער וואו מען מאכט לוידיס גארמענטס.

* * *

לויט אן אויפפאדערונג פון די ניו יארקער מיטגליעדער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, ווי מען קאן דאס זעהן פון די מינוטס פון א ספעשעל מיטינג דעם 19טען אויגוסט, האב איך דעם 27טען אויגוסט באזוכט טאראנטא, קענעדע. איך האב דארט געהאט א מיטינג מיט די קלאוק מאכער סטרייקער, און איך האב איינגעזעהן אז אונזער באשלוס צו שטיצען ווייטער דעם סטרייק איז ווירקליך גוט געווען. אונזער וויס-פרעזידענט קאלדאווסקי וועט באשטעטיגען דאס אונזער אנשטרענגונג איז טיילווייז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. איך האב אין דער צייט אויך באזוכט ניו הייווען און האב דארט אדרעסירט א גוט באזוכטע פארזאמלונג פון לוידיס טיילארס און אלטערישאן שניידער, וועלכע סטרייקען איצט, אונטער דער פיהרערשאפט פון וויס-פרעזידענט זיידמאן.

אונזער באארד דארף אויך שענקען אויפמערקזאמקייט צו דער קארסעט אינדוסטריע פון ניו הייווען. נאך דעם ערפאלג וואס מיר האבען געהאט אין ברידזשפארט, האבען מיר אויפגעפאדערט ברודער זיידמאן צו פאהרען אין ניו הייווען העלפען דארט ארגאניזירען די שעפער, הויפטזעכליך ניומאנס און די סטראוס-אדלער שעפער. עס איז אבער אין דער הינזיכט דארט גאנץ וועניג אויפגעטאן געווארען. די שעפער געפינען זיך אין א בילדינג וואס געהערט צום פאליטישען באס פון שטאדט, און ער טוט דארט אלעס ניט צו דערלאזען די שעפער ארגאניזירען. ווי עס שיינט איז דארט אומזיסט די מיה, און מען דארף באטראכטען וואס עס זאל אין דער הינזיכט געטאן ווערען.

* * *

דורך די לעצטע פאר מאנאטען האבען מיר געהאט א היבש ביסעל פארדרעהעניששען מיט דער טשילדרענס דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן אין ניו יארק. די פערהעלטניסע צווישען לאקאל 50 אין דעם טרייד און די אסאסיאיישאן זיינען קיין מאל ניט געווען קיין צו גוטע. לעצטען פעברואר, אין דער היץ פון דעם ווייסט מאכער סטרייק, האט די יוניאן געשלאסען א נייעם אגרימענט מיט דיעזער אסאסיאיישאן, אבער די פערהעלטניסע צווישען לאקאל 50 און די אסאסיאיישאן איז דורכדעם ניט בעסער געווארען. צוליעב א געוויסער שטרייטיגקייט צווישען דער יוניאן און דער אסאסיאיישאן, האט דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן אינסטרואירט דעם מענעדזשער ניט צו פארהאנדלען מעהר מיט דער יוניאן, ביז דיעזע שטרייטיגקייט וועט אויסגעגליכען ווערען. דאס איז געווען א דירעקטער ברוך אין דעם אגרימענט. די יוניאן האט עס טאקע אזוי אויפגעפאסט און האט אנגעפאנגען פיהרען די געשעפטען גלייך ווי קיין אגרימענט וואלט אין דער טרייד ניט געווען.

אבער דערביי איז דאס ניט געבליבען. אביסעל שפעטער האט די אסאסיאיישאן גע'טענה'ט, דאס דער אגרימענט אין דעם טרייד איז ניט אפגעבראכען געווארען דורך איהר האנדלונג און האט פארלאנגט די זאך זאל איבערגעגעבען ווערען צו ארביטריישאן. די יוניאן האט אבער גע'טענה'ט, דאס איהרע פארטרעטער וועלען זיך ווידער צוזאמענקומען מיט דער אסאסיאיישאן, בלויז צו פארהאנדלען וועגען נייע פונקטען און פאדערונגען, און דאס זי וועט ניט געהן איצט צו ארביטריישאן וועגען פונקטען, וועלכע זיינען פריהער שוין געסעטעלט געווארען.

און די זאך איז דערביי געבליבען. די אסאסיאיישאן האט שוין געשריבען איינינע בריעף צו דער אינטערנעשאנאל, מיר האבען געענטפערט, אבער קיין ענדערונג אין דער לאגע איז ניט געקומען. דער איינפלוס וואס די אסאסיאיישאן האט אויף דעם טרייד איז א גאנץ קליינער און, ווי איך האב שוין פריהער באמערקט, קיין גוטע פערהעלטניסע צווישען דער אסאסיאיישאן און די יוניאן האט קיין מאל ניט עקזיסטירט, ווייל די אסאסיאיישאן האט איינענטליך אימער געזוכט צו שטערען דער יוניאנס ארבייט, אפילו ווען דער אגרימענט איז אין קראפט געווען. איך האב בייגעוואוינט אלע דיעזע קאנפערענצען און זיך באטייליגט אין די פארהאנדלונגען, אבער עס איז פון דעם גאר ניט ארויסגעקומען.

אונזערע לוידיס טיילארס לאקאלס.

א מערקווירדיגע אויפלעבונג איז פארגעקומען צווישען די לוידיס טיילארס פון כמעט יעדער שטאדט אין די לעצטע פאר מאנאטען. אומעטום האבען זיי געמאכט פראגרעס, הן אין ארגאניזאציאן, הן אין געווינען די פאדערונגען וואס זיי האבען ארויסגעשטעלט צו די בעלי בתים פון דעם פאך.

די לוידיס טיילארס פון שיקאגא זיינען געוועזען די ערשטע אין דעם פאך צו פאדערען און געווינען א 44-שטונדיגע ארבייטס וואך און בעסערע ארבייטס באדינגונגען אין אלגעמיין.

די לוידיס טיילארס אין פילאדעלפיא האבען זיך פארשמאלצען מיט דער קלאוקמאכער יוניאן און, ווי מיר הערען, האבען זיי זיך דורכדעם באדייטענד פארבעסערט די לאגע.

די לוידיס טיילארס אין באסטאן האבען זיך ענדליך ווידער ארגאניזירט און האבען ניט לאנג צוריק געוואונען א סטרייק. די יוניאן האט דארט געהאט די הילף פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק מאכער יוניאן און זייער מענעדזשער ברודער וואהיים.

אין ניו יארק גופא האט זיך נאר וואס פארענדיגט דער גענעראל סטרייק פון די לוידיס טיילארס, וועלכער האט ארומגעכאפט די גאנצע אינדוסטריע. דער רעזולטאט פון דעם סטרייק איז געווען, דאס די יוניאן האט געוואונען וואך-ארבייט פאר דעם גאנצען טרייד, א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, א מינימום סקייל פון 50 דאלאר א וואך און נאך איינינע אנדערע פארבעסערונגען. דער סטרייק האט זיך

רום אוים אלע חטאים אויף דיר, וועלען אבער שטעהן מיט דיר צוזאמען אין קאמף נעגען די ארבייטער און דו דארפסט חלילה פאר אונז קיין מורא ניט האבען און באנוצען אלערליי מיטלען נעגען זיי". אט וואס דיעזע מאראלישע שטיצע באדייטעט!

די רעזאלוציע, וועלכע קלינגט איצטער אזוי נאריש, איז אריגינעל געווען א היבש ביסעל אנדערש ווי זי איז איצטער. ווען סענאטאר טהאמאס האט זי פארגעשלאגען, האט זי געהאט נאך פינף „אזוי ווי'ס". אין דיעזע פינף „אזוי ווי'ס" איז אויסגערעכענט געווארען א גאנצע ליסטע מיט חטאים אויף די קויהלען־מיינערס פאר'ן ניט פאלגען דעם פרעזידענט און שטעלען דאס גאנצע לאנד אין געפאהר. דאס הייסט, אז וועהרענד פארגעשלאגען האט די רעזאלוציע טאקע נישט מעהר ווי נאר „מאראלישע שטיצע" דער רעגירונג אום אויפצוהאלטען „געזעץ און ארדנונג", האט זי אבער געמאכט אגיטאציע נעגען די „פארברעכער געגען געזעץ", די מיינערס. דיעזע אלע „אזוי ווי'ס" זיינען שוין אפגעדונגען געווארען פון דער סענאט רעזאלוציע דורך די בעמיהונגען פון די סענאטארען באראה און לאפאלעט. דיעזע ביידע סענאטארען האבען גע'טענה'ט, אז זיי האבען חלילה גאר ניט נעגען א רעזאלוציע פאר „געזעץ און ארדנונג", אבער זיי זיינען שטארק נעגען דעם פאראורטהיילען פון די סטרייקער אלס פארברעכער נאך איידער זיי זיינען דעם פארברעכען באגאנגען. דיעזעס האט מען זיי נאכגעגעבען און אלעס איז שוין געגאנגען ווי געשמירט.

אין קאנגרעשיאנאל רעקארד (פיידזש 8131) לייענען מיר, אז סענאטאר טהאמאס בעט „יונענימאס קאנסענט", דאס הייסט אלגעמיינע צושטימונג, איבערצודרוקען אין א קאנגרעשיאנאל רעקארד א סטייטמענט פון דער „קאלאראדא ענד ניו מעקסיקא קויהלען אפערייטארס אסס'ן" בנוגע דער שלעכטער ווירקונג, וואס דער קויהלען־סטרייק וועט האבען אויף דער אינדוסטריע. קיינער איז ניט דאגעגען און דער סטייטמענט ווערט איבערגעדרוקט. גלייך נאך דעם ווערט איבערגעדרוקט א רייהע צושריפטען, וואס סענאטאר פיפס האט געקראגען פון מאנופעקטשורערס אסס'נס, פון א „יאנג מען'ס ביזנעס אסס'ן", פון א „סיוויק קאמירשאל אסס'ן" א. א. וו.

אין דעם זעלבינען רעקארד (פיידזש 8285) געפינען מיר אז קאנגרעסמאן קינג פון אילינאיז ערקלעהרט, אז ער אליין נעהט שטימען פאר סענאטאר טהאמאס' רעזאלוציאן, נאר וואס זשע דען, זאגט ער, „גלויבענדיג אין פעיר פלעי, בעט איך יונענימאס קאנסענט איבערצודרוקען אין קאנגרעשיאנאל רעקארד א טעלעגראמע, דאטירט דעם 29טען אקטאבער, 1919,

(שלוס אויף זייט 14)

אין דער טעאטער וועלט

שוין א פאר וואכען, ווי מיר האבען געזעהן אין סעקאנד עוועניו טעאטער „דעם רבין'ס ניגון", אן אפערעטא אין דריי אקטען מיט א פראלאג (לויט דער נייעסטער מאדע) פון יאזעף רומשינסקי, מיט א ליברעטא פון גרשם באדער און מיט באלעט און טענץ אראנזשירט און אויסגעשטאטעט פון דאודי.

מיר האבען דאס אלעס געזעהן און געהערט, אבער דעם אמת זאגענדיג, האבען מיר ניט געפיהלט קיין חשק צו שרייבען וועגען דעם. וואס קען מען שרייבען? אז די ליברעטא איז צוגעטשעפעט צו די לידלאך, ווי א פינפטע ראד צום וואגען, אז די מוזיק אליין איז אויך ניט, לויט אונזער מיינונג, קיין אי־אי, און די טענץ אפעלירען אויך ניט צו אונז אזוי געוואלדיג, טו וואס איז דא צו שרייבען וועגען דעם?

און מיר וואלטען זיך מסתמא ארויסגעדרעהט פון שרייבען איבער דער דאזיגער אפערעטא, ווען אייער פון אונזערע לעזער וואלט ביי אונז פשוט ניט געמאנט א קריטיק.

ער שרייבט בזה הלשון: ווי סטייטש, וועגען אלעם וואס ווערט געשפיעלט אין די קיי־און־שפיי טעאטערע (מיר ווייסען ניט וועמען ער מיינט עס) האלט איהר אין איין שרייבען, און וועגען אזא פיעסע, וואס איז אזוי וואונדער־שעהן, מיט אזוי פיעל קלעזמער, מיט אזוי פיעל ניגונים און טענץ, מיידלאך, אז עס פארנעהמט דאס אויג, מאכט איהר זיך כלא ידע.

נאך אזא מאנען קענען מיר זיך שוין ניט צוריקהאלטען, און מיר מוזען זאגען, וואס מיר דענקען וועגען אט דער וואונ־דער־שעהנער אפערעטא.

מיר האבען געוויס ניט קיין פאראיבעל אויף אונזער לעזער. אויב ער האט קיין שעהנערעס ניט געזעהן, מוז די דאזיגע אפערעטא האבען געמאכט אויף איהם א שטארקען איינדרוק. אונז אבער שיינט די דאזיגע אפערעטא כמעט ווי איבערגעניצעוועט פון די אלטע אפערעטאס, אויף וועלכע דער פערשטארבענער הורוויץ איז געווען אזא מאדים. יא, דעם רבין'ס ניגון מיט די לידלאך, מיט די טענץ, די מענשען א. ז. וו. און ז. וו. האט אונז שטארק דערמאנט אן די אלטע קונסטווערק פון דעם פערשטארבענעם הורוויץ. און אויב עס איז דא אן אונטערשיעד צווישען די אפערעטא פון היינט און פון א יאהר 25 צוריק באשטעהט ער אין אט־וואס: פון די אמאליגע אפערעטאס איז עס געווען דער עולם, וואס פלעגט נאשען פארשידענע לידלעך, ניגונים, אזוי דאס איהר האט באלד זיי געהערט די ארבייטער זינגען אין די שעפער, די אינגלאך זיי אויספייפענדיג אין גאס, און די לידלאך זיינען אזוי געווארען פאלקס־לידלאך. אנדערש איז מיט דער איצטיגער אפערעטקא. אנשטאט צו געבען עפעס דעם פאלק, נאשט זי פון פאלק.

פון איהרע אייגענע ניגונים געדענקט זיך גאר ניט. אפילו דעם זעלבען אוועגד, ארויסגעהענדיג פון טעאטער האט אונז קיין איין נאטע, קיין איין קלאנג ניט געזשומעט אין די אויערען, וואס זאל זיך אונז וועלען נאכזינגען, ווי דאס איז אונזער נאטור. וואס דען האט רומשינסקי געטאן? ער האט גענומען פארטיגע פאלקס־לידלאך וואס זיינען אונז באקאנט און זיי אריינגעפלאכטען אין זיין אפערעטא. איז, נאטירליך, דאס געפעלט דעם עולם, ווייל דעם עולם געפעלט אימער דאס, וואס איהם איז באקאנט, אבער עס קען בשום אופן ניט געזאגט ווערען, אז א דאנק דער אפערעטא איז באשאפען געווארען אירגענד א נייער בייטראג צו דער אידישער פאלקס־מוזיק אדער צו דער מוזיק אין אלגעמיין.

אויף דאס לעצטע גלויבען מיר ניט, אויב הערר רומשינסקי אליין זאל מאכען פרעטענזיעס. די אידישע אפערעטא האט דאך נארניט די אויפגאבע בייצוטראגען עטוואס נייעס צו דער מוזיק אין אלגעמיין. אלעס וואס מען קען פאדערען פון דער אידישער אפערעטא איז עטוואס נייעס אין דער אידישער נגינה. אבער אין דער אפערעטא איז דאס ניטא. עס קומט אויס, אזוי ווי הערר רומשינסקי'ס גאנצע שאפונגס־קראפט איז אריינגעלייגט געווארען אין זיינע פריהערדיגע אפערעטקאס, און פאר די לעצטע איז איהם גאר ניט געבליבען.

דא און דארט מערקט זיך יא אזא פארזוך צו שאפען עפעס עכט אידישעס, וואס זאל זיין ריהרענד, פאלקסטימליך, און וואס זאל זיך געדענקען, אבער ביים פארזוך בלייבט עס.

און דאך איז „דעם רבין'ס ניגון" אהן צווייפעל א גרויסער ערפאלג. וואס קען זיין די ערקלערונג? וועלל, מהיוליוויז קען עס זיין די מעשה און די טענץ און די פארשידענע עלעקטרישע עפעקטען. מיר האבען נאך אימער א גרויסען עולם, און פיליכט איז עס די גרעסטע מאיארעטעט, וואס ווערט שטארק נתפעל פון אזעלכע קונצען.

פארשטעהט זיך, אז די זעלבע מענשען, וואס ווערען אזוי נתפעל פון די טענץ און די מעשה, זאלען אויך געפינען עפעס, וואס זיי גלייכען אין דער ליברעטא. א מעשה, וואס א חסידישער אינגעל וויל ניט זיין קיין רבי, און פיהרט עס אויס, א דאנק זיין ברודער, וואס קומט פלוצלינג אן פון אמעריקא, און דאן דער וויטערער שיקזאל פון אט דעם חסיד'על אין אמעריקא, ווי ער ווערט א ביידבאל שפיעלער, א. ז. וו., קען זיין, אז פאר אזעלכע מענשען איז דאס אמת'ע נסים ונפלאות.

עס איז אבער קיין צווייפעל ניט, אז דער העכסטער קרעדיט פאר די גראטענקייט פון אט דער אפעראטא קומט דער יונגער אקטריסע פעני לובריצקי, וועלכע שפיעלט איהרע ראלע פון א חסידישער מיידעל מיט א באזונדערען חן, און דאן צו לודוויג זאץ, וועלכער שפיעלט עס דעם שייקעניו, דעם חסיד'ל, וואס וויל ניט פארנעהמען דעם כסא המלוכה פון זיין פארשטארבענעם טאטען, און וועלכער זינגט אויף זיין שטייגער א פאר לידלאך, וועלכע נעהמען שטארק אוים ביים עולם.

דער פרעהליך־מאכער אין אט דער דאזיגער אפערעטא איז היימי דזשייקאבסאן, וועלכער שפיעלט די ראלע פון אן אמעריקאנער באי, און וועלכער וויקט דיזעלבע קונצען אין אלץ וואס ער שפיעלט. אויב מיר מאכען ניט קיין טעות, טראגט ער אימער זאגאר דיזעלבע הי־טעלע, דעם זעלבען סוטעל, און מיט רעכט. דער דאזיגע היימי שפיעלט אימער נור זיך, א לעבעדיגען פרעהליכען אמעריקאנער באי, א. ז. וו. ער קען אט די ראלעם שוין אויף אויסענווענינ, שפיעלט ער איהר ווירקליך אויסגעצייכענט. וואס אנבעטרעפט די סאמע „סטארס" אין דער פיעסע, די עקספאנענטען פון רומשינסקיס אפערעטא, ווי סעמועל ראזענשטיין, רעגינא פראגער, ראזא קארפ, א. ז. וו., נו, די זיינען דאך ניט קיין פנים חדשות אויף דער אידישער ביהנע. גוט אדער שלעכט, זיי קענען אונז שוין מיט נאר ניט, נארנים איבערראשען.

נאך איין ווארט, כדי די מעהרערע אקטיארען וואס שפיעלען אין דער פיעסע זאגען אויף אונז ניט פאראיבעל האבען, וואס מיר האבען אין גאנצען ניט דערמאנט זייערע נעמען, דאס איז ניט געשעהן, חלילה, ווייל מיר האלטען פון זיי נארנים; פונקט פארקעהרט, מיר האלטען הערר נאטאנזאן און הערר פרענק, למשל, פאר זעהר פעהיגע אקטיארען, אבער אין דער אפערעטא איז ווירקליך געווען אויף זיי א ביטערער רחמנות, ווייל זינגען קענען זיי נעבאך ניט. און דאס, וואס זיי האבען געמוזט ריידען, איז אזוי נאריש, אזוי לעקעשעוואטע, אז עס וואלט ווירקליך געווען ניט מעהר ווי רעכט, ווען מען באצאהלט זיי פאר זייער שפיעלען אין די ראלען א דאפעלטען געהאלט. זיי וואלטען דאן געהאט לכל הפחות דעם טרייסט, אז זייער נארישמאכען זיך איז ניט געווען אומזיסט.

די טעג זיינען מיר אויך געווען אין אירווינג פליים טעאטער און געזעהן א קאמעדיע אין דריי אקטען מיט דעם נאמען „די טענצערין". די פיעסע איז א גוטע, זי האט הענד און פיס, אין איהר זיינען אלע לעבעדיגע, אינטערעסאנטע מענשען. די פיעסע איז ניט אזוי געבויט, אז די גאנצער אינטערעס איהרער זאל זיך קאנצענטרירען אויף איין פערזאן; אבער געשפיעלט געווארען איז די פיעסע אזוי, אז דעם צענטער פון דער ביהנע פארנעמט די טענצערין, און אלע ארום איהר זיינען בלויז שאטענס, און דאס גיט דעם צושויער א פאלשען באגריף פון דעם אינהאלט און דעם געדאנק פון דער פיעסע.

דער העלד פון דער פיעסע איז די קינסטלער־וועלט מיט אלע איהרע פריידען און ליידען, אבער די קינסטלער־וועלט איז בשום אופן ניט פארקערפערט אין דער טענצערין. די טענצערין איז בלויז אן אינסטרומענט, אויף וועלכען א פיעל גרעסערער קינסטלער שפיעלט. דאס איז איהר טאנצמייסטער, דער סאמע קוואל, די נשמה פון דער קונסט פון דער טענצערין.

די טענצערין איז מעהר מענש ווי קינסטלערין, איהר קונסט איז ניט אזוי דער אויסדרוק פון איהר אינערליכען וועזען, ווי דער אויסדרוק פון איהר לעהרער, פון איהר טאנצמייסטער. פאר איהם איז די קונסט דאס סאמע לעבען, אהן דער קונסט איז דאס לעבען פאר איהם קיין לעבען ניט. ער לעבט און אטעמט מיט דער קונסט. ער איז פול מיט אידעען און פלענער. די טענצערין איז פאר איהם דער אינסטרומענט אויף וועלכען ער שפיעלט לויט זיינע געדאנקען און איינפעלע.

די טענצערין, פארקעהרט, געהערט מעהר צום לעבען, ווי צו דער קונסט. די קונסט איז ביי איהר מעהר א מיטעל צום לעבען, צו געניס, ווי זעלבסט־צוועק. און הערט זי אויף צו געפינען איהר פארגעניגען אין די רוישענדע אפלאדיסמענטען, אין דער אלגעמיינער פארגעטערונג און באוואונדערונג, איז ביי איהר רעכט צו צו'גט'ן זיך מיט דער קונסט. איהר נשמה געהערט ניט צו דער קונסט. וואס זי וויל, איז לעבען. און קען דאס לעבען ניט געהן האנד אין האנד מיט קונסט, איז זי באריים אויפצואפפערען די קונסט צוליעב דעם לעבען.

דא האבען מיר אלזא פאר זיך צוויי מענשען, פון וועלכער דער טאנצמייסטער, דער אמת'ער קינסטלער, דארף אונז זיין פיעל, פיעל מעהר סימפאטיש, ווי די טענצערקע. און דאך לויט די דאזיגע קאמעדיע ווערט געשפיעלט פארנעהמט דעם צענטער פון דער ביהנע די טענצערקע, און דער טאנצמייסטער בלייבט די גאנצע צייט א גאנץ בלאסע פיגור. מיר ווייסען ניט, צו דאס איז דערפאר, ווייל הערר שאכט, וואס שפיעלט דעם טאנצמייסטער, האט זיך ניט אריינגעטראכט אין זיין ראלע, צו דאס איז אבזיכטליך געטאן געווארען, כדי געבען אלץ א בעסערע געלעגענהייט דער נייער אידיש־נוי'אישער אקטריסע זיך אויסצוצייכענען

סאנטסטען, ווען א פרוי קריגט דעם ערשטען קוש?

איך גלויב, אז א פרוי־מיידעל וואס קריגט דעם ערשטען קוש איז אמאינטערעסאנטסטען.

דער ערשטער קוש, א ווערטעלע אויסצורעדען!

מען קאן זיך פארשטעלען, ווען מען האט פאנטאזיע, וואס עס טוט זיך דאן אין דער פרויען־נשמה!

דער אומגליק איז נור, וואס קיינער און אפילו דאס מיידעל אליין, קען אויף באשטימט ניט זאגען: ווען זי האט געקראגען דעם ערשטען קוש.

אין יענע מאמענטען איז מען אויפ'ן הימעל און ניט אויף דער ערד.

און אויפ'ן הימעל רעכענט מען ניט. פארשרייבט מען ניט. דענקט מען ניט...

און אפט, דוכט זיך מיר, אז איבערהויפט היינטיגע מיידלאך, ווערען שוין גאר געבוירען געקושטע...

און ווילט איהר וויסען וואס מיין לאנדסמאן, ברוך אליו, זאגט וועגען דעם ענין? — אינטערעסאנט. הערט!

מיין לאנדסמאן, ברוך־אליו, א וויצלינג בטבע, ווען איך האב איהם געשטעלט די פראגע: „ווען איז א פרוי אמאינטערעסאנטסטען?" האט ער מיר אזוי ערקלעהרט:

איך וויים ניט וועגען אנדערע פרויען, נור מיין דוואשע איז נור דאן פאר מיר אמאינטערעסאנטסטען, ווען זי איז אין כעס, און גיסט אויף מיר פעך און שוועבעל.

אזוי, זאגט ער, איז מיין דוואשע א בלאסע, קיין טראפען מילך אין פנים. (ווי דער מילך־מאן וואס דארף צושטעלען מילך פאר איהר פנים וואלט געווען אין סטרייק...) און דערצו האט זי נאך שוואכע אויגען, זי איז קורצזיכטיג, מיט אלע מעלות.

אבער ווען זי ווערט אויף מיר אין כעס, דאן איז גאר עפעס אנדערש... דאן קריגט איהר פנים פארב. זי ווערט רויט און שעהן. די באקען צובליהען זיך ווי רויזען. די אויגען לייכטען און גלאנצען. און ווען איך האב קיין מורא ניט, אז זי זאל מיר דאן עפעס ניט ווארפען אין קאפ, דאן וואלט איך אויף איהר ארויפגעפאלען און איהר גוט אויסגעקושט, פונקט ווי אין די חתן־יאהרען...

מיין דוואשע איז דאן פאר מיר אמאינטערעסאנטסטען!

און — פארענדיגט מיין לאנדסמאן, דער וויצלינג — ווען איך וויל, אז מיין דוואשע זאל ווערען א שעהן ווייבעל, דאן ברענג איך זי ארויס פון די כלים...

יע... איך האב גאר פארגעסען. און וואס איז מיט די „בארגיינס"?

איך וויים ניט, צי אלע טענער וועלען איינשטימען מיט מיר, נור ביי מיר איז באשלאסען, אז א פרוי איז זיכער אמאינטערעסאנטסטען נור דאן ווען איהר געלינגט צו כאפען א „בארגיין".

פרויען־קענער, לאכט ניט! די בארגיין־מאמענטען זיינען די גרעסטע מאמענטען אין דעם לעבען פון דער פרוי.

ווייל א פרוי, קען ליעב האבען דעם מאן, די קינדער, דעם נעקסט־דאריגען, און אפילו גלאט אזוי א פרעמדען יונגען מאן, אבער מעהר פון אלץ אין דער וועלט האט זי ליעב א „בארגיין"...

איך וואלט שוין דא געענדיגט נאר איך האב זיך דערמאנט, אז מען קען נאך עפעס זאגען, אויף דער טעמא.

ווען איז א פרוי אמאינטערעסאנטסטען?

אין אלגעמיין, דוכט זיך מיר, אז דאס איז טאקע א נארישע פראגע. ווייל... ווייל אין די מאמענטען ווען א פרוי איז אמאינטערעסאנטסטען דאן קען מען ניט זעהן איהר פנים.

פאר וואס?

ווייל עס איז דאן פינסטער, מיינע ליעבע לעזער, פינסטער. די אינטערעסאנטקייט, ווערט אפגעשטעצט אין א דונקעלער אומגעבונג. פארשטעהט איהר מיך.

און ווען מען קען ניט זעהן א פרוי'ס פנים דאן ווי קען מען וויסען דאס אינטערעסאנטע.

וויל, וואו ליגט א פרוי'ס אינטערעסאנטקייט אויב ניט אין פנים?...

די פרויען וועלט

פון ראָזע בעדריק (בלינדער).

True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 14, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

פרויען־ארבייטער טרעטען ארויס פאר גלייכע רעכט פאר אלע ראסען, און געגען דער בלאָקאַדע אויף רוסלאַנד.

דער קורצער, אָבער פיעל־באַדייטענ־דער, ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען ארבייטער קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַל־טען געוואָרען אין וואַשינגטאָן, אין דער ערשטער וואָך פון היינטיגען מאָנאַט, האָט זיך דאָנערשטאָג אָווענד, דעם 6טען נאָוועמבער, געשלאָסען נאָך א וואָך פון ערנסטער און וויכטיגער ארבייט.

ווען מען האָט אין זינען די אומגינ־סטיגקייט סאַי פון דער צייט, סאַי פון'ם פּלאַץ, און סאַי פון די אונצעהליגע אַנ־דערע שווערע אומשטענדען, אונטער וועל־כע דעם דאָזיגען קאָנגרעס איז אויפגעקו־מען אָנצוגעהן מיט זיין גרויסער ארבייט, צוליעב וועלכער ער איז זיך צונויפגעקו־מען, — ווען מען האָט, זאָגען מיר, אין זינען אָט די אַלע אומגינסטיגע באַדינ־גונגען, דאַן מוז מען באַוואונדערען דעם מוט און קוראַזש, וואָס די מייסטע דעלע־גאַטקעס אויפ'ן קאָנגרעס (אַליין ניט מעהר ווי פרויען־ארבייטער, אָדער געוועזענע פרויען־ארבייטער) האָבען ארויסגע־וויזען אין זייער אָפענער און דרייסטער שטעלונג צו די סאַמע דעליקאַטסטע און אנגעוועהטאָגסטע פּאָליטישע און אינדוס־טריעלע פּראָבלעמען פון טאָג.

אַזוי, למשל, האָט זיך אָט דער פרויען־ארבייטער קאָנגרעס קלאָר און הויך ארויסגעזאָגט פאַר אַבסאָלוטער פּאָ־ליטישער גלייכבארעכטיגונג פאַר אַלע ראַסען, אָהן אונטערשיעד פון קאָליר, נאַ־ציאָנאַליטעט אָדער גלויבען.

אמת טאַקע, די זעלבע ווערטער האָט פּרעזידענט ווילסאָן ארויסגעזאָגט אין'ם זעלבען וואַשינגטאָן נאָך מיט א פּאָר יאָהר צוריק; אָבער ווי פיעל מענשען מיט עדעלע נשמות שמאַכטען היינט אין אַמעריקאַנער טורמעס פאַר נאָכזאָגען וויל־סאָן'ס ווערטער, נאָר מיט א ביסעל מעהר כונה?

נאָך מעהר באַוואונדערונג פאַרדיענט דער דאָזיגער פרויען־ארבייטער קאָנגרעס פאַר זיין אָפענעם ארויסטריט געגען דער בלאָקאַדע פון די עליים אויף דער בלוט־טענדער און פון־הונגער געשוואָלענער רוסלאַנד. וויפיעל קעפּ פון מענער און פרויען ווערען פון פּאָליציייאישע „קלאָבס" געשפּאָלטען יעדע וואָך אין אונזער ניו יאָרק אַליין פאַר ארויסזאָגען זיך אין דער עפענטליכקייט געגען דער דאָזיגער בלאָ־קאַדע?

ניט ווייניגער לויבענסווערט איז יעדע איינע פון די אַנדערע רעזאָלוציעס, וואָס דער דאָזיגער קאָנגרעס האָט אָנגענומען בנוגע צו אינדוסטריעלע פראַגען. אָט איז א צעטעל פון איינגע אַזעלכע רעזאָלו־ציעס און באַשלוסען:

די אָנגענעמונג פון דער 44־שטונדיגער ארבייטס־וואָך אַלס מאַקסימום ארבייטס־וואָך פאַר אַלע אינדוסטריען.

באַשטימונג פון 16־יעהריגער עלטער אַלס מינימום עלטער פאַר קינדער אריינ־גענומען צו ווערען אין דער אינדוסטריע.

די פאַרבאָטונג פון נאַכט־ארבייט פאַר קינדער.

אנערקענונג פון'ם פּרינציפּ פון גלייכע שכירות פאַר אַלעמען וואָס טוען די זעלבע ארבייט.

די איינפיהרונג פון געצוואונגענער געזונט־ און אומגליקספאַל־ פאַרזיכערונג פאַר יעדער פּערזאָן אין דער אינדוסטריע.

די איינפיהרונג פון א „קימפּעט פאָנד" פאַר די פרויען אין דער אינדוסטריע.

די באַגרענצונג פון באַשעפטיגען פרויען און קינדער אין געפאַהרפולע אינ־דוסטריען.

דער וויכטיגסטער אויפטו פון'ם קאָנ־גרעס איז, בלי ספק, זיין באַשלוס צו גרינ־דען א באַשטענדיגע אינטערנאַציאָנאַלע פרויען־ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיך צונויפקומען פון צייט צו צייט צו באַטראַכטען, ווי אַזוי און מיט וואָס די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון פרויען־ארבייטער קען בייטראָגען איהר חלק ארבייט צו דער בויאונג פון א בעס־סערער, פרייערער און גערעכטיגערער לע־בענס־אָרדנונג פאַר אַלע מענשען אויף דער וועלט.

דעם פּלאַן פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע האָט פאָרגעשלאָגען די באַריהמטע ברי־טישע ארבייטער־פיהרערין, מאַרגאַרעט באָנדפיעלד.

די לעצטע זיצונג פון'ם קאָנגרעס, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע אַכט שטונ־דען, האָט זיך אָפּגעגעבען אינגאַנצען מיט אויסאַרבייטען אַלע נויטיגע רעגולאַציעס און פּלענער פאַר דער פיהרונג און טע־טיגקייט פון אָט דער נייער אינטערנאַציאָ־נאַלער פרויען־ארבייטער אָרגאַניזאַציע, און מיט אויסקלייבען איהרע בעאַמטע און פיהרער.

אין דער אויסגעקליבענער אַדמיניס־טראַציע איז פאַרטראָטען יעדע ראַסע, וואָס האָט זיך אויפ'ן קאָנגרעס באַטהיי־ליגט. די אַדמיניסטראַציע איז צונויפגע־שטעלט פון פאָלגענדע פאַרטרעטערינס:

פּרעזידענט, מרס. רעימאָנד ראָבינס;

סעקרעטער, מרס. מאָוד סוואַרץ.

וויצע־פּרעזידענטען: מערי מעקאַרטור (אַנגלאָ־זאַקסיש); מאַדאַם כעלסבערג (סקאַנדינאַוויש); מאַדאַם סטיכנאָווא (סלאַוויש); און מאַדאַם בואַוויער (לאַ־טייניש).

דער פּלאַץ פון א פינפטען וויצע־פּרע־זידענט איז רעזערווירט פאַר א פאַרטרע־טערין פון די פעלקער פון די צענטראַלע מעכטע (טעווטאָנישע ראַסע), וועלכע האָ־בען ניט געקענט שיקען קיין דעלעגאַציע צו דעם דאָזיגען קאָנגרעס, ווייל די איינ־לאַדונג איז צו זיי אָנגעקומען צו שפּעט.

זעהר אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס דער פאָרשלאַג צו רעזערווירען א פּלאַץ פון א 5טען וויצע־פּרעזידענט פאַר א פאַרטרעטערין פון די דייטשע (טעווטאָנישע) פרויען־ארבייטער, איז געמאַכט געוואָרען פון דער פראַנצויזישער דעלע־גאַטקע, מאַדאַם בואַוויער.

מאַדאַם סטיכנאָווא, די דעלעגאַטקע פון טשעכאָ־סלאָוואַקיא, האָט ביים אָנ־נעהמען איהר אַמט ערקלעהרט דעם קאָנ־גרעס, אַז אַזוי באַלד ווי רוסלאַנד, דאָס גרעסטע סלאַווישע פאָלק אויף דער וועלט, וועט קענען האָבען א פאַרטרעטערין אין דער ניי־געגרינדעטער אינטערנאַציאָנאַ־לער פרויען־ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וועט זי, סטיכנאָווא, אָפּטרעטען איהר פּלאַץ דער רוסישער פאַרטרעטערין, אַלס אַנער־קענונג פאַר אַלצדינג וואָס רוסלאַנד האָט אין די לעצטע צוויי יאָהר אויפגעטאָן און טוט היינט פאַר איהרע באַפרייטע ארבייטער.

אָט די צוויי ביישפּיעלען, די האַנד־לונגען פון דער פראַנצויזישער און פון דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער דעלעגאַטקעס, זיי־נען דער בעסטער באַווייז אויף דעם ערנ־סטען און אויפריכטיגען גייסט, מיט וועל־כען דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַלער פרויען־ארבייטער קאָנגרעס איז געווען דורכגעדרונגען אין אַלע זיינע האַנדלונגען פון אָנהויב ביז סוף.

פראַנצויזקעס קינדלען אויף דער באַ־שטעלונג פון זייער רעגיערונג.

די ענערגישע אַגיטאַציע פאַר מעהר חתונות און, דערהויפּט, פאַר מעהר קינ־דער, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג, מיט דער הילף פון כמעט דער גאַנצער פראַנ־צויזישער פּרעס, האָט אָנגעפיהרט אין די לעצטע פאַר יאָהר אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך פון פראַנקרייך, — די דאָזיגע אַגיטאַציע איז, ווי עס ווייזט זיך איצט ארויס, געווען ניט קיין אומזיסטע טרחה.

די פראַנצויזקעס — דאָס הייסט, ניט אַלע, פאַרשטעהט זיך, נאָר די פּשוט'ע, די אַזוי־גערופענע „טעכטער פון פאָלק" — האָבען אויסגעפאָלגט די באַשטעלונגען פון זייער רעגירונג, און האָבען זיך א נעהם געטאָן צום קינדלען גאָר אויף אַן אַנדער אופן.

צווישען די באַלוינונגען פאַר געבוי־רען וואָס מעהר קינדער, וואָס די פראַנ־צויזישע רעגירונג האָט צוגעזאָגט איהרע „טעכטער פון פאָלק", איז דער פאַרשפּרע־כען פון דער רעגירונג צו באַזאָרגען מיט מעדיצינישער הילף און אַנדערע קימפּעט־נויטיגקייטען יעדע קימפּעטאָרין, וואָס וועט זיך ווענדען דעם וועגען צו די פאָלקס־האָספּיטעלער אָדער עהנליכע רע־גירונגס־אַנשטאַלטען. דערצו האָט די רע־גירונג אויך באַשטימט א געוויסע געלט־מתנה פאַר יעדען צוגעקומענעם קינד, וואָס וועט געבוירען ווערען אין א פאַמיליע, וואָס פאַרמאָגט שוין פון פריהער ווייני־סטענס פיער קינדער.

חוץ די דאָזיגע און איינגע אַנדערע אָפיציעלע רעגירונגס־באַלוינונגען פאַר פראַנצויזישע מוטערס זיינען אין פראַנק־רייך פאַראַן נאָך א סך פּריוואַטע פאָנדען און אַנשטאַלטען, וואָס העלפען דער רע־גירונג אויף פאַרשיעדענע אופנים צו הע־כערען די צאָהל קינדער־געבורטען אין פראַנקרייך. אַזוי, למשל, האָט א גרויסער פראַנצויזישער מיליאָנער איבערגעלאָזט נאָך זיין טויט א פאָנד פון איבער צעהן מיליאָן פראַנק אויף באַלוינונגען פאַר מו־טערס, וואָס וועלען זיך אויסצייכנען מיט געבוירען וואָס מעהר קינדער.

נו, האָבען זיך דאָס איצט דאָרט א שאָט געטאָן אַפּליקאַנטען פון די פראַנ־צויזישע „טעכטער פון פאָלק" פאַר אָט די פאַרשיעדענע באַלוינונגען און אויסצייכ־נונגען. צווישען די צעהנדליגע טויזענ־טער „פרישע" פראַנצויזישע קימפּעטאָ־רינס, וואָס זיינען ענטבונדען געוואָרען ערשט אין די לעצטע פאַר חדשים, גע־פינען זיך אויך — צו דער וועלט'ס גרוי־סער איבערראַשונג — היבשע עטליכע טויזענט פראַנצויזקעס, וואָס זיינען מו־טערס פון 9 און 10 קינדער יעדע. איצט, ביי דעם געבורט פון זייער צעהנטען אָדער עלפטען קינד, האָבען זיך די דאָזיגע „ער־פאַהרענע קימפּעטאָרינס" געמאָלדען צו דער רעגירונג און פאָדערען זייערע כשר־

קאַלעידאָסקאָפּישע צייט־בילדלעך

פון דר. ק. לעאָ.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 14, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

פעטראָגראַד איז נישט געפאַלען. און די פּרעסע וואָס האָט דעם דאָזיגען שקר פאַרשפּרייט — אויך ניט. די ערשטע ו ו י ל ניט פאַלען, און די לעצטע ק ע ן שוין נישט פאַלען, ווייל זי איז שוין לאַנג א געפאַלענע, אַזאַ וואָס ליגט אין רינ־שטאָק.

* * *

זאָל ווילסאָן געזונט ווערען, אי דאָס אַזוי שנעל ווי מעגליך! אויב זיין קראַנק־הייט זאָל נאָך לאַנג אָנהאַלטען, איז דאָ א געפאַהר, אַז דער סענאַט וועט נאָך חלילה אָננעהמען די שלום־טריטי, ווי זי שטעהט און געהט, אָהן אירגענד וועלכע ענדערונגען... אום הימעלס ווילען, זאָל וויל־סאָן געזונט ווערען!

* * *

לעזענדיג ווי פראַנצויזישע, ענגלישע און אַנדערע סאָציאַליסטען סטראַשען מיט א גענעראַל סטרייק אַלס פּראָטעסט געגען דער בלאָקאַדע אויף רוסלאַנד, פאַלט מיר איין: די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטען זיי־נען גאָר ניט אָריגינעל. דעם זעלבען סטראַ־שונאַק־ווייז האָבען זיי פאַר די לעצטע 6 מאָנאַטען שוין איבערגע'חזר'ט אפשר 48 מאָל...

* * *

דערווייל האָט נאָך קיינער נישט אָפּ־געלייקענט די אַמסטערדאַמער נייעס, אַז איטאַליען וועט קריגען א מאַנדאַט איבער די הייליגע פלעצער אין פּאַלעסטינא.

ענגלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, אַראַ־ביען — ווי גוט עס וועט זיך די אידען לע־בען אין הייליגען לאַנד ארץ ישראל! זיי וועלען זיך אָפּעסען אַן ענגלישען ביף־שטעק מיט איטאַליענישע לאָקשען און פראַנצויזישע פרייד פּאָטייטאָס, און דערנאָך וועלען זיי אָנצינדען באַלפור'ס דעקלאַראַ־ציע און מיט איהר פאַררויכערן אַן אַראַ־בישע נאַרגילע...

* * *

לויט א באַריכט פון דער אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע, האָבען 200,000 אידען אין מלחמה צייט געדיענט אין אַנקעל סעם'ס אַרמיי. דער אַנקעל מעג זיך שעצען גליקליך, וואָס די דאָזיגע אידען זיינען גע־קומען קיין אַמעריקא נאָך א י י ד ע ר דער קאָנגרעס האָט אַלע „פרעמדע" ער־קלערט פאַר ראַדיקאַלען, אַנאַרכיסטען און באָלשעוויקעס וועלכע מען טאָר אין לאַנד נישט אריינלאָזען. ווען די אַנטי־אימיגריי־שאַן געזעצען וואָלטען חלילה אריין אין קראַפט מיט עטליכע יאָהר פריהער, וואָלט אַמעריקא געווען אָרימער אפשר מיט א מיליאָן העלדען, און ווער ווייס צי מיר וואָלטען דען אַזוי שנעל געוואונען די מלחמה?

* * *

נישט בלויז יודעניטש ווערט איצט אַריינגעטריבען אין בלאָטעס, מיר שיינט, אַז די וואָס העלפען איהם, זיינען אויך פאַרקראָכען אין א מיאוסער בלאָטע, פון וועלכע עס וועט זיי אָנקומען זעהר שווער זיך ארויסקראַבקען.

דער האַלבער מיליאָן קויהלען־גרעבער וועט די ביליאָנערסקע קויהלען־באַראָנען איבערצייגען, אַז עס פּאַסירט אַמאָל, ווען איז מעכטי־גער פון ב י ל י אָ נ ע ן.

* * *

וויען בעט אַמעריקא צו העלפען איהר אַריבערטראָגען דעם שרעקליכען יקרות. בעט, בעט, אַלטע קייזערשטאָדט! און אַז דו האַלטסט שוין ביים בעטען, טו זיי אַזוי גוט, און וואַרף פאַר אונז, אָרימע אַמעריקאַנער, אויך אריין א גוט וואָרט ביים רייכען אַנקעל סעם...

* * *

זעהר פיין פון דער אָרטאָגראַפישער אידישער קאָמיסיע וואָס זי קלייבט זיך צוזאַמענרופען א שפּראַך קאָנגרעס. נאָך קיינמאָל איז א אידישער שפּראַך־קאָנגרעס נישט געווען אַזוי נויטיג ווי היינט. עס מוז באמת עפּעס געטאָן ווערען, אַז די ווערטער „אידיש פאָלק" זאָלען אין גאַנ־צען נישט פאַרשווינדען פון אונזער ווער־טערבוך...

* * *

דעם פּרעזידענט'ס קראַנקהייט איז זעהר, זעהר געפעהרליך, — פאַר די גע־נער פון דער שלום־טריטי.

* * *

דר. וואָראָנאָוו'ס ערפינדונג צו מאַכען פון אַלט יונג, וועט א סך אָנטאָן פאַר דער אידישער ליטעראַטור. ווען אונזערע „יונגע" פּאָעטען וועלען אריינקריגען אין זייער בלוט א דריז פון א יונגען אַף, וועלען אפשר זייערע לידער נישט קלינגען אַזוי הוסטענדיג, און קרעכצענדיג, אַזוי אויסגעזאַפּט און עובר בטל'דיג.

* * *

גוט האָט געטאָן ש. ניגער, וואָס ער האָט זיך איינגעפּיקסט זיין קריטישע ווערקשטאַט אויפ'ן 10טען שטאָק פון פאַרווערטס־געביידע. קיין אידישער שריי־בער וועט איצט נישט קענען זאָגען, אַז ער שטעהט ה ע כ ע ר פון קריטיק.

* * *

די מעשה האָט אַזוי פּאַסירט: ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, איז דער מי־ליטאַריזם געוואָרען אין אייראָפּא אַן אונ־טערדריקטער און פאַרפאָלגטער בירגער. איז ער נעבאַך אַנטלאָפען קיין אַמעריקא. און אונזער פרייע לאַנד, די היים פון אַלע אונטערדריקטע און פאַרפאָלגטע, האָט איהם, פאַרשטעהט זיך, אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס.

* * *

דער קויהלענסטרייק מאַכט די לאַנג נאָך שוואַרצער ווי זי איז.

* * *

ווי וועלען מיר איבערקומען די אָסיענ־דיגע פאַרקיהלונגען, אַז ס'וועט נישט זיין קיין קויהל אויף א רפואה?

* * *

די וועלט פיבערט, וואַרפט זיך אין רעוואָלוציאָנערען קדחות — אַך, און די גאַנצע „כינא" האָט פאַרכאַפּט יאַפּאַן!

* * *

יאָ פּראָהיבישאַן צי ניט פּראָהיבישאַן — אידען אַרט עס ווי די וואַנד. ווער עס טרינקט די ביטערקייט מיט ע מ ע ר ס, דעם פעהלט נישט דער ביטערער טראָפּען.

* * *

צום שלום א טשיקאַווע שטיקעל נייעס פון דער אַלטער היים: פּוילישע לעגיאָנער־רען האָבען אום סוכות צייט פּאָגראָמירט אידישע סוכות. וואָס דאָס באַווייזט, ווי ציוויליזירט די וועלט איז געוואָרען. אַמאָל פלעגען חזירים איבערקעהרען א סוכה מיט א כרוקע, היינט צעשטערען זיי איהר מיט ציוויליזירטע וואָפען.

לייזער דער שמיד

(סקיצע)

פון מ. שמואלזאהן.

אזוי ווי אין א טומאן איז לייזער דער שמיד, דעם גאנצען וועג געזעסען אין וואגאן. ארייננעגראבען דעם קאפּ אין פענסטער, האט ער געקוקט מטושטוש אויף די פארשמאכטע, אראפּגעבויגענע קעפּלעך, פון די תבואה-זאנגען וואס האבען זיך געשפּרייט יוים, ווייט איבער די פעלדער. אויף דעם אנגעגליהטען שטויב וואס האט זיך געטראגען אינ'ם שטיקענדיגען, פארנאכטיגען אויר און זיך גענילדעט פון דער רויטער, ברענענדיגער זון, וואס האט זיך געקליבען ארונטערצוקאטשען ערגיץ-וואו דארטען, וואו דער הימעל מיט דער ערד קומען זיך צוזאמען. און אין הארצען ביי זיך האט ער געפיהלט אזוי ווי עס וואלט ווער דארט מיט ברענענדיגע צוואנגען געשטאכען און געריסען שטיקער-ווייז, און נאך יעדער ריס איהם טורקענדיג ארייננעברענט אין אויער אריין: רחל בראמבערג!

— רחל!

נאך פאר-א-יאהרען און פאר-צוויי-יאהרען, ווען זי, רחל, איז נאך געווען אין דערהיים, האט ער כסדר דא — זומער אין די היצען, ווען ער איז געשטאנען מיט'ן האמער ביים פייער און געקלאפּט אויף דער קאוואדלע דאס צעגליהעטע אייזען — זיך געטראכט: אז יוען גאט וועט העלפען און ער וועט אריבערברענגען רחלה'ן אהערצו, קיין אמעריקא, וועט ער זי, אם ירצה-השם, אויפ'ן גאנצען זומער אוועקשיקען אויף א דאטשע. איהם אליין וועט דער רוח ניט נעהמען. אט שטעהט ער זיך אזוי אפּ, אין די גרעסטע היצען, און פרעגעלט זיך ביים פייער, און די חאלערע נעהמט איהם ניט! ער גיסט אריין איבער'ן טאג, אין זיך א דריי-פיער פיינטלעך קאלטען ביער, זעצט דערנאך ארוים א שוויים איבער'ן גאנצען לייב, און עס רינט ציווקעס-ווייז פונ'ם שטערען איבער'ן צעגליהטען אייזען. ווארפט ער אזוי פון זיך אראפּ אלע שמאטעס מיט'ן חעמד אפילו, און שטעהט אזוי א נאקעטער און קלאפּט, קלאפּט א גאנצען טאג — א דאגה זיינע!

זי אבער, רחל, זי איז א קעגען איהם, ווי א קליין פויגעלע. א שוואכענקע, א בלאסענקע, ווא ספאר א פארגלייכעניש איז עס? זיינע א האנט מיט דער פּלייצע זיינען ווי פון שטאל אויסגעגאסען. און ביי איהר, וואס? ווייכענקע, דינע ביינדערלאך, אז ער נעהמט אריין איהר'ס א הענטעל אין זיינער האט ער מורא א ברוך צו טאן.

אבער צו וואס פאר א טייוועל האט ער זי באדארפט שיקען אט אין דער קאונטרי? און וואס פאר א שווארץ-יאהר האט עס איהם נאר איינגאנצען געטראגען אז ער זאל דערצעהלען דעם דאזיגען ממזר בראמבערג, אז ער וויל שיקען די כלה זיינע אין קאונטרי?!

אין וואגאן, ארום איהם, טומעלט זיך און רעש'ט זיך, קולות פון מענער מיט פרויען מיט קינדער. מען רוקט זיך פון איין באנק אויף דער צווייטער. מען קען זיך קיין ארט ניט געפינען. אלע שטעקען ארויס די קעפּ דורך די אפענע פענסטער צו כאפּען אביסעל לופט. מען שוויצט און מען פאכט מיט די נשמות. און די אייזענבאהן, ווי א ווילדע, פארוואונדעטע חיה, וואס האט זיך ארויסגעריסען פון ערגיץ א טהיר-גארטען, יאגט זיך איבער די פעלדער און וועלדער און לאזט אלע מאל ארוים פון זיך א משוגה'דיגען רעווע, אזוי ווי זי וואלט עמיצען פאר זיך מיט א פינסטערען סוף געסטראשעט.

לייזער דער שמיד הערט ניט וואס עס טוט זיך ארום איהם. ער זיצט ארייננעגראבען אינ'ם פענסטער און איהם ווייזט זיך אוים, אז ער פאהרט שוין אזוי גאנצע טעג מיט וואכען. און ווער ווייסט ביז ווי לאנג נאך עס וועט זיך אזוי ציהען און ציהען. ער גיט זיך אלע מאל א דרעה אויפ'ן זיץ, אזוי ווי ער וואלט וועלען אונטערשטופּען מיט זיך די אייזענבאהן זי זאל זיך שנעלער באוועגען. און נאך יעדער רעווע, וואס די אייזענבאהן לאזט פון זיך ארוים, רייסט זיך ביי איהם ארוים א בייזע קללה אויף בראמבערג'ען.

אט איז ער געקומען היינט אין-דער-פריה, סאמע דעמאלט, ווען די היץ האט געברענט און געפייערט, אזוי ווי עס וואלט ווער פונ'ם הימעל מיט ברענענדיגען פּריסעק אויף נאסע טיכער געשאטען, — א פארעניגע, ניט אויסצוהאלטען! — איז ער צוגעקומען צו איהם אין דער קוזניע, ווען ער איז געשטאנען א פארארבייטער, ביים ברענענדיגען אויוון, האט זיך אוועקגעשטעלט, אן אויסגעפּוצטער, מיט'ן דינעם, ווייסען אנצוג, מיט די ווייסע שיך און מיט'ן שטעקעלע, מיט'ן שטרויענעם קאפּעלוש אין דער האנד — ער איז א גוטער ברודער, איז ער מיט איהם געווארען! וואס ביסטו מיט מיר פאר א גוטער ברודער, וואס? וא כאלערע דיר אין די זייטען, דו בראמבערג ממזר! אז איך בין ביי זיין טאטען אן ארבייטער, און ער איז, הייסט עס, דעם באלעבאס'עס א זוהנדעל, איז ער, איז וואס-זשע? מעג ער, הייסט עס, ניט ברעכען הענט און פיס?! וואס איז? ער האט מיר אמאל אנגעשריבען א בריוועל צו רחל'ען, האט ער מיר. נו, אודאי קען ער אנשרייבען. אז דאס האט א הענטעל, האט עס, וואס עס האט קיינמאל נארניט ניט געטאן. עס האט ביי דער קאוואדלע ניט געארבייט, האט עס ניט. אבער וואס א שטייגער איז געווען זיין געשפּעט זיך אלע מאל, אין מיטען שרייבען, אנצופרעגען צי זי איז א שעהנע, רחל?— אודאי איז זי א שעהנע! וואס מיינט ער, אז איך ארבייט ביי זיין טאטען אין קוזניע, ארבייט איך, און ער געהט מיט די ביכלעך אלע טאג, געהט ער, טאר שוין מיין כלה ניט זיין קיין שעהנע? זי איז א שעהנע, א קראסאוויצע! מיט... מיט א נעטאקס נעזעל, מיט... מיט רויטע ליפּעלעך, און... און קרינג די קרעמפּס, בראמבערג, ממזר!... פּלאץ און נעהם איין א מיתה משונה!... — נאר זי שיקען אט אין דער קאונטרי, וואס ער האט איהם נאראיעט, וואלט ער ניט געווען באדארפט. — וואס ביזטו עפּעס מיט מיר פאר א שמעלקע, זאלסט מיר נאראיען קאונטריס, וואס ביזטו? און זאלסט מיר זאגען מבינות, אז רחל איז נעבאך א שוואכענקע, איז זי?— איז ער צוגעקומען אט אזוי גאנץ פריה און גיט זיך אזוי א זאג אפּ: „איך פאהר אין קאונטרי, פאהר איך, איז וואס-זשע גיט איהר עפּעס אריבער צו רחל'ען?"

— א, ברעך די הענד און פיס, דו ממזר איינער! וואס איז דיין טאטענ'ס געשעפט מיט רחל'ען?! וואס פאר א מחותנ'שאפט, וואס?!

באדארפט וואלט ער, אט באלד ווי ער האט איהם דאס נאר ארויסגעזאגט, וואלט ער פּשוט געווען באדארפט א שפּיי טאן אויפ'ן גאנצען, וואלט ער געווען באדארפט, — אויף דער גאנצער ארבייט. ווארום וואס פאר א משוגע'נער ארבייט עס איז אזא פארעניגע? און... וואס, צו אלדי-שווארצע-יאהר, האט ער צו פאהרען, אט אזא אויסגעפּוצטער מיט... מיט שטעקעלעך... און מיט... מיט שטרויענע קאפּעלושלעך? — איז האט איהם אבער דער רוח ערגיץ געהאט, דעם טאטען זיינעם, מיט דער „פּיי", אזוי ווי די ערד וואלט זיך געעפענט! דריי א זייגער — פיער — פינף — ערשט זעקס א זייגער האט עס איהם אנגעטראגען! קיין צייט ניט געווען אפילו זיך ארומצוגאלען! און ער... בראמבערג ממזר, פון גאנץ פריה אן איז ער שוין דארט!... — לייזער, אייער כלה איז דאך גאר א שעהן מיידעל! — אט אזוי האט ער איהם אנומעלט, אין מיטען דערינען, א זאג געטאן, — אז די אויגען זאלען איהם ארויס!... מיט...

— סאמערוויל! סאמערוויל! — שרייט פּלוצים אוים דער קאנדוקטאר.

אלע פארשוינען נעהמען זיך ארויסשטופען פון וואגאן, בלייבען שטעהן אויפ'ן פּלאטפארם, און קוקען אויף אלע זייטען.

— פּלאטניצקי! פּלאטניצקי! וואו איז ער, דער פּארמער, מיט'ן אויטאמאביל מיט זיינעם, — הערען זיך קולות. — דער רוח האט איהם!

לייזער דער שמיד שטעהט צווישען עולם, אבער ער הערט ניט די קולות. רחל! בראמבערג! קלינגט איהם אין די אויערען. ער פארגעסט אן פּלאטניצקי דעם פּארמער, מיט'ן אויטאמאביל, ער שפּאנט איין די פיס, און איבער'ן שטויביגען וועג, נעהמט ער שפּאנען איבער טאל און איבער בערג צו דער פּארם, און אלע מאל רייסט זיך ביי איהם ארוים: בראמבערג ממזר! א כאלערע דיר אין די זייטען!

דער קויהלען סטרייק און „אונזערע" קאנגרעס לייט.

(שלוס פון זייט 12)

צום סעקרעטערי אוו לייבאר, מר. ווילסאן, פון דזשאהן ל. לואיס, פרעזידענט פון די יונייטעד מיין ווארקערס אוו אמעריקא". אויף דעם דערהערט זיך גלייך די שטימע פון מר. בלענטאן: „איך אבדזשעקט". און דערמיט איז די געשיכטע נעענדיגט.

סט' טמענטס פון דער באסעס זייט ווערען געדרוקט אויף דער רעגיערונג'ס הוצאות, ווערען א טייל פון דעם אפיציעלען קאנגרעשיאנאל רעקארד, קען איצטער צושיקט ווערען איבער'ן לאנד פריי פון פאסטיידזש, אדער ווי מען רופט עס דא: „פראנק'ד", וועהרענד די זייט פון די ארבייטער קען ניט געהערט ווערען.

ווען אין רעפּרעזענטאנטען הויז איז פארהאנדעלט געווארען די טהאמאס רעזאלוציע, צו פארזיכערען די רעגיערונג מיט דער שטיצע פון קאנגרעס צו באנוצען אלע מיטלען אין איהר מאכט נעגען די סטרייקער, איז דיעזע רעזאלוציע א גאנצע שטונדע דעבאטירט געווארען — עס רעדט זיך נאר אזוי „דעבאטירט געווארען" — אלע רעדנערס זיינען געווען פאלקאמען איינפארשטאנען און איבערגע'חזר'ט נאך א מאל און ווידער א מאל די זעלבע פסוקים, אז מען טאר ניט דערלאזען א האלבען מיליאן מענשען כאפּען ביים נארגעל הונדערט און צעהן מיליאן; אז עס מוז אויפגעהאלטען ווערען „לאא און ארדער"; אז אלע קאנגרעסלייט זיינען איינפארשטאנען מיט דעם פרעזידענט'ס גאלדענע האנדלונג ווייל אלע זיינען זיי פאר אמעריקא און פאר „אמעריקאניזם", א. א. וו. און וו. האט זיך יא עפּעס ארויסגעכאפּט א נייעס ווארט איז דאס בלויז געווען צו מאכען דעם סטרייק אויסזעהען נאך געפעהרליכער. ווי, צום ביישפּיעל, די ווערטער פון קאנגרעסמאן פלאט, פון ניו יארק, אז „דיעזער סטרייק איז ניט הויפּטזעכליך קיין סטרייק, נאר א טייל פון א רעוואלוציאנערען פּראגראם פון ראדיקאלע סאציאליסטען", און אז איבער דעם איז א גרויסע מצוה איהם צו דערשטיקען. אזוי האבען גערעדט די רעפּובליקאנער און אזוי האבען גערעדט די דעמאקראטען. אלע פּאליטישע צווישענשיידע זיינען פארשוואונדען געווארען ווען עס איז געקומען א קאמפּף צווישען קאפּיטאל און ארבייט. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען מיט 266 שטימען דאפיר און 0 דאגעגען.

אזוי האט דער קאנגרעס אפּגעזאגט רבנן-קדיש נאך דער פריהייט צו סטרייקען, און אלע קאנגרעסלייטע האבען נאכגעזאגט „אמן"!

פאר וואס?

פון א. ל. וואלפסאן.

פאר וואס געהט אום
דער ארבייטס-מאן
אין טראנטעס
און אין שמאטעס ?
און דער וואס כאפּט
א בייגעל ווערט
פארשלאסען
הינטער גראטעס ?

פאר וואס זיצט מארגאן
נים אין דזשייל
און געהט אום פריי
אהן ערבות ?
פאר וועלכע זינד
דארף דער
וואס מאכט
די שיך, ארומגעהן בארוועס ?
פאר וואס איז
נייגעריג די פרוי ?
און האלט נאר
אין איין פרעגען ?
און פראגען
וואקסען אוים ביי איהר
ווי שוועמלאך
נאך א רעגען ?

פאר וואס איז האלטען
לייכט א שווער
און שרעקליך שווער
א שוויגער ?
שוין יאהרען
ווי איך קלעהר און פארש
און קען ניט
ווערען קליגער.

פאר וואס הייסט בחור
„פעלער" דא ?
איך זוך דעם טעם
שוין יאהרען,
איך זעה ניט איין
מיט וואס עס איז
א בחור
א חסרון ?

פאר וואס הייסט „חשבון
דא א „ביל"?
איך פרעג:
אום גאטעס ווילען!
א סוחר איז דאך
ניט קיין הונד,
פאר וואס זשע
דארף ער בילען ?

פארענדיגט ערפאלגרייך אין אלע שעפּער, א חוץ אין א פאר דעפּארטמענט סטארס, וואו עס ווערען באשעפטיגט אלטעריישאן שניידער. מאנכע פון דיעזע סטארס זיינען נאך איצט אין סטרייק. דער סטרייק איז געפיהרט געווארען פון וויים-פּרעזידענט סעמועל לעפקאוויטץ. ער האט פּאקטיש דעם סטרייק ארגאניזירט פון סאמע אנפאנג אן און ער האט נאר א סך בייגעטראגען צום גענעראל סטרייק, וועלכער האט זיך ניך געענדיגט און מיט אזא גרויסען, פיעל באדייטענדען זיעג פאר דער יוניאן, און פאר די ארבייטער אין די ליידיס טיילארס שעפּער פון ניו יארק.

אין ראטשעסטער, ניו יארק, האט זיך לעצטענס ארגאניזירט די ליידיס טיילארס יוניאן, לאקאל 120. פאר דער קורצער צייט וואס דער לאקאל עקזיסטירט דארט, האט ער אהנע צווייפעל א סך אויפגעטאן פאר די מיטגליעדער. אויסער דעם האט דער לאקאל, אויף זיין אייגענעם חשבון, זיך פארנומען צו ארגאניזירען אלע ליידיס גארמענט ווארקעס פון יענער שטאדט.

(שלוס נעקסטע וואך)

ארבייטער רינג מוזיק סקול

143איסט 3טע סטריט.

די ארבייטער רינג מוזיק סקול איז אן אינסטיטושאן וועלכע איז געגרינדעט געווארען פון'ם פאלק, פאר'ן פאלק.

עס זיינען פאראן פיעלע מוזיק סקולס וואס טראגען דעם נאמען „פאלקס שולע", וועהרענד אין אמת'ן באנוצען זיי בלויז דעם שעהנעם נאמען אלס אן אדווערטייזמענט אום צו מאכען פון איהם גוטע ביזנעס.

מיר געפינען זיך בארעכטיגט אזוי צו באהויפטען, ווייל טאג־טעגליך קריגען מיר אריין שילער פון די זאגענאנטע „פאלקס אינסטיטושאנס", וועלכע זיינען זעהר שלעכט פאר לערנער און האבען קיין באגריף ניט וועגען די עלעמענטארסטע כללים פון מוזיק.

אויב מיר זיינען דאס, וואס מיר באהויפטען צו זיין: דאן קומט אריבער און איבערצייגט אייך. אויב איהר האט אירגענד וואו געלערנט, דאן וועט איהר זעלבסט קענען אורטיילען וואו מען לערנט בעסער.

ל. זיסעלמאן, דירעקטאר.

טרייד יוניאן באוועגונג פאר די באפרייאונג פון פאליטישע ארעסטירטע

(שלוס פון זייט 9)

בען. דיעזער קאנפערענץ פון די צענטראלע ארבייטער, ארגאניזאציאנען ווענדעט זיך צו אלעמען נאך פינאנציעלע שטיצע, וועלכע דארף קומען אזוי שנעל ווי מעגליך.

נעהמט אויף די פראגע ביי אייערע מיטינגען. דאס איז ניט נאר א לעבענס־פראגע פאר די ליידענדע, דאס איז מעהר ווי דאס. דאס איז א פראגע צו באפרייען פון טויטליכע יסורים צו וועמען דאס לעבען איז אזוי ביטער אז פיעלע פון זיי ווינשען זיך דעם טויד.

העלפט מאראליש, העלפט פינאנציעל, העלפט מיט וואס איהר קענט.

מיט ברודערליכען גרוס,

דזש. פ. קאגלאן, סענטראל לייבאר יוניאן, ברוקלין, פרעזידענט; דזשאהן סאליוואן, יונייטעד ברויערי ווארקערס יוניאן, טרעזשורער; מאקס פיין, פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, פינאנס סעקרעטער; ערנעסט באהן, סענטראל פעדערייטעד יוניאן, רעקארד. סעקרעטער; לוסי ראבינס, פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, ארגאנייזער; הוגא פריני, אמעריקאן פעדערייש[א]ן אוו לייבאר, עקזעקוטיוו ארווייזאר.

קלאוק אפעריירטארס יוניאן לאקאל 1
א. ל. ג. וו. י.

אפיס 238 פערטען עוועניו. טעל. גרעמערסי 1063

צוליעב די אונערווארטעטע סלעק אין טרייד האט די עקזעקוטיווע באשלאסען דאס קיין אווערטיים זאל ניט געארבייט ווערען אין קיין שאפ וואו עס זיינען פאראן ליידיגע מאשינען.

די שעפער וואס וועלען דעם ארדער ניט אויספאלגען וועלען גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע און וועלען שווער באשטראפט ווערען.

די עקזעקוטיווע פון לאקאל 1

פ. קאטלער, מענר. מ. וואלבערג, טשערמאן. ס. דזש. רינגער, סעק

שטיק שניידער און סעמפעל מא כער לאקאל 3, א. ל. ג. וו. יוניאן

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

ווערט אפגעהאלטען ווערען

שבת, 15טען נאוו. אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט

פונקט צוויי א זייגער נאכמיטאג.

דער צוועק פון דיעזען מיטינג איז זעהר א וויכטיגער פאר אייך, מיטג[lieder] פון דעם לאקאל.

שוין לאנג ווי אונזער לאקאל נויטיגט זיך אין א רעליעף פאנד, און ענדליך איז איצט געקומען די צייט ווען מיר קאנען אט די פראגע פון א רעליעף פאנד פאר אייך פארלעגען. די עקזעקוטיוו האט די פראגע שוין דיסקוטירט, און אויך שוין באשלאסען צו האבען אזא פאנד

ביים מיטינג וועלען מיר אייך דאס איבערגעבען מיט אלע איינצעלהייטען.

אין נאמען פון דער עקזעקוטיוו באארד לאקאל 3

ד. רובין, סעק.

ענדע פון מלחמה

ברענגט גליק פאר דער וועלט

מארמאלאקס

די געשמאקע פרוכט קענדי אבפיהר מיטעל האט געמוזט פיר דער צייט פון מלחמה אראפ פון מארקעט, ווייל דער טייערער מעדיצינישער שטאף וואס קומט אריין אין מארמאלאקס איז גענצליך פארברויכט געווארען אין די מלחמה האספיטעלער. יעצט די ענדע פון מלחמה וועלכע האט געבראכט נייע גוטע צייטען, האט אויך צוריק געבראכט די גרויסע רפואה פיר אלע מאגען ליידענדע, „מארמאלאקס", די פרוכט־קענדי אבפיהר מיטעל וואס איז געשמאקער פון די טייערסטע קענדי און רייניגט אב דעם מאגען אין א פאר שטונדען לייכט און אנגענעהם.

ליידעט ניט אויפ'ן מאגען און האלט די מאגענכדלעך פון אייערע קינדער אין ריינעם און געזונטען צושטאנד. א באקסעל מארמאלאקס אין הויז איז א פארזיכערונג פיר א געזונטען מאגען און וועט פארהיטען פון אלע מאגען קראנקהייטען.

10, 25 און 50ס א באקס.

אין אלע גוטע דראג סטארס אדער מיט פאסט

MARMALAX COMPANY,
NEW YORK

ריפער מאכער, טהוט אייער פליכט צו די שטאהל סטרייקער!

די שטימע פון די העלדישע קעמפפער אין די שטאל־אינדוסטריע האט אונז דערגרייכט. זי איז געווענדעט צו אונזערע הערצער און נשמות. זי זאגט:

„העלפט אונז און מיר וועלען זיעגען"
וועט איהר דערלאזען דערשטיקען זייער שטימע?

אונזער לאקאל רופט צו יעדער שאפ און צו יעדען מעמבער, צו יעדענס הארץ און צו יעדענס נשמה און געפיהל פון קלאסען באוואוסטזיין.

גיט 3 שטונדען ארבייט צו די בראווע קעמפער,
ריפער מאכער, טהוט אייער פליכט!

אלע געזאמעלטע געלדער זאלען געבראכט ווערען אין אונזער אפיס ניט שפעטער ווי דינסטאג, דעם 11טען נאוועמבער. אלעביישטייערונגען וועלען קוויטירט ווערען אין דיעזער צייטונג.

ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

מ. וואלאך. — מיר געפינען ניט קיין אייגציג ניי ווארט אין אייער בריוועל איבער דער שבת־פראגע. א חוץ דעם טראגט זיך אין איהם א ריח פון אונ־טאלעראנץ, וואס פאסט זיך ניט פאר א פרייען מענשען. די מאדזשאריטי, אויב זי באשטעהט פון ווירקליכע פריידענקער, דארף ערשט רעכט נעהמען אין אנבעטראכט די געפיהלען פון דער מינאריטעט. ווער דאן זאל זיך רעכענען מיט געפיהלען און גדאנקען פון א געגנער, אויב ניט דער פרייער מענש? אויך דארף די מאיאריטעט ניט שפיעלען די ראליע פון א דעספאט, אויב זי וויל ניט טיילען דעם שיק־זאל פון אלע דעספאטען? ניין, איהר זייט ניט אין גאנצען גערעכט מיט אייער מיינונג, און אייער בריוועל וואלט ניט געמאכט א סוף צו דער דעבאטע, נור ער וואלט ערשט געמאכט אנ־דערע אנגורטען זייערע לענדען צום היליגען קריג. אגב וואלט אייער בריוועל ביז צו א גע־וויסען גראד באשטעטיגט די מיינונג פון די, וועלכע האבען געוואלט מאכען דעם איינדרוק, אז די קלאוקמאכער יוניאן באשטעהט פון גאלע גוים, וועלכע ווילען ניט אנדערש, אז מען זאל אויף צו־להכעיס די פרומע אידען דוקא אר־ביטען אום שבת.

מ. קאווינסקי. — איהר באריהרט א זעהר וויכטיגען פונקט, וועלכער דארף ציהען אויף זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט. מיר זיינען זיך מודה, דאס כאטש מיר האבען קיינ־מאל ניט געהאלטען פון דער גאראנטיע צו־ליעב פארשיידענע גרינדע, איז אבער אייער גרונד, וועלכער איז א זעהר וויכטיגער, אונז ניט איינגעפאלען. פארשטעהט זיך, אז אייער ארטיקעל ערשיינט אין דעם נומער, און מיר וועלען גערן פארעפענטליכען אויך אנדערע בריף איבער דעם, פאר אדער דאגעגען. דער ענין איז א וויכטיגער, און ער נויטיגט זיך אין דער העכסט־מעגליכסטער קלארקייט.

י. ה. — דאס איז גאנץ שעהן פון אייך, וואס איהר אנערקענט דעם אויפטו פון אייער ביזנעס איידזשענט בר. ר. בראנפעלט און אייער שאפ 97 וועסט 19טע סט. געוועהנליך איז דער ביזנעס איידזשענט דער שעיר לעזאזל פאר אלערליי פרעמדע זינד. און עס איז ווירקליך פיין, וואס א יוניאן־מיטגליד האט גענוג גרויסמוט אנצוערקענען אמאל זיינע פארדינסטען. זיכער וועט ברודער בראנפעלט זיין שטארק איבערראשט, נאטירליך, אנגענעם איבערראשט.

ס. קרימקאוויץ. — אייער בריף וועט פאר־עפענטליכט ווערען. אבער די מעשה וואס דער באס האט באצאהלט 25 דאל. שטראף, די קומט אונז אוים גאנץ פארדעכטיג. וואלט ער זיך ניט אביסעל געאמפערט, ווען די זאך וואלט געווען אינגאנצען כשר? עס איז אמת, אז עס זיינען דא אידען, ביי וועמען דער שבת איז זעהר הייליג, און פאר די פיהלען מיר רעספעקט, אבער עס זיינען זיכער דא אויך אידען, וועלכע וויקלען איין די טומאה אין די יראה, און אויף דעם חשבון פון היילגען שבת, סקעבען זיי גאנץ שטארק אונטער אום זונטאג. דאס קען די יוניאן ניט איגנארירען, און ביז עס וועט געפונען ווערען א ריכטיגער אויסוועג, האבען מיר מורא, אז די אמת־פרומע וועלען מוזען אביסעל ליידען.

פ. פ. ר. — פאר דעם לעצטען נומער איז עס אנגעקומען צו שפעט, אז מיר זאלען קענען זאגען א גוט ווארט פאר דעם פראטעסט מיטינג אין מעדיסאן סקוועיר גארדען געגען די בלאָ־קאדע. אין דעם נומער איז עס שוין ווידער עבר זמן. האט אימער אין זינען, אז צו א וועכענטליכע צייטונג מוז מען צושיקען דעם נויטיגען מאטעריאל וואס פריהער, איבער־הויפט ווען עס האנדעלט זיך וועגען א מאָ־מענט־זאך.

מאקס גארבער. —אייער בריף וועט פאר־עפענטליכט ווערען, כאטש מיר זיינען מיט אייך ניט איינפארשטאנען, אז די קלאוק־אינדוסט־ריע איז די סאמע ערגסטע. ווען יע, וואלט די קלאוק־אינדוסטריע געפיהלט אימער א שטארקען מאנגעל אין ארבייטער, וואס דאס איז פאקטיש ניט דער פאל.

י. דינער. — אזוי ווי די הארץ וואלט אונז געזאגט, אז איהר וועט עס פאדערען פון אונז. נעקסטען נומער האבען מיר אן צו גע־בען א סעריע ארטיקלען איבער געזונדהייט־פראגען. מיר צווייפלען גארניט, אז דר. הור־באווסקי, וועלכער איז א מומחה אין דעם ענין, וועט אויך ניט פארפעלען אנצואווייזען אויף די וויכטיגקייט פון אייגאטעמען פרישע לופט, אזוי, דאס די ארבייטער וועלען גרינדליך פאר־שטעהן, ווי שעדליך עס איז צו ארבייטען אין שעפער מיט פעסט פארמאכטע פענסטער און מורא, אז אביסעל לופט זאל ניט ארייגקומען אין שאפ.

א. ד. נ. — אזוי שנעל, ווי מיר וועלען נאר האבען א פרייע מינוט, וועלען מיר איבערזוכען און אייך אפשיקען.

ב. פרידמאן. — יע, מיר זיינען געווען ביים קאנצערט פון דער „זמרה" אין קארנע־גיע האל. מיר מוזען אבער זאגען, אז מיר זיינען ניט שטארק נתפעל געווארען. אונז דאכט זיך, אז איינער מוז זיין שוין גאר א ארברעגלער נאציאנאליסט, אום צו קענען גע־ניסען א גאנצען אווענט כמעט אייגע און די־זעלבע מאנאטאנע ניגונים.

ע. ל. — געליענט דעם ארטיקעל, און חוץ דעם, וואס אין זיין גרעסטען טייל איז עס אמת'ע קוואטש, איז ער דערצו נאך אנגעפי־קעוועט מיט ליגענס און מיט העסליכע פאר־לוימדונגען. דער דר.„דיזער שרייב־קנעכט, וואס מוז אפנים גוט ציטערען פאר זיין מי־זעראבלען דזשאב, קען נאטירליך אנדערש זיך ניט פארשטעלען, ווי אז די ארבייטער־פיהרער מוזען זוכען טראבעל, בדי זייערע דזשאבס ניט צו פארלירען. דער דאזיגער אויך־מיר־דאק־טאר ווייס ניט, אז וואס אנבעטרעפט די פיה־רער פון דער היגער ארבייטער באוועגונג, אר־בייטען זיי מיט אלע כחות אין זייערע יו־ניאנס פאר די אויסמיידונג פון סטרייקס. דער דאזיגער „גלאב"־דאקטאר ווייס ניט אדער מאכט זיך ניט וויסענדיג, דאס די גרעסטע און די שטארקסטע יוניאנס האבען זעלטען ווען סטרייקס, אזוי, דאס מען קען מיט רעכט בא־הויפטען, אז וואס שטארקער און סאלידער די יוניאן, דאס אלץ ווייניגער און ווייניגער סטרייקס האט זי. לויט זיין „טעאריע" הא־בען די פיהרער פון אזעלכע יוניאנס שוין לאנג באדארפט פארלירען זייערע דזשאבס, ווייל צו וואס דארף מען זיי, אז קיין סטרייקס זיינען ניטא? וואס אנבעטרעפט זיין מעשה מיט'ן מאנופעקטשורער, וועלכער זאל האבען אנגעבאטען די ארבייטער אלע פראפיטען, נאך דעם, ווי דער מאנופעקטשורער האט באשטימט פאר זיך א „יושר'דיגען" (ריזאנייבל) פרא־פיט פאר דאס ארייגעלייגטע געלט, איז דאס אדער א גרויסער און גראבער ליגען, אדער דער פראצענט, וואס דער באס האט זיך געשטעלט, איז געווען אזעלכער, אז די ארבייטער האבען איינגעזעהן, אז עס וועט פאר זיי אפילו אויף קיין וויידזשעס ניט בלייבען. די מעשה, אז די בעאמטע פון דער יוניאן האבען אט דעם מייערען פארשלאג ניט אנגענומען, מוז זיין זיכער א ליגען. ווייל וועלכע ארבייטער וואל־טען אין אזא פאל גענומען אין אנבעטראכט דעם וואונש פון די יוניאן בעאמטע? און ווי אזוי האבען די יוניאן בעאמטע געקענט שטעלען די ארבייטער, ווען זיי וואלטען אליין איינגעזעהען די גרויסע גליקען פאר זיי? מען דארף נאר אביסעלע א טראכט טאן, אום צו זעהן, אז דא איז צוזאמענגעפאטשקעט גע־ווארען אן ארטיקעל, מיט דעם „געדאנק", אז די נארען קענען אלעס פארדייהען. און אט דער גיפט ווערט אזוי ארייגעפוטשט אין טויזענדער און טויזענדער מוחות טאג־טעגליך, און נאך אונטער דער מאסקע פון אן אום־שטיינסליכעאגסטען ראדיקאליזם, איז עס עפעס א וואונדער, וואס מיר געפינען דא אזא מוחות־צומישעניש? אט, דיזע צייטונגס־שרייבער, זיי זיינען ווירקליך די גרעסטע געפאהר פאר דעם הייטיגען פארטשריט. נאטירליך, ווען דער לעזער וואלט געקענט זיך קריטיש פאר־האלטען צו אלץ, וואס ער לייענט, וואלט עס ניט אויסגעמאכט, און אזא פאטשקעריי וואלט איהם נאר געקענט מאכען אביסעל שפאס. די צרה איז אבער, וואס די מייסטע לעזער שלינ־גען עס ארונטער, און זיי האלטען עס פאר תורת משה, און עס איז דערפאר גארניט אי־בערטריבען, ווען מיר וועלען זאגען, אז וואס איינער לייענט מעהר אט די טעגליכע גיפט־מישער, אלץ מעהר און מעהר אידיאט מוז ער ווערען.

ב. פרענקעל. — אן ערצעהלונג מוז ניט האבען קיין סוף. איז דען אין לעבען אלעס מיט א סוף? ווען איינער האט, למשל, אי־מיצען ליעב, און געפינט ניט קיין געגענליעבע, מוז ער דוקא, מיינט איהר, זיך ערמארדען אדער ערמארדען די וועמען ער ליבט? עס טרעפט אמאל אזוי אויך, אבער ווי איז אין די מייסטע פעלע? אהן א סוף! מען טראגט א וואונד אין הארצען, וועגען וועלכער גאר ווענוגע האבען אן אהנונג, און דאטסאל. פונקט אזוי מוז ניט דוקא יעדע ערצעהלטע געשיכטע האבען א סוף. די מייסטע קינסט־לערישע ערצעהלונגען זיינען טאקי „אהן א סוף".

שרה נ. — האלט זיך ניט פאר די „אומ־גליקליכסטע אין דער גאנצער וועלט". מיר קענען אייך פארזיכערען, אז עס זיינען דא פילע, פילע אזעלכע. און כאטש מיר וועלען ניט מאכען צו גארניטשט אייערע ליידען, אבער, אז איהר האט שוין א צוטרוי צו אונז, פיהל־לען מיר עס, אלס אונזער פליכט, אייך צו זאגען, אז אי איהר איבערטרייבט עס שוין אביסעל צו שטארק און אז טיילווייז איז עס אייער אייגענע שולד. שטעלט זיך אויף א ווילע אין זיין לאגע, און איהר וועט מוזען קומען צום שלוס, אז ער איז ניט אינגאנצען אזוי שלעכט, ניט אזוי דורך און דורך פאר־דארבען. שטעלט ניט צו איהם קיין צו גרויסע פאדערונגען, פרובירט פארזעהען מאנכע מאל, און דאס לעבען וועט ווערען פאר אייך פיעל, פיעל לייכטער. האט איהר געלייענט די „וויל־דע ענטע" פון איבסען? לייענט עס, און איהר וועט געפינען צווישען פילעס אנדערע, אז אין פאמיליען־לעבען מוז מען אמאל זיך מאכען בלינד, און דער וואס וויל דוקא אייך מאכען זעהענדיג, טוט אייך ניט קיין טובת. כאטש מיינען מיינט ער עס גאנץ גוט. „דער אמת וועט אייך פריי מאכען" איז ריכטיג אין ברייטען זיין פון לעבען, אבער אין גע־וויסע גרענעצען קען דער אמת אנמאכען גרוי־סען טראבעל. און, פאלגליך, די לעבענס־וויזד־היט באשטעהט אין דעם צו קענען אמאל פאר־קוקען, פארבייגען, פארציהען, בקיצור ניט צו זיין קיין דאן־קיכאט.

פינלענדער. — יע, איהר זענט גערעכט. אבער אומשטענדען צווינגען אונז אמאל צו פארשוויגען געוויסע פאסירונגען, כאטש מיר קענען ניט פארלייקענען זייער וויכטיגקייט. איבעריגענס, די נייעס איז דאך געווען אין אלע צייטונגען, און מעהר ווי דאס האבען מיר ניט געקענט געבען, ווייל, דעם אמת געזאגט, האבען מיר ניט געהאט קיין צייט און געלעג־נהייט זיך צו באקענען מיט דעם גאנצען ענין. אויב איהר ווילט, קענט איהר אונז צושיקען אן ארטיקעל וועגען דעם, און מיר וועלען איהם געוויס פארעפענטליכען. האט אויך אין זינען, אז דער פלאץ פון אונזער „גערעכטיגקייט" איז באשרענקט, און דאס מיט אונזער בעסטען ווילען קענען מיר ניט געפינען פלאץ פאר אלעס, ווי וויכטיג א גע־וויסע פאסירונג זאל ניט זיין פאר דעם גע־געבענעם מאמענט.

ס. ט. — יע, מיר האבען עס געזעהן, און עס איז אונז שטארק געפעלען געווארען. מעג־ליך, אז נאך די וואך וועט זיין וועגען דעם אונזער קריטיק.

פארדיענטע באלוינונגען. איין פרוי, די ווייב פון א פראנצויזישער דארף־פויער, פארערט איצט דעם העכסטען אויסצייכ־נונגס־פריז פון 25 טויזענט פראנק אויף דעם גרונד, וואס זי איז די מוטער פון ניט ווייניגער ווי איין־און־צוואנציג קינדער.

די לוסטיגע פראנצויזישע פרעס קא־מענטירט דערויף און זאגט, אז די דאזיגע פרוי פארדיענט ניט נאר די 25 טויזענט פראנק, נאר אויך א מאנומענט אויף דעם אנגעזעהענסטען פלאץ אין פאריז.

קורץ, יונג־פראנקרייך קינדערלט און אלט־פראנקרייך קוועלט און שעפט נחת — כן ירבו!

הײנט פאַר'ן שלאָף
נעהמט אן
עקס־לאַקס!
און איהר וועט אין דער פריה פיהלען ווי ניי־געבוירען.

יוניאן דענטאל און מעדיקאל קליניק
אפיס: 31 יוניאן סקוועער
ארייננגאנג: 23 איסט 16טע סט.
דער דענטאל און מעדיקאל קליניק איז די אייגענטום פון די ארבייטער, ווערט אנגע־פיהרט און געמענעדזשט ביי די ארבייטער אויף א קאאפעראטיווען באזיס.
עהרליכע, וויסענשאפטליכע דענטיסטרי פאר קאסט־פרייז
ניט ביליגערע אבער בעסערע ארבייט
אלגעמיינע מעדיצינישע אונטערזוכונג און באהאנדלונג.
קריגט א קארד פון אייער לאקאל.
ספעציעלע קליניקס פאר'ן מאגען, נאז, האלדז, אויערען און נערווען־קראנקהייטען!
א סטעף פון פיער דענטיסטען יעדען טאג פון 10.30 פריה ביז 8 אוהר אווענט.

טאמאשעווסקי טעאטער

האוסטאן סט. און סעקאנד עוועניו
טעל. ארטשארד 2612.
הערי טאמאשעווסקי, סטיידזש מענ.

6טע וואך! גרעסטער סוקסעס!

דאס גרעסטע, שענסטע, ריינסטע און הייר־לינסטע וואס אידען האבען אמאל געזעהן אין אידישען טעאטער

בארים טאמאשעווסקי׳ס נייע אפערעטע

דאס הייליגע ליעד

מיט 28 נומערען געזאנג, פון דעם איינציגען אמת׳ן אידישען קאמפאזיטאר

הערמאן וואהל

מיט א קאמפאניע פון די גרעסטע סטארס פון דער אידישער ביהנע און אן עקסטרא באר פון זעכציג פערזאן, ווי אויך א סימפאני ארקעסטער פון 24 פערזאן.

ל. גאלדבערג, פרעזענטירט

בארים טאמאשעווסקי, דייוויד קעסלער, סעם קעסטין, רעגינא צוקערבערג, בעסי ווייסמאן, ראזא גרינפעלד, קלמן יא־וועליער, וויליאם שווארץ, מאד. זיבעל, מאד. ווילענסקי, מאד. מאנע, ה׳ גרינבערג, ה׳ גילטמאן, ה׳ גאלד, ה׳ צוקערמאן און בעלא פינקעל, ווי אויך האבען מיר צוויי נייע זינגער, מאד. טוכמאן און ה׳ פעראנזא.

ווען אין דער געשיכטע פון אידישען טעאטער האט איהר נאך געזעהען אדער געהערט אזא קאמבינאציע פון אזעלכע שוישפיעלער און זינגער, צוזאמען ווי איהר וועט זעהן און הערען אין טאמאשעווסקי׳ס נייע אפערעטע „דאס הייליגע ליעד״?

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אווענד, 14טען, 15טען און 16טען נאוועמבער.

טאמאשעווסקי׳ס און וואהל׳ס נייע אפערעטע

דאס הייליגע ליעד

אפערעטע מיט א פראלאג אין 3 אקטען. אויפגעפיהרט פון די צוויי גרעסטע אידישע רעזשיסערע ה׳ טאמאשעווסקי און ה׳ קעסלער. 28 נומערען מוזיק, מיט א סימפאני ארקעסטער פון 24 מאן פון אונזער קאמפאזיטאר און דירעגענט ה׳ הערמאן וואהל, אלע טענץ ארראנזשירט פון דעם באריהמטען בראדוויי פראדיוסער ה׳ דען דודי, קונסט עפעקטען פון הערי טאמאשעווסקי.

חברות, לאדזשען, יוניאנס און רעליעף סאסייעטיס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קענען קריגען בענעפיטס און טיקעטס פאר דעם נייעם סיזאן. זיך צו ווענדען צו מר. מענדעלסאן.

אירווינג פל. טהעאטער

אירווינג פליים און 14טע סט.
טעלעפאן, סטייוועסענט 1359
מאקס ווילנער, מענעדזשער
מארים שווארץ, דירעקטאר.

12טע וואך! 12טע וואך!

פרייטאג און שבת אבענד און זונטאג מא־טינע און אבענד, 14טען, 15טען און 16טען נאוועמבער.

די ערשטע אמת־אידישע דראמא.

מאקס ר. ווילנער, פרעזענטירט

הערר מאררים שווארץ

— אין —

שלום עליכם׳ס

גרעסטע שאפונג

טביה
— דער —
מילכיגער

שבת מאטינע, 15טען נאוועמבער
אויף אלגעמיינעם פארלאנג, דער געניא־לער קינסטלער פון דער ווילנער טרופע
אברהם טייטעלבוים
אלס „הערשעלע דובראוונער״ אין יעקב גארדין׳ס גרויסע ווערק

גאט, מענש און טייפעל

ווענען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון אירווינג פליים טעאטער.

דעזיינערס פון פרויענקליידער ווערען איבעראל פארלאנגט

און אנשטענדיגע שטעלע פאר יעדען מאן אדער פרוי. — גרינג צו לערנען — בעצאלט זיך גוט.

אויך איהר קענט לערנען דעזיינינג און ווערען אן ערפאלגרייכער דעזיינער

מענער און פרויען פער־דינט מעהר געלד.

נעמט אויף א פראקטישען קורס און אונטערריכטונג אין מיטשעל־סקוהלס.

אין דעזיינינג פון פרויענס, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס פון אונטערריכטונג אין די מיטשעל׳ס סקולס מיינט א באלדיגע שטעלע און מעהר געהאלט. די מיטשעלס סקולס פון דע־זיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און זיטינג זיינען געגרינדעט געווארען מעהר ווי 50 יאהר או, האבען ערגרייכט נייע געדאנקען, נייע סיסטעמס, בעסטע מעטאדען, בעסטע רע־זולטאטען

אינדיווידועלע אויפמערקזאמקייט — טאג און נאכט קלאסען. מעסיגע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער פאר־לאנגט פאר א פרייען בוקלעט, דע־מאנסטראציאן און פולע אינפאר־מאציאן.

אבענד־קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

מיטשעל דעזיינינג סקוהלס

912-920 בראדוויי (קארנער 21טע סט.) ניו יארק.
טעלעפאן — גרעמערסי 83.

SECOND AVE. THEATRE

35 סעקאנד עוועניו.
יאזעף עדעלשטיין, דזשענ. מענ.
טעלעפאן, פארסייטה 1643.

טיקעטס 8 וואכען אין אדוואנס.

דער איינשטימיגער אורטייל פון איבער 50,000 מענשען, וועלכע האבען בייגע־וואהנט די פארשטעלונג פון יאזעף רומשינסקי׳ס לעצטע און שעהנ־סטע אפערעטא

דעם רבינ׳ס נגון

גרעסטער ערפאלג! ערפאלג!

30 נומערען געזאנג.

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אווענד, 14טען, 15טען און 16טען נאוועמבער

יאזעף רומשינסקי׳ס נייעסטע אפע־רעטע

דעם רבינ׳ס נגון

ליברעטא פון ג. באדער
אויפגעפיהרט פון יאזעף רומשינסקי

סעמיועל ראזענשטיין, לודוויג זאץ, רע־גינא פראגער, ראזא קארפ. בארים ראזענ־טאל, מרס. סאבינא לאקסער, פעני לוב־ריצקי, היימי דזשייקאבסאן און יאקאב פרענק באטייליגען זיך אין דיזער אפע־רעטע, ווי אויך לואיס היימאן. ה׳ משאר־לעס נאטאנסאן אלס „לייבעניו.״

דעם רבינ׳ס נגון איז 100 פרא־צענט פערפעקט.

אין מוזיק, פערזאנאל, ארטיסטען, אויס־שטאטונג, רייכע קאסטיומען, שעהנסטער קאהר, שעהנע טענץ און באלעטען, וואונ־דער עפעקטען, גרויסער ארקעסטער, אין אלע הינזיכטען.

$10 ווערטה אמיוזמענט פאר 1 דאל.

אן עקסטרא גרויסער כאר און סימפא־ני ארקעסטער א־לא רומשינסקי.

חברות לאדזשען, סאסייעטיס, יוניאנס, ארבייטער רינג ברענטשעס, רעליעפס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קענען זיך מעל־דען פאר בענעפיטס און טיקעטס אין אפיס פון טעאטער.

דארפט איהר א מוזיק לעה־רער?

ל. גאלדבערג, דער באוואוסטער פיעדעל שפיעלער, וועלכער האט די הסכמה פון דעם גרויסען זשעניע, פרא־פעסאר לעאפאלד אוער, דער לעהרער פון צימבאליסט, מישא עלמאן און נאך אנדערע קינסטלער

גיט לעסאנס אין פיעדעל שפיעלען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, ספעציעל צו קינדער פון קלאוקמאכער.

אדרעס:
507 איסט מאונט עדען עוו., בראנקס.
טעלעפאן: טרימאנט 1505.

נ. ב. — נעמט דריטע עוועניו על־ווייטער און סטאפ ביי 171טע סטריט און קלערמאנט פארקוויי.

A. DELBON

פיקסט און שארפט שערס.
484-90 6טע עוועניו, ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

דיזע צייטונג

ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענג־לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די

אפ־טו־דייט פרינטינג קא.

195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

י. קראוז

בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

דאס נייע
אידישע טעאטער

27טע סטריט און מעדיסאן עוועניו.
טעלעפאן מעדיסאן סקווער 579.
עמנואל רייכער, קונסט דירעקטאר.
לואיס שניצער, דזשענ. מענעדזשער.

דאנערשטאג און פרייטאג אבענד, שבת און זונטאג בייטאג און אבענד, 13־טען, 14טען, 15טען און 16טען נאוועמבער

עמנואל רייכער — צום ערש־טען מאל אויף דער אי־דישער ביהנע

אין

דער שטומער משיח

פון דוד פינסקי.

געביל׳ס טעאטער

235 באוערי. טעל. ארטשארד 4345.
מאקס געביל, דירעק. הערי גאטי, מענ.

מאקס געביל׳ס „הייליגע ליבע״ האט אלעס איבערטראפען.

12טע וואך! 12טע וואך!

פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטי־נע און אווענד, 14טען, 15טען און 16טען נאוועמבער

די גאנצע קינסטלער קאמפאני אין מאקס געביל׳ס גרויסע מייסטערווערק

מאקס געביל, דזשעני גאלדשטיין, עליאס ראטהשטיין, גאלדע שאפירא, יאקאב האכשטיין, יאקאב קאצמאן, פעפי סינקאף, אייב סינקאף, יאקאב גאלדשטיין, אידא גראפער, פרידריך בלייכער און איזי־דאר האלענדער אין

מאקס געביל׳ס גרויסע מייס־טערווערק

הייליגע ליעבע

מעלאדראמא אין 4 אקטען, מיט א פאר־שפיעל פון מאקס געביל.
מוזיק פון אונזער קאמפאזיטאר ארנאלד פערלמוטער.

ווענען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון טעאטער.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פע: קויפט אויסשליסליך

וזייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי



בארנעט
ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

צו אלע סעקרעטערע און מעמבערס פון דער
אינטערנעשאנאל

פון צייט צו צייט דערגרייכען צו אונז קלאגען אז דער אדער יענער מעמ
בער באקומט נים אונזער צייטונג. מאנכעס מאל קריגען מיר צוגעשיקט א
בריוועלע אין וועלכען דער מעמבער לאזט אונז וויסען, אז ער ערהאלט נים ד
צייטונג, און שרייבט אונטער זיין נאמען. ער פארגעסט אבער צו לאזען אונ
וויסען דעם ל א ק א ל צו וועלכען ער באלאנגט און דעם לעדזשער נומער פו
זיין בוך.

מיר האבען גענוי אונטערזוכט די אנגעלעגענהייט און מיר האבען אויס
געפונען פאלגענדעס:

ערשטענס, די לאקאל-יוניאנס האבען זעלטען ווען א פולען און ריכטי
גען ליסט פון אלע אדרעסען פון זייערע מעמבערס. אזוי ווי די מעמבערס' אד
רעסען ווערען צו אונז צוגעשיקט פון די לאקאלס, איז פאלגליך, אויב דער אד
רעס איז נים ריכטיג אין לאקאל, ווערט די צייטונג געשיקט אויף א נים-ריכ
טיגען אדרעס.

צווייטענס, מאנכע מעמבערס זיינען נאכלעסיג און פארגעסען צו אינ
פארמירען זייער לאקאל ווען זיי ענדערען זייער וואהנונג. אזוי שנעל ווי איי
נער מופט לאזט אונז דער פאסט-אפיס וויסען און מיר זיינען געצוואונגען אויפ
הערען שיקען די צייטונג צו אזא מעמבער ביז מיר קריגען דעם ריכטיגען אד
רעס.

דריטענס, מאנכעס מאל פארגעסט א מעמבער אנצוגעבען דעם נאמען בי
וועמען זי אדער ער וואוינט און דערפאר ערהאלט מען נים די צייטונג.

פערטענס, אין מאנכע פעלע האבען נים די מעמבערס זייערע נעמען אי
לעטער-באקס, און אימיצער פון די שכנים וועלכער געהט ארונטער פריהע
בענוצט זיך מיט דער געלעגענהייט און נעמט צו די צייטונג.

ארויסשיקענדיג צעהנדליגע טויזענדע צייטונגען איז גאנץ נאטירליך א
עס זאלען פאסירען אזעלכע פעלע. מיר זיינען אבער נייגעריג אז אלע אונ
זערע מעמבערס זאלען קריגען די צייטונג, דערפאר פארלאנגען מיר פון איי
דאס פאלגענדע:

האט אין זינען אז די לאקאל-יוניאן מוז צו אלע צייטען האבען די ריכ
טיגע אדרעסען פון אלע מעמבערס. — ווען איהר מופט לאזט גלייך וויס
אייער לאקאל סעקרעטער אייער אלטען אדרעס, דעם נייעם אדרעס און אייע
לעדזשער נומער. — אויב איהר וואהנט ביי פרעמדע לייטע, פארגעסט ני
אנצוגעבען זייער נאמען. בעט אויך אייער סעקרעטער ער זאל גלייך א
בערשיקען אייער נייעם אדרעס צו אונזער אפיס, אנדייטענדיג די שפראך אי
וועלכער איהר ווילט באקומען אונזער צייטונג.

וועט איהר זיך באנוצען מיט די אינפארמאציאן?

אכטונגספול,

עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

ווען איהר קריגט נים די צייטונג אדער ווען איהר מופט, פילט אויס דא
פאלגענדע און שיקט עס איבער צו אייער לאקאל-סעקרעטער.

ame .... % ....

ew Address ....

ld Address ....

ocal.............................. Ledger ....

aper Desired ....

דער

ארבייטער רינג

איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז נים בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעל-שאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט איך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמ-בערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען ארייגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמ-פעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE. 175 E. B'WAY, N. Y.

די סטייט באנק

ריסארסעס איבער $65,000,000

אויב איהר טהוט ביזנעס מיט אנדערע לענדער אדער איהר דענקט פערגרעסערען אייער ביזנעס דורך אימפארט אדער עקספארט, זיינט איהר געלאדען זיך צו בענוצען מיט די אויסערגעוועהנליכע פאסיליטיעס פון דער סטייט באנק.

מיר געבען ארויס לעטערס אוו קרעדיט, קאמוירשאל לע-טערס אוו קרעדיט, טרעוולערס טשעקס און דרעפטס נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

די וואס ווילען העלפען זייערע קרובים אין אויסלאנד, בע-זאנדערס אין פוילען, רומעניע, גאליציע, און טשעכא-סלאוואקיע, קענען שיקען געלד מיט די ביליגסטע רעיטס דורך דער סטייט באנק.

די פאלגענדע בייכק זיינען איינעגע פון אונזערע קארעספאנד-ענטס אין אויסלאנד

ENGLAND
Credit Lyonnais, London.
FRANCE
Comptoir National d'Escompte de Paris.
BELGIUM
Banque Generale Belge.
SWITZERLAND
Swiss Banking Corporation.
GERMANY
Deutsche Bank, Berlin.
HOLLAND
Rotterdamsche Bank Vereeniging.
CZECHO-SLOWAKIA
Bohmische Union Bank, Prague.
GERMAN AUSTRIA
Wiener Bank Verein, Vienna.
POLAND
Polska Krajowa Kasa Pozyczkowa, Warsaw.

דיזע באנקען זיינען די גרעסטע און שטארקסטע אין זייערע לענדער. אויב איהר ווילט שיקען געלד צו אייערע פריינד און קרובים — דאן שיקט דורך אונז, וועט איהר זיין זיכער, דאס עס וועט שנעל באזארגט ווערען, און מיר רעכענען דעם ביליגסטען פרייז, לויט דעם טאגעס-קורס.

THE STATE BANK

376 און 378 גרענד סטריט. ניו יארק.

ברענטשעס:

100 עסעקס סטריט; 7 וועסט 26טע סטריט;
1400 פינפטע עוו.; 158 יוניאן און וועסטשעסטער עוועס.
פיטקין און סטאון עוועניוס, ברוקלין.
גרעהעם עוועניו און ווערעט סטריט, ברוקלין.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועלכע מען עס גלוסט זיך אזוי צו זיין אונגערעכט".
וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

VOL. I. No. 45. NEW YORK, FRIDAY, NOVEMBER 21, 1919. פרייטאג, נאוועמבער 21, PRICE 3 CENTS

אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר רופט א ספעשעל קאנפערענץ אין וואשינגטאן 13 דעצ.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Nov. 21, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אלס אן איינלאדונג צו דער ספעציעלער קאנפערענץ, האט פרעזידענט שלעזינגער באקומען דעם פאלגענדען צושריפט:

ווערטער הערר און ברודער:

אונגעפעהר מיט א מאנאט פאר דער קריעגס-ערקלעהרונג פון דער רעגיערונג פון די פאראייניגטע שטאאטען האבען די עקזעקוטיווס פון די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע יוניאנס געהאט א קאנפערענץ אין וואשינגטאן און דארטען איז ערקלעהרט געווארען די שטעלונג פון דער ארבייטערשאפט צו אונזער רעגירונג, אין קריעג אדער אין פריעדען, און די ארבייטער האבען עס גוט-געמאכט.

דער וואפענשטילשטאנד איז אונטערשריבען געווארען דעם 11טען נאוועמבער, 1918. די שלאכטען האבען זיך אויטאמאטיש געענדיגט. טעכניש אבער זיינען מיר נאך איצט אין א צושטאנד פון קריעג; דאס אומקעהרען זיך פון דער אינדוסטריע פון קריעגס-צושטאנד צו א באזיס פון פריעדען איז נאך ניט דורכגעפיהרט געווארען. דער פאטריאטישער געפיהל, דאס אונזער לאנד איז אין געפאהר, דער שרעק עס זאל ניט פארניכטעט ווערען דעמאקראטיע און פרייהייט, האט שוין, ווי עס שיינט, זיך בארוהיגט.

אין דיעזען קריטישען רעקאנסטרוקשאן-פעריאד קומט די ארבייטערשאפט פנים אל פנים מיט א גרויסער געפאהר, וועלכע גרייפט אן דעם סאמע פונדאמענט פון איהר געבוי. די סיטואציע ווערט באטראכט פאר אזוי ערנסט, דאס אויף א מיטינג, וואס איז לעצטענס אפגעהאלטען געווארען, האט דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר און די פארטרעטער פון די ריילראוד בראדערהודס איינגעשטימט, דאס די עקזעקוטיווס פון די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע יוניאנס זאלען איינגעלאדען ווערען אנטייל צו נעהמען אין א קאנפערענץ אין די העדקוואדערס פון דער א. פ. אוו ל. דעם 13טען דעצעמבער, 1919, 10 אזייגער אין דער פריה. דארטען וועט מען זיך בעראטען און פארמולירען א פלאן ווי צו האנדלען אפצוהיטען און פארטצוזעצען די רעכטע, אינטערעסען און פרייהייט פון די לוין-ארבייטער, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר די גרויסע מאסע פון פאלק אין אונזער רעפובליק.

עס איז דעריבער גאנץ וויכטיג, דאס פאראנטווארטליכע פארטרעטער פון דער ארבייטער-באוועגונג זאלען באטראכטען די לאגע אין דעם אינדוסטריעלען און לעגיסלאטיווען פעלד און קומען צו א פארשטענדניס וועגען די פונדאמענטאלע פרינציפען און שאפען א פראגראם וועלכען די לוין-ארבייטער וועלען אננעהמען, טועענדיג זייערע פליכטען אלס בירגער און אין דער זעלבער צייט אויפהאלטען דאס רעכט פון פרייע מענשען, און די אינטערעסען פון א מענשליכען וואוילזיין.

מיר האבען זיך דורכגערעדט מיט פארטרעטער פון פארשיעדענע ארגאניזאציאנען פון פארמערס. אין די נעקסטע דרייסיג טעג וועלען דיעזע קערפערשאפטען אפהאלטען קאנווענשאנס. די פארטרעטער פון די פארמערס, כאטש זיי סימפאטיזירען מיט דעם צוועק פון דעם קאנפערענץ, האבען געדענקט, אז זיי האבען ניט די אויטאריטעט צוזושטעלען זייערע נעמען אונטער דיעזען רוף. מיר וועלען אבער צושיקען א פארמעלען צושריפט צו זייערע קאנוועשאנס און זיי איינלאדען צו ערוועהלען פארטרעטער אנטייל צו נעהמען אין דער קאנפערענץ, דעם 13טען דעצעמבער, מיט אויטאריטעט צו רעדען אין נאמען פון די ארגאניזאציאנען, וואס זיי פארטרעטען.

איהר ווערט דרינגענד אויפגעפאדערט פערזענליך ביייצוואוינען דעם קאנפערענץ און דורך דעם געבען א גאנץ טיכטיגען און פאראנטווארטליכען אויסדרוק, וואס עס איז אם בעסטען צו טאן אין דער יעצטיגער סיטואציע.

עקזעקוטיוו קאוסיל, אמעריקאן פעדעריישאן אף לייבאר.
סעמועל גאמפערס, פרעז.
דזשיימס דאנקאן, וויים-פרעז.
דזש. פ. וואלענטיין, 2טער וויים-פרעז.
פרענק דאפי, 3טער וויים-פרעז.
וויליאם גרין, 4טער וויים-פרעז.
וו. ד. מאהאן, 5טער וויים-פרעז.
ט. אל. דיקערט, 6טער וויים-פרעז.
דזשייקאב פישער, 7טער וויים-פרעז.
מעטהיו דזש. וואלל, 8טער וויים-פרעז.
דעניעל דזש. טאבין, טרעזש.
פרענק מאריסאן, סעק.
וואָרען ס. סטאן, גרענד טשיעף בראד. לאקאמאטיוו אינדזש.
טימאטי שיא, גרענד טשיעף בראד. לאקאמא. פייערמען.
וו. ע. לי, גרענד טשיעף, בראד. אוו ריילראוד טריינמען.
ל. ע. שעפארד, גרענד טשיעף ארדער רעלוועי קאנדוקטארס אוו אמעריקא.

ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17 טוט איהר גרויסע פליכט צו די שטאל ארבייטער

6000 דאלאר געזאמעלט אין איין וואך. נאך מעהר געלט ווערט ערוואדטעט.

אייף אנאנדער פלאץ אין דעם נומער דרוקען מיר די נעמען פון די שעפער און די סומע וויפיעל יעדער שאפ האט בייגעשטייערט. די נעמען פון די שעפער וועלען געדרוקט נאכ'ן „אלף-בית" און יעדער איינער וועט לייכט קענען געפינען דעם נאמען פון זיין שאפ.

עס איז אונזער גרעסטער שטאלץ, דאס מעמבערס פון דער ריפער מאכער יוניאן האבען זיך אזוי גרויסמוטיג אפגערופען אויף דעם רוף פון דער אינטערנעשאנאל. אונז פרעהט צו זעהן, אז אונזער מעמבערשיפ (מיט קליינע אויסנאמען) באגרייפט גרינדליך דעם הויפט-געדאנק פון אונזער באוועגונג. א יוניאן איז ניט קיין קערפערשאפט פאר א י י ג ע נ ע מאטריעלע פארבעסערונגען. א יוניאן איז א פעסטונג פון דעם ריזיגען פארטיידיגונגס בנין, וואס די ארבייטער האבען מיט זייער בלוט און שוויים אויפגעבויט איבער'ן גאנצען לאנד. דעריבער טאר קיין יוניאן ניט שטעהן פון דער ווייטענס ווען די ריזיגע קאנאנען פון קאפיטאל מאכען אן אטאקע אויף וועלכען ניט איז טייל פון דער ארבייטער באוועגונג. אלע מוזען זיין אין „ליין" און טראגען די פארלוסטען פון דער שלאכט מיט דרעזעלבער ברייטהארציגקייט און דעמזעלבען פארגעניגען ווי די וועמענס מזל עס איז צו זיין אין די ערשטע רייהען טרענטשעס. די זעקס טויזענד דאלער, וועלכע די ריפער מאכער האבען בייגעשטייערט אין פארלויף פון לעצטער וואך, וועט פארוואנדעלט ווערען אין 60 טויזענד לעבלאך ברויט פאר די סטרייקערס. דאס וועט ציטוויליג שטילען זייער הונגער און זיי געבען קרעפטען פארטצוזעצען זייער קאמפף.

דאס איז אבער נאך ניט אלעס. טוענדיג אונזער פליכט צו דריי הונדערט פופציג טויזענד שטאל סטרייקערס, האבען מיר זיי פאר איין גאנג געשיקט א גרוס פון ערמוטיגונג. זיי ווייסען יעצט, די סטרייקערס, אז טויזענדע הערצער קלאפען אין הארמאניע מיט זייערע, טויזענדע נשמות גארען און לעכצען פאר זייער סוקסעס. זיי ווייסען אז זיי זיינען ניט אליין אין זייער קאמפף. אלע וואס דענקען און פיהלען ווינשען די שטאל סטרייקער ערפאלג אין זייער קאמף און די ריפערמאכער געפינען זיך איצט צווישען דיעזע מענשען.

פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן שטעלט ארויס נייע פאדערונגען

נאך פיעלע מיטינגען פון פילאדעלפיער דזשאינט באארד, ווען אלע פאדערונגען זיינען געמאסטען און געוואויגען געווארען, נאכדעם ווי יעדער פונקט איז פיעל דיסקוטירט געווארען פון דעם דזשאינט באארד צוזאמען מיט פרעזידענט שלעזינגער און סעקרעטער באראף פון ניו יארק, ווי אויך ביי די מיטינגען פון אלע לאקאל יוניאנס, זיינען די נייע פאדערונגען אויסגעארבייט געווארען, וועלכע זיינען, צוזאמען מיט א בריעף, געשיקט געווארען צו די בעלי-בתים.

דיעזע פאדערונגען זיינען אויך געשיקט געווארען צו דער באסעס אסאסיאיישאן, און עס איז איהר געגעבען געווארען צייט ביז מאנטאג, דעם 24טען נאוועמבער, צו ענטפערען.

נעקסטע וואך וועלען מיר שוין קענען באריכטען דעם רעזולטאט, דאס הייסט דעם ענטפער פון די בעלי-בתים.

אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר אויך איבערגעבען די פאדערונגען, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, פונקט ביי פונקט, און אויך דעם בריעף וואס די יוניאן האט מיט די פאדערונגען צוגעשיקט צו די קלאוק-מאנופעקטשורערס פון פילאדעלפיא. אין די פונקטען פון די נייע פאדערונגען געפינט זיך וואך-ארבייט, א 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך און באשטימטע מינימום סקיילס פאר אלע באזונדערע פאכען אין דער קלאוק-אינדוסטריע.

אן אינדזשאנקשאן געגען דער ריינקאוטמאכער יוניאן לאקאל 20

לעצטע וואך האבען מיר געמעלדעט וועגען אן אינדזשאנקשאן געגען דער טשילדרען'ס דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 50. די הירינג אין קאורט איז אפגעלעגט געווארען אויף דער וואך. היינטיגס מאל האבען מיר צו מעלדען וועגען א צווייטען אינדזשאנקשאן — דעם מאל געגען אונזער ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20.

פאר די לעצטע 15 וואכען, זינט נאך דעם לעצטען גענעראל סטרייק פון די ריינקאוט מאכער אין ניו יארק, פיהרט די יוניאן אן א סטרייק אין דעם שאפ פון באס סילבער, אין ריטשמאנד טארענפייק, לאנג איילאנד.

דער סטרייק איז א פארביטערטער. פאר די לעצטע 5—6 יאהר איז דער שאפ געווען א סקעב-שאפ. אין דעם לעצטען סטרייק זיינען אלע ארבייטער ארונטער און זיי שטעהען נאך ביז היינט אין סטרייק. דער באס האט ערגעץ געקראגען א פאר סקעבס. דער שאפ ווערט די גאנצע צייט גערפיקעט און דער באס האט זיך געווענדעט אין קאורט נאך אן אינדזשאנקשאן און ער האט דאס אויך באקומען. עס דארף נאך אבער פארקומען וועגען דעם א צווייטע הירינג אין קאורט די וואך.

די יוניאן איז אין געריכט פארטראטען דורך עקס קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן.

דער סטרייק קאסט שוין דער יוניאן א סך געלד און מיה. די ארבייטער זיינען אבער ענטשלאסען ווייטער צו סטרייקען ביז די איינגעשפארטקייט פון באס וועט דאך געבראכען ווערען.

אינהאלט-פארצייכניס

גערעכטיגקייט נומער 45.

זייט 2. די וואך — נ. בוכוואלד. דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 3. די ציעלען און פראבלעמען פון אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט — דר. לואיס ס. פרידלאנד.
זייט 4. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען — י. מאזעסאן, ע. ליכטענשטיין, מ. וואלאך.
זייט 5. אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.
זייט 6. די רוימישע פרוי — דר. אסתר לוריע. זאמלונגען אין די ריפער שעפער פאר די שטאל סטרייקער — דזש. העללער.
זייט 7. אינטערעסאנטע פאסירונגען אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון שיקאגא — ה. סקולמאן. די ווירקונג פון די הויכע לעבענס-קאסטען אויף אונזער געזונד — דר. מאקס געטנער.
זייט 8. א געיעג נאך ליעבע (ראמאן) — פאלינא וואלמי.
זייט 9. ראמאן. אינסטאליישאן מיטינג פון לאקאל 25 עקז. באארד — י. שעהנהאלץ.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל.
זייט 11. דער לעצטער קאמפיין — מ. באראנאוו. דער אינטערנאציאנאלער קאנפערענץ פון דער „ארבייטער סעקציע" צו דער „ליעג אוו נייישאנס" — ה. לאנג.
זייט 12. די ארבייט פון דער אינטערנעשאנאל פאר די לעצטע פאר מאנאטען — אב. באראף. ווען א פאליסמאן באגעהט זעלבסטמארד (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 13. „פארבלאנדזשעטע" (ערצעהלונג) — שמואל דייקסעל.
זייט 14. וועלכע געזעצע דארפען די ארבייטער אויספאלגען? — ב. מיימאן. ליעדער — י. אדלער.
זייט 15. די פרויען-וועלט — ראזע בעדריק (בלינדער). קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.
זייטען 16, 17, 18 און 19. אדווערטייזמענטס.
זייט 20. צו דער איינשטעלונג פון דער נייער עקזעקוטיווע אין דער וויסט און דרעסמאכער יוניאן ל. 25 — א סטאף רעפארטער.

אינטערנעשאנאל עדיוקיישא־נאל דעפארטמענט

א וויכטיגער מיטינג פון דזשאינט קאנפערענץ דעם שבת בייטאג. — רע־דזשיסטריישאן פאר מעמבערס געהט נאך אן. — די קורסען און לעק־טשורס אין אלע יוניטי סענטערס אנגעפאנגען. — אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל ארבייט אין פילאדעלפיא.

א וויכטיגער מיטינג פון דעם באַ־שטענדיגען דזשאינט קאנפערענץ פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון אונזערע לא־קאלס אין ניו יארק וועט אפגעהאלטען ווערען דעם שבת, דעם 15טען נאוועמבער, 2 אוהר נאכמיטאג, אין קאונסיל רום פון דעם אינטערנעשאנאל אפיס, 31 יוניאן סקווער. דאס וועט זיין דער צווייטער צוזאמענקונפט פון דעם דזשאינט קאנפע־רענץ צו דיסקוטירען זעהר וויכטיגע פראגען.

אויף דעם קאנפערענץ וועט אויסגע־קליבען ווערען א באשטענדיגער סעקרע־טער, און עס וועט דיסקוטירט ווערען די קורסען פאר אקטיווע מיטגליעדער פון דער יוניאן. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ערווארט, דאס אלע עדיוקיישאנאל קאמי־טעס פון די לאקאלס וועלען זיין דארט אין זייער גאנצער צאהל. עס זיינען דא צו באטראכטען פיעלע וויכטיגע פראגען פון דעם מאמענט און דער ראט און די מיטארבייטערשאפט פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די לאקאלס איז נויטיג. מיר דארפען אימער געדענקען אונזער עדיוקיי־שאנאל מאטא: „לערנט צו רעדזשיסטרי־רען! לעבט אום צו לערנען! לערענט אום צו לעבען!“ אויף דעם אופן מוזען מיר פארשפרייטען די בשורה פון בילדונג און ערציהונג.

די עקזעקוטיוו עדיוקיישאנאל קאמיטע און דער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, דר. ל. ס. פרידלאנד, מאכען מיט צופריעדענ־הייט באקאנט, דאס אין אלע אונזערע יוניטי סענטערס איז די ארבייט שוין אין פולען גאנג. די רעדזשיסטרירונגען זיינען צופריעדענשטעלענד, אבער מיר אלע פיה־לען, אז עס קען נאך פיעל בעסער זיין. ווען יעדער מיטגליעד פון דער אינטער־נעשאנאל, וואס האט זיך איינגעשריבען און אטענדעט אונזערע קלאסען, וואלט זא־גען איינעם אדער צוויי פון זיינע מיט־ארבייטער אין שאפ וועגען דער געלעגענ־הייט, וואס מיר גיבען די מיטגליעדער צום לערנען, זיך צו ענטוויקלען, דורך אונזער עדיוקיישאנאל ארבייט, וואלטען מיר, אהן גרויסע שוועריגקייטען, קענען פארדאפלען אונזער רעדזשיסטריישאן־ליסט.

אלע מיטגליעדער, וואס ווילען זיך רע־דזשיסטרירען פאר די קורסען אין דעם בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 54, אינטערוויל עווענו און פרימאן סט., ווי אויך אלע די, וואס האבען זיך שוין רעדזשיסטרירט אין אפיס פון זייער לא־קאל יוניאן, זיינען געבעטען זיך צו מעל־דען צו מר. טאלבאט, דעם עדיוקיישאנאל אדווייזער, וועלכער וועט אהיימען אנווייזען זייערע קלאסען און געבען אלע נויטיגע אינפארמאציעס. מר. טאלבאט גע־פינט זיך אין רום 351 פון דער סקוהל־בילדינג.

די יעניגע מיטגליעדער, וואס שרייבען זיך איין פאר די קורסען אין די איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 63, פירסטע סטריט, נעבען ערשטע עווענו, זאלען זיך מעלדען צו מר. גאטהעלף, אויפ׳ן פירטען פלאר פון דער סקוהל.

אין דעם וויעסטמאכער יוניטי סענ־טער, פאבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סט., זאל מען זיך מעלדען צו מיסעס לוסי רעטינג, עדיוקיישאנאל סופערווייזער.

אין דעם בראנזווילער יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 84, סטאון און גלענמאר עווענויס, ברוקלין, זאלען די שילער זיך מעלדען צו מיסס מערי קאהען, וועלכע וועט אויך אנווייזען די קלאסען.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז צוגעגרייט צו פארמירען מעהר עדיוקיי־שאנאל קלאסען, מיט נייע לעהרער, אזוי גיך ווי מעהר מענשען וועלען זיך איינ־שרייבען צום לערנען. מיר וועלען דאן מיט צופריעדענהייט אויסברייטען אונזער ארבייט.

דא איז א צעטעל פון לעקטשורס פאר דער וואך, וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט׳ן 10טען נאוועמבער, 1919.

איסט סייד יוניטי סענ־טער — פאבליק סקוהל 63, 4טע סט. און 1טע עווע., ניו יארק. — דאנערשטאג אווענד, דעם 13טען נאוועמבער, אום 7.45 — די ערשטע לעקטשור פון מיסס עלען א. קענאן וועגען לעבען און דראמא, גאלסווארטי׳ס „זילבערנע קעסטעל“.

בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 54, פרימאן סט. און אינ־טערוויל עווענו. —

שבת, דעם 15טען נאוועמבער, 1:30 נאכמיטאג, ערשטע לעקטשור איבער געזונד — דר. אנא ע. ראבינסאן.

פרייטאג אווענט, אום 7:45, דעם 14טען נאוועמבער — ערשטער לעקטשור פון מרס. אלגא מארקס איבער דער באדיי־טונג פון דער מאדערנער דראמא — ג. הויפטמאן׳ס „די וועבער“.

וויסט מאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סט.

פרייטאג, דעם 14טען נאוועמבער, 8 אוהר אווענד — דר. מאיסעי דזש. אלגין וועט האבען דעם ערשטען מיטינג מיט דער דראמאטישער גרופע, וואו עס וועט דיסקוטירט ווערען פרץ הירשביין׳ס „די פוסטע קרעטשמע“.

בראנזוויל יוניטי סענ־טער, פאבליק סקוהל 84, סטאון און גלענמאר עווענויס, ברוקלין.

דאנערשטאג, דעם 13טען נאוועמבער, 7:45 אווענד — ערשטע לעקטשור פון מר. פרענק טאנענבוים איבער „דער גרונד פאר דער ארבייטער־באוועגונג“.

פרייטאג אווענט, דעם 14טען נאוועמ־בער, 7:45 אוהר — ערשטע לעקטשור פון מיס עלען א. קענאן איבער „לעבען און דראמא“, גאלסווארטהי׳ס „זילבערנע קעסטעלע“.

בולעטין פאר דער וואך פון 17טען נאוועמבער.

איסט סייד יוניטי סענ־טער, פאבליק סקוהל 63, 4טע סט. און ערשטע עווענו.

דיענסטאג, 9 אוהר אווענט, דעם 18טען נאוועמבער — צווייטער לעקטשור פון פרענק טאנענבוים. טעמא: „די קאנ־סערוואטיווע פונקציאנען פון דער ארבייטער באוועגונג.“

דאנערשטאג, 7:45 אווענד, דעם 20טען נאוועמבער — די צווייטע לעק־טשור פון מיס עלען א. קענאן וועגען „חתונה האבען“ פון בערנארד שאא.

בראנזוויל יוניטי סענ־טער, פאבליק סקוהל 84, גלענמאר און סטאון עווענויס, ברוקלין.

דאנערשטאג אווענד, דעם 20טען נא־וועמבער, 7:45 — צווייטער לעקטשור פון פרענק טאנענבוים: „קאנסערוואטיווע פונקציאנען פון דער ארבייטער באווע־גונג“.

פרייטאג, 7:45 אווענד, דעם 21טען נאוועמבער — צווייטע לעקטשור פון מיס עלען א. קענאן וועגען בערנארד שאא.

בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54, אינטערוויל עווענו און פרי־מאן סטריט.

פרייטאג אווענט, 21טען נאוועמבער, 7:45 — צווייטע לעקטשור פון מרס. אלגא מארקס, איבער צוויי פיעסען פון צוויי אידישע שרייבער: שניצלער׳ס „פראפעסאר בערנארדי“ און דוד פינסקי׳ס „דער אוצר“.

שבת, דעם 22טען נאוועמבער, אום 1.30 נאכמיטאג — צווייטע לעקטשור פון דר. אננא ע. ראי ראבינסאן. טעמא: „טרינקוואסער, ווענטילאציע, קליידונג אין זומער און ווינטער.

וויסט מאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 320 א. 20טע סטריט.

דינסטאג, דעם 118טען נאוועמבער, 8.45 אווענט, ערשטע לעקטשור פון מר. סאסקין ראדזשערס „א פארערדג צים טרייד־יוניאניזם“.

פרייטאג: אווענט, דעם 21טען נאוועמ־בער, 8 אוהר, צווייטער קלאס־מיטינג מיט דר. אלגין. עס וועט אנאליזירט ווערען גערהארד הויפטמאנ׳ס פיעסע „איינזאמע מענשען“.

טיקעטס פאר די איווענטען קען מען באקומען אין אפיס פון אונזער עדיוקיי־שאנעל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער און אין אפיס פון דער וויסט און דרעס־מאכער יוניאן לאקאל 25.

וויכטיגע באקאנטמאכונג

איידער די לעקטשורס וועלען זיך אנ־פאנגען, וועלען די סטודענטען באקומען „מימאגראפד“ אויסציגע פון די לעק־טשורס, וועלכע וועלען ענטהאלטען דעם גאנצען אינהאלט. מיר האפען, אז דאס וועט העלפען די שילער צו פארשטעהן די הויפט פונקטען אין די לעקטשורס און דאס וועט ביי זיי ארויסרופען א חשק צו שטעלען פראגען, און דורך דעם מאכען דעם צווייטען טייל פון דער לעקטשור פאר א לעבעדיגער, נוצבארער דיסקוסיאן, אין וועלכע אי די לעהרער, אי די שילער וועלען זיך באטייליגען.

קומט, אלזא, אין וואס א גרעסערער צאהל צו דיזע לעקטשורס. אייער עדיו־קיישאנעל דעפארטמענט און די לעקטשו־רער וועלען טאן זייער טייל, טו טוט זשע איהר אייער טייל.

די „פאלדערס“, וואס ענטהאלטען די לעקטשורס און קורסען פאר די נעקסטע פאר מאנאטען, וועלען באלד פארטיילט ווערען.

עדיוקיישאנעל ארבייט אין פילא־דעלפיא.

לעצטען שבת, דעם 8טען נאוועמבער, האט אונזער עדיוקיישאנעל דירעקטאר, דר. פרידלאנד, בייגעוואוינט א מיטינג פון דער דזשאינט עדיוקיישאנעל קאמיטע אין פילאדעלפיא, פון לאקאל 15 און לאקאל 69. דער מיטינג איז אפגעהאלטען גע־ווארען אין יוניטי סענטער, 38 נארד 11טע סטריט, און ער איז געווען גוט באזוכט. דר. פרידלאנד האט גערעדט וועגען דעם פראגרעס פון דער עדיוקיישאנעל ארבייט אין ניו יארק און האט דיסקוטירט דעם ציעל און צוועק פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנעל ארבייט אין אלגעמיין. ער האט געגעבען זיין ספעציפישע מיינונג, און זיינע פארשלעגע, ווי עס זאל אמבעס־טען אנגעפיהרט ווערען די עדיוקיישאנעל קורסען אין פילאדעלפיא. די רעדזשיסט־רירונג פון די מיטגליעדער אין פילאדעל־פיא פאר די אינטערנעשאנעל קלאסען זעהט אויס גאנץ גוט, אפשר נאך בעסער ווי דא אין ניו יארק. טו לאמיר דעריבער אביסעל מעהר צוארבייטען אום אריינצו־קריגען וואס מעהר מיטגלידער אין אונ־זערע קלאסען.

שבת אווענט האט די קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 69, געגעבען א קאנצערט אין לולו טעמפעל. א גרויסער עולם איז גע־קומען און האבען גאנץ ענטוזיאסטיש אויפגענומען די קאנצערטיסטען, הערמאן וויינבערג, א פידעל שפילער און עסטעלע שריינער, א סאפראנא זינגערין. עס זיינען אויך געהאלטען געווארען צוויי אינטערעסאנטע רעדען. עס האט גערעדט מיסס פאניא מ. קאהן, אונזער וויים פרע־זידענטין און עקזעקוטיוו סעקרעטערי פון דער עדיוקיישאנעל קאמיטע און דר. פרדי־לאנד, אונזער עדיוקיישאנעל דירעקטאר. ביידע רעדנער האבען זיך באזונדערס אפ־געשטעלט אויף דער וויכטיגקייט און נוי־טיגקייט פון די עדיוקיישאנעל ארבייט און געגעבען צו פארשטעהן דעם עולם די פלע־נער פון דער אינטערנעשאנעל עדיוקיישא־נעל קאמיטע. זיי האבען אויך שטארק באטאנט, ווי נויטיג עס איז, אז וואס מעהר מיטגלידער זאלען זיך פאראינטע־רעסירען און מיטהעלפען אין דער אר־בייט; זיי זאלען זיך אליין רעדזשיסטרי־רען פאר די קלאסען און זאלען זעהן אז זייערע פריינד און באקאנטע זאלען דאס אויך טאן.

צום סוף פון דעם מיטינג און קאנצערט האבען א גרויסע צאהל מיטגליעדער פון לאקאל 69 אויף דעם געענטפערט מיט דעם וואס זיי האבען גלייך אויפ׳ן שטעל איינגעשריבען זיך אין די קלאסען. דער מיטינג איז אין יעדער הינזיכט געווען צו־פרידענשטעלענד. אונזערע שוועסטער און ברידער פון פילאדעלפיא האבען אנ־גענומען די מאטא פון אונזער עדיוקיישא־נעל דעפארטמענט: „לערנט אייך רע־דזשיסטרירען! לעבט אום צו לערנען! לערנט אום צו לעבען!“

פרעזידענט שלעזינגער׳ס ערקלערונג אין באצוג דעם בריעף וואס ער האט געשיקט צו סעמועל אונטערמייער

ווען איהר לעזט פארזיכטיג דעם בריעף וועט איהר געפינען, אז דארטען ווערט ניט געזאגט קיין איין ווארט און עס ווערט ניט געגעבען קיין שבח דעם קאנדידאט אוירווינג אונטערמייער. איך רייד דארטען בלויז וועגען דעם פאטער, סעמועל אונ־טערמייער, און אלעס וואס איך זאג וועגען איהם, איז דער אבסאלוטער אמת, אויף וועלכען דער בעסטער סאציאליסט וועט זיך אונטערשרייבען.

דעם בריעף האב איך געשריבען אלס אן ענטפער אויף אן אנפראגע פון מר. סע־מועל אונטערמייער, אן אנפראגע, אויף וועלכער עס איז געווען מיין פליכט צו ענט־פערען אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. אין דיזען בריעף האט ער זיך צו מיר געווענדעט, אלס מאן, וועלכער האט אונזער יוניאן אין די קריטישסטע מא־מענטען מאראליש און פינאנציעל געהאלפען, און פיעל געהאלפען — אלס אזוינער האט ער זיך צו מיר געווענדעט איך זאל ארויסריידען מיין ווארט בנוגע די אטאקעס וואס ווערען איצט אויף איהם געמאכט אלס ראדיקאל, אלס א מיטעל צו שעדיגען זיין זוהן. אין דעם בריעף ווייזט ער אן ספעציעל אויף דעם פונקט, דאס דיזע אנגרייפער זיינע זוכען צו שטעלען אין א דונקעלע ליכט די גוטע ארבייט, וואס ער האט געטאן פאר די קלאוקמאכער אין דעם לאקאוט און סטרייק אין יאהר 1916. (כ׳וויל דא פארבייגעהענדיג באמערקען, אז אין יענעם סטרייק האט מר. אונטערמייער געשטיצט די סטרייקערס מיט 2 טויזענד 5 הונדערט דאל. א וואך פון זיין אייגענעם פאקעט).

איך האב געפיהלט, אז עס איז געווען מיין פליכט אי אלס מענש, אי אלס פאר־שטעהער פון דער ארגאניזאציאן אויף דיזען בריעף צו ענטפערען, און צו זאגען אין דעם בריעף דעם אמת. און דער אמת איז, אז די לידיס גארמענט ארבייטער האבען סעמועל אונטערמייער׳ן פיעל, זעהר פיעל צו פארדאנקען.

איך זעה ניט איין ווי אזוי א לאגישער מענש, א מענש, וואס זוכט ניט צו כאפ־כען פיש אין מוטנע וואסער, קען דיזען בריעף אויסטייטשען אלס אן אינדארסמענט פאר אונטערמייער׳ס זוהן, וועהרענד אין דעם בריעף ווערט ניט מיט איין ווארט דער־מאנט די מעלות אדער חסרונות פון זיין זוהן. אלעס וואס איך שרייב דארט, איז בלויז אז איך פיהל, אז די אטאקעס וואס ווערען געמאכט אויף זיין זוהן אויף דעם גרונד, וואס ער, סעמועל אונטערמייער, האט געהאנדעלט פריינדליך צו ארביי־טער, וועט ניט נאר ניט שעדיגען זיין זוהן׳ס קאנדידאטור, נאר וועט שאפען א גינס־טיגע עפענטליכע מיינונג.

דיזע פראזע איז ניט מעהר ווי אן אויסדרוק פון אנערקענונג פאר סעמועל אונטערמייער׳ס ליבעראלע שטעלונג אין האנדלונג און אן ערמוטיגונג, אז ער זאל אין דער צוקונפט אנגעהן מיט דער זעלבער ליבעראלער פאליסי זיינער.

ווען צו מיר וואלטען זיך געווענדעט מיט דער זעלבער ביטע ווי סעמועל אונ־טערמייער׳ס, אזוינע פערזאנען ווי לואיס מארשאל, דזשייקאב שיף, דזשאדזש מעק. פעליקס אדלער, פראפעסאר קווירטשוועי, דזשאדזש בראנדייס, מיסעס ווילארד סטרייט, אללאן ראבינסאן און דר. מאגנעס, וואלט איך קיין אנדער ענטפער ניט גע־קענט געבען, ווי דעם וואס איך האב געשיקט צו סעמועל אונטערמייער.

דאס וואס דער בריעף איז פון דער דעמאקראטישער קאמפיין קאמיטע אפגעדרוקט געווארען אויף א פאטאגראפירטען לעטער־העד פון אונזער אינטערנעשאנאל מיט אן אונטערשריפט „גוט פאר אוירווינג אונטערמייער“, איז דאס געטאן געווארען אהן אירגענד וועמעס צושטימונג. דער פאקט איז, אז אזוי שנעל ווי מען האט אויפמערק־זאם געמאכט סעמועל אונטערמייער׳ן וועגען דעם, האט ער באלד געמאכט אן עפענט־ליכע ערקלעהרונג, אז ער באדויערט דעם פאל און ער האט באלד געהייסען עס צוריק־ציהען.

איך האב אין דעם פאל אזוי ווי אימער געהאנדעלט אין די בעסטע אינטערעסען פון די צוועהנדליגע טויזענדע מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון דער אר־בייטער באוועגונג אין אלגעמיין.